STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00053

BERURYE UN ANDERE DERTSEYLUNGEN

David Pinski

Permanent preservation of this book was made possible by
Herman & RoseMarie Goodman
in honor of
the Gantse Mishpokhe Goodman-Ehrlich-Liggett & Laine

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד פינסקי

ברוריה

און אנדערע דערציילונגען

ארויסגעגעבן דורך
„דוד פינסקי ביכער, אינקארפארירט"

Printed in Poland
by
Farlag Ch. Brzoza, Warszawa.

D. Piński: Beruria.
Wydawn. Ch. Brzoza, Warszawa, 1938.

Druk. „Grafia", Nowolipki 7.

I.

ברוריה

דעם אייביקן אָנדענק פון מיין ליכטיקן
זונעניו גאַברי (געבאָרן דעם 11־טן מערץ,
1909, געשטאָרבן דעם 14־טן אויגוסט
1916) ג ע ו ו י ד מ ע ט — די ערצעלונג,
וועלכע איך האָב אָנגעהויבן צוויי און
פערציק שטונדן פאַר זיין טויט, אין פרוי־
דיקער זיכערהייט, אַז זיין ביסל קראַנק־
זיין וועט שנעל פאַראיבער, אָן דעם
קלענסטן פאַרגעפיל, אַז איך און זיין
וואונדערבאַרע מאמע וועלן באַלד דאַרפן
זוכן טרייסט אין איר.

א.

מיט אַלע מעלות איז געווען געבענטשט ברוריה, די ווייב פון דעם גרויסן תנאי רבי מאיר. עס איז געווען, ווען גאָטס האַרץ איז אָנגעפילט געוואָרן מיט גרויס רחמנות אויף דאָס שווערע לעבן פון זיין יידישן פאָלק, וואָס האָט ערשט זיין זעלבסטשטענדיקייט און זיין פרייהייט פארלאָרן, האָט ער ארויסגענומען איר נשמה פון אונטער זיין כסא הכבוד און אראָפּגעשיקט זי אויף דער ערד. „גיי און דערפריי די הערצער פון די עלנדע און פארוואָגלטע, ברענג נחת־רוח צו די פאר־אבלטע און פארטרויערטע. ווער עס וועט דיך דערזען, זאָל וויסן, אז דאָס לעבן איז ווערט געלעבט צו ווערן, און פארשטיין, אז ער האָט א גרויסן גאָט, וואָס קאָן הערלעכעס שאפן, און זאָל לויבן און בענטשן מיין נאָמען.״

און אזוי אויך האָט זי געהייסן ברוריה — די אויסגע־ווײלטע פון גאָט; אָבער די רוימער האָבן זי גערופן וואַלעריאַ— די געבענטשטע.

שיין איז זי געווען אזוי, אז ביי דעם הערלעכסטן זונאונ־טערגאַנג האָבן די אויגן פון באוואונדערער ארומגעבלאָנדזשעט פון דער זון צו איר און פון איר צו דער זון, און קיינער האָט נישט געקאָנט באשטימען, וואו איז די גרעסערע שיינהייט און ווער איז דאָס גרעסערע וואונדער. אָבער ביי קידוש־לבנה האָט זי זיך קיינמאָל נישט געטאָרט באווייזן אין גאַס, כדי די לבנה

זאָל זיך נישט באַהאַלטן פאַר דער גרעסערער שיינהייט, און די יידן וועלן נישט קאָנען מקדש זיין די לבנה. — ווען זי איז דורכגעגאַנגען אַ גאַס, זיינען אַלע גייער שטיין געבליבן, כדי זיי זאָלן נישט אַריינפאַלן אין גריבער אונטער די פיס אָדער זאָלן נישט געשטרויכלט ווערן איבער אַ שטיין אין וועג, ווייל די אויגן האָט מען נאָר געברויכט אויף איר. און די שווערע גאַס־אַרבעטער האָבן געזאָגט, ווען זיי האָבן זי אָנגעקוקט: „דאָס איז אָבער געוועזן באַלזאַם צו די מידע גלידער. יעצט וועט די אַרבעט גיין אונז ווידער לייכט.״ און די, וואָס זיינען געזעסן אין זייערע הייזער, האָבן געזאָגט: „האָט עס יעצט נישט אַ ליבן שיין געטאָן אין הויז? מסתמא איז ברוריה פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי די פענסטער.״ די חכמים האָבן אָבער דעמאָלט איינגעפירט אַ נייע ברכה, מיט וועלכער יידן זאָלן לויבן און בענטשן גאָט דערפאַר, וואָס ער האָט אָנגעטיילט מיט זיין שיינהייט אַ בשר ודם.

און קלוג איז זי געוועזן אַזוי, אַז די קלוגע זקנים פון איר צייט האָבן געזאָגט: „זאָלן מיר נישט אָנטאָן וווייבערקליידער און איר איבערגעבן אונזערע מענערקליידער, ווייל מיט איר זיינען מיר ווי די אַלטע ווייבער, ביי וועלכע עס האָט זיך שוין לאַנג אויסגעוועבט דאָס ביסל שכל, וואָס זיי האָבן ווען פאַרמאָגט, און זי האָט אין זיך דעם שכל פון אַלע אונזערע יאָרן צוזאַמענגענומען.״ און ווען אַ מאַן פלעגט זידלען זיין ווייב און זאָגן, אַז אַ פרוי האָט לאַנגע האָר און קורצן שכל, פלעגט די ווייב צוואַרפן אים: „און ברוריה?״ דאַן האָט דער מאַן געכאַפּט זיך, אַז ער האָט זיך פאַררעדט און אַז זיין אייגענע ווייב איז קליגער פאַר אים, ווייל זי האָט אים אַזוי קלוג דערמאָנט אָן ברוריהן. די חכמים האָבן אָבער דעמאָלט איינגעפירט אַ נייע ברכה, מיט וועלכער יידן זאָלן לויבן און בענטשן גאָט דערפאַר, וואָס ער האָט אָנגעטיילט מיט זיין קלוגהייט אַ בשר ודם.

אָבער אויך זייער געלערנט איז געוועזן ברוריה. אין תורה שבכתב איז זי געוועזן אַזוי זיכער, ווי אויף אַן אויסגעטראָטענעם וועג, און פאַר תורה שבעל פה איז זי געוועזן ווי אַ

שראנק, אין וועלכן מען טוט ספרים אריין. מיט קלארער איינפאכקייט האט זי פאררייניקט אין זיך גרויסע שארפזיני־קייט, און די תורה איז א פעלד, וואס מען קאן באארבעטן נאר מיט די געצייג. א סך פלאנטערס האט ברוריה פאנאנדער־געפלאנטערט, און א סך טונקעלע שטעלן האט זי העל אויפ־געלויכטן, איר ווארט און פסק דין האבן געגאלטן, ווי דאס ווארט און פסק דין פון איר מאן, דעם גרויסן תנאי רבי מאיר. אבער פון רבי מאירן, וועלכער איז געווען דער גרעס־טער פון זיין צייט און אזוי שארפזיניק, אז ער האט געקאנט מטהר זיין א שרץ מיט ק״ן טעמים, האט מען געזאגט: „עס איז נישט קיין וואונדער, אז ער ווייס אזוי פיל און איז אזוי שארפזיניק: ער האט דאך ברוריהן פאר א ווייב!״

דאך רבי מאירן האבן די ווערטער נישט געארט און נישט באליידיקט, ווייל ער איז זייער שטאלץ געווען אויף איר, און ער האט זי אומענדלעך געליבט. און יעדן טאג פלעגט ער זאגן אין זיינע תפלות: „א וואונדערבארן איידלשטיין האסטו באשאפן און פון אלע דיינע קנעכט האסטו מיך אויסגעקליבן מיט אים צו באשיינען — ווי זאל איך דיר דאנקען, גאט?״.

ב.

האָבן די תּלמידים פון רבי מאיר געזאָגט: „מיט אַלע מעלות איז געבענטשט געוואָרן ברוריה און צו אַ וואונדערבארן איידלשטיין גלייכט זי צו אונזער רבי, מיט וועלכן גאָט האָט אויסגעקליבן אים צו באַשיינען, אָבער צי איז דאָך נישט איר הארץ בלויז דאָס שוואַכע הארץ פון אַ פרוי, און ווי די פאַרבן אין דעם איידלשטיין, אַזוי שפּילן און בייטן זיך אין איר די תּאוות? ווער זאָגט אונז, אַז אירע אויערן זיינען פאַר־שטאָפּט צו פאַרפירערישע רייד, וועלכע פאַלן אויף איר ווי הייסע פונקען און מאַכן איר הארץ ווי וואַקס צוגיין? מיט אַלע מעלות איז אויך געבענטשט געוועזן אונזער מוטער חוה, פון וועלכער אַלע וויטערע דורות ווייבער זיינען בלויז אַן אָפּגלאַנץ, און דאָך זיינען אירע אויערן אָפן געוועזן פאַר דער שלאַנג. און וואו חוה איז געפאַלן, וועט ברוריה זיכער נישט קאָנען איינשטיין.״

אַזוי האָבן גערעדט צווישן זיך די תּלמידים פון רבי מאיר, ביז איינמאָל איז עס דערגאַנגען ביז צו די אויערן פון דעם גרויסן תּנא. צוערשט איז ער זייער אויפגעבראַכט געוואָרן, און זיין כעס האָט אין אים געקאָכט, ווי דאָס זידנדיקע וואַסער אין אַ פייערקעסל. ער האָט געוואָלט טרעפן מיט זיין צאָרן אַלע זיינע תּלמידים און פאַרטרייבן זיי פון זיך. ווי דערוועגן זיי זיך צו צווייפלען אין איר צניעות און אין איר ריינקייט און אין איר שטאַרקייט אין בייצושטיין אַלע פאַרפירונגען! איז נישט ברוריה אַ יום־טוב־קינד ביי גאָט, און ווער עס באַ־

ליידיקט זי מיט זיינע צווייפל, איז מחלל יום־טוב, איז א זינ־דיקער און נישט ווערט צו זיצן פאר אים און הערן פון אים תורה?

אבער ער, וועלכער האט געקאנט מטהר זיין א שרץ מיט ק״ן טעמים, האט באלד געטראכט פארקערט. ווען ער שיקט אוועק פון זיך זיינע תלמידים פאר די צווייפל, וועלכע זיי האבן אויסגעדריקט אין ברוריהן, וועלן זיי אוועקגיין און זאגן: „ווען מיר וואלטן געוועזן אומגערעכט מיט אונזערע צווייפל, וואלט רבי מאיר זיך אויסגעלאכט פון אונז און וואלט די צווייפל אויך באלד פארגעסן. אבער ווייל זיי זיינען גע־רעכטע, איז ער אריינגעפאלן אין כעס און האט אונז פאר־טריבן פון זיך.״

זיין גרויסער כעס איז יעצט אריבער אין א גרויסער פאראכטונג, אבער דער שארפער קאפ האט ווייטער געטראכט: בייז איז דעם מענטשנס צונג און געמיין איז דער צווייפל פון זיין הארץ. אויף מטהר צו זיין א שרץ מוז מען זיין א רבי מאיר, אבער אויף מטמא צו זיין א ברוריה, איז גענוג צו זיין א שרץ. ביז צו דעם טאג פון איר טויט וועלן זיי נישט אויפ־הערן צו רעדן, און ווען איר הערלעכע נשמה וועט פארלאזן איר הערלעכן לייב אומבאפלעקט און ריין פון זינד, וועלן זיי זאגן: זי איז געשטארבן ריין, ווייל צו איר איז די שלאנג נישט צוגעשטאנען און ווייל גאט האט זי נישט אויסגעפרו־בירט מיט פארפירונג. און דאן וועלן זיי נאך זאגן: גאט פרואווט אויס בלויז זיינע שטארקע. אבער ווייל ער האט גע־וואוסט ברוריהס הארץ, אז דאס איז שוואך פאר דעם פאר־פירער, האט ער זי נישט אויסגעפרואווט און אפגעהיט זי פון פארפירונג.

ביי דעם געדאנק האט ער דערפילט א גרויסע שוואכקייט אין זיין גאנצן קערפער, און א שווייס איז ארויסגעטראטן אויף זיין הויכן שטערן. וואס טאן, אז די גיפטיקע שלאנגען-צינגער זאלן אזוי נישט שטעכן אין זיין ברוריה, און ווי מאכן, אז יעדער געדאנק וועגן איר זאל זיין אזוי ריין ווי איר הארץ?

זיין גרויסער שכל האָט זיך באַלד דערטראַכט און אים אונטערגעזאָגט: „זאָלן זיי זי אויספּרובירן!"

אַ שוידער איז אים דורכגעלאָפן, און עס איז אים גע־וועזן, ווי ער וואָלט זיך דאַרפן שעמען פאַר די פיר ווענט, אין וועלכע ער האָט זיך דערוועגט אַזוינס צו טראַכטן. אָבער ער האָט שוין נישט געקאָנט צוריק פון דעם געדאַנק, וועלכער האָט אים אויסגעזען פאַר דעם איינציקן אויסוועג. מיט אויס־פּרובירן זי וועלן פערשטאָפּט ווערן די בייזע מיילער אויף אייביק, און אַלע וועלן זען, אַז ברוריה זיין ווייב האָט אַ ריין האַרץ ווי אַ ריינעם גייסט, אַז איר צניעות איז אַזוי גרויס ווי איר שיינהייט, און איר טרייהייט צו אים איז אַזוי גרויס ווי איר קלוגהייט. און דעמאָלט ערשט וועלן זיי באַגרייפן, ווי גרויס איז גאָטס חסד צו זייער דור, אין וועלכן זיין ברוריה לעבט. און ווי גרויס איז זיין אייגן אָנזען ביי גאָט, וואָס ער האָט אים זי געגעבן פאַר אַ ווייב.

און רבי מאיר האָט געטראַכט אַ טאָג און צוויי און דריי. זיין עס־לוסט איז אים אָפּגעפאַלן, זיין שלאָף האָט אים פאַר־לאָזן, און געדאַנקען האָבן זיך אין אים געמערט מיט דער שנעל־קייט פון אַ בליץ — איין געדאַנק האָט ארויסגעבראַכט דעם אַנדערן, איינער האָט דעם אַנדערן אונטערגעשטיצט און איי־נער האָט דעם אַנדערן געפּסלט. בערג און בערג פון געדאַנ־קען, טיפע, שאַרפע, וווייטגייענדיקע. און צווישן זיי זיינען געוועזן געדאַנקען, פאַר וועלכע ער האָט זיך געשעמט, וועלכע האָבן אים שטאַרק באַאומרואיקט און ארויסגערופן ביי אים אַ כעס אויף זיך אַליין. ווי קומען זיי גאָר צו אים? די צווייפל — ווי האָבן זיי געקאָנט געפינען איינטריט אין אים? ווי קאָן ער, ער אַליין, וועלכער ווייס דאָך איר האַרץ אַזוי גוט און פאַר וועמען אירע געדאַנקען זיינען ווי אַן אָפן בוך—! האָט זי נישט גענוג באַוויזן, ווי פרום און שטאַרק זי איז, ביים טויט פון אירע קינדער? האָט דען נישט די גאַנצע וועלט דע־מאָלט איינגעזען, אַז איינציק איז זיין ברוריה?

אָבער דער פרומער תנא, וועלכער האָט דעם כח פון דעם שטן צוגעגליכן צו דעם כח פון גאָט און טויזנטער וואַרנונגען

ארויסגעשיקט אין לעבן קעגן דעם יצר הרע, האָט מיט שוידער געזוכט פאַרטיידיקונג פאַר זיך און זיין אייגענער יצר־הרע־כּוּרא. און פאַרשעמטערהייט, מיט אַ ציטער אויף די ליפּן האָט ער געפּליסטערט:

„זיי מיר מוחל, ברוריה, דו הייליקע מיינע, אָבער זאָלן זיי דיך אויספּרואוון."

ג.

האָט רבי מאיר פאַרזאַמלט צו זיך אַלע זיינע תּלמידים און געזאָגט צו זיי:

„עס האָט דערגרייכט צו מיר, וואָס איר רעדט וועגן ברוריה מיין ווייב, און אייערע צווייפל וועגן איר האָבן פאַר־נומען מיינע אויערן. ווען איינער האָט צווייפל אין זיין חבר אָן קיין שום גרונט, וואָס זאָל דער חבר טאָן? זאָל ער נישט קומען און זאָגן: וואָס איז דער גרונט פון דיינע צווייפל, און דיינע ספקות מיט וואָס האָב איך זיי ביי דיר ארויסגערופן? און זאָל ער נישט זאָגן: דו ביזט אַ שלעכטער חבר, אַז נישט וואָלסטו קיין צווייפל צו מיר נישט ארויסגערופן, ווען דו האָסט קיין גרונד צו זיי נישט. זאָל איך אייך יעצט נישט זאָגן, אַז איר זייט אַלע שלעכטע מענטשן, נישט ווערט צו זיצן פאַר מיר, ווייל אייערע אייגענע מחשבות זיינען זינדיק און איר אַליין זייט אַ שפּילצייג אין די הענט פון דעם פאַרפירער, דערפאַר צווייפלט איר אויך אין דער ריינקייט פון ברוריה מיין ווייב? וואָלט איך נישט געווען גערעכט, ווען איך שיק אייך אַלעמען אוועק פון מיר און שטאָס פאַר אייך צו די קוואַלן פון מיין תורה?“

אַ שרעק איז אָנגעפאַלן אויף די תּלמידים און אַ גרויסע אומרואיקייט האָט זיך באַזעצט אין זיי. די פון זיי, וועלכע האָבן מער פון אַלעמען ארויסגעזאָגט די צווייפל און פאַר־שפּרייט זיי, זיינען געבליבן זיצן מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן, פאַרשעמטע און געשלאָגענע. אָבער די פון זיי, וועלכע האָבן

זיך נאָר צוגעהערט צו די צווייפל און אַליין זיי קיינמאָל נישט ארויסגערעדט, האָבן געקוקט ארום זיך דערשראָקענע, אויפגער־רודערטע, ווי זיי וואָלטן געזוכט די שולדיקע. און איינער איז אויפגעשטאַנען און האָט געזאָגט:

„רבי, דו וועסט דאָך נישט באַשטראָפן די הערער ווי די ריידער."

אָבער רבי מאיר האָט געענטפערט:

„איין שטראָף פאַר די הערער ווי פאַר די ריידער. ווייל נישט די מויז אַליין איז דער גנב, נאָר אויך דאָס לאָך."

דאָ האָבן די תלמידים ארויסגערעדט שטיל און פאַר־שעמט:

„אָבער מיר צווייפלען נישט מער."

רבי מאיר האָט זיך צולאַכט:

„שיינע תלמידים האָב איך אין אייך, און איר וועט עס פאַרשפרייטן די תורה אין ישראל! איר וועט דאָך מטהר זיין א שרץ נאָר אויס איין טעם: ווען עס וועט זיך אייך לוינען."

נאָך אַראָפּגעפאַלענער זיינען בייז זיך געבליבן די תלמידים, און רבי מאיר האָט ווייטער גערעדט צו זיי, אויף זיין שטייגער, מיט א משל:

„א פוקס האָט אָנגעטראָפן א הון און צו איר געזאָגט: „איך האָב געהערט אויף דיר זאָגן, אז דו צווייפלסט, אז איך בין פון אַלע חיות די צניעותדיקסטע, דערפאַר וועל איך דיך גלייך צורייסן." האָט זיך די הון דערשראָקן און ארויסגערעדט מיט תחנונים: „איך צווייפל עס נישט, און אויב איך האָב עס ווען געצווייפלט, וועל איך שוין מער נישט צווייפלען." און דער פוקס, וועלכער איז געווען גוט אויפגעלייגט, ווייל ער איז געווען זאַט, האָט ווייטער געזאָגט צו איר: „איך לאָז דיך יעצט אָפּ, אָבער געדענק, אויב דו וועסט נאָר ווען עס איז ארויסברענגען פון דיין מויל דעם קלענסטן צווייפל, ביזטו א בן־מות." האָט די הון זיך געשוואָרן, אז זי וועט קיינמאָל נישט ארויסברענגען פון איר מויל דעם קלענסטן צווייפל. אָבער ווען דער פוקס האָט זי אָפּגעלאָזן און איז אוועקגעגאַנגען פון איר, האָט זי אונטערגעלייגט איר קאָפּ אונטער איר פליגל און

אזוי בגנבהדיק אריינגעטראַכט אין זיך, אַז עס איז נישטאָ קיין גרעסערער רשע ווי דער פּוקס."

יעצט האָט רבי מאיר דערהעכערט זיין שטימע און געזאָגט:

„ניין, נישט מיט אָנשרעקן וועל איך פאַרניכטן אין אייך די צווייפל, וועלכע איר טראָגט צו ברוריה מיין ווייב. איר וועט זיי דאָך בלויז באַגראָבן ביי זיך טיף אין האַרצן און אָנזאָגן אייערע געדאַנקען, זיי זאָלן זיך קיינמאָל נישט אַרויס־דערוועגן אויף אייערע ליפּן. איר וועט אייך זאָגן, אַז איר זייט גערעכט, נאָר ווייל איר האָט מיך נישט געוואָלט פאַר־לירן, האָט איר זיך אונטערגעגעבן. אָבער איך וויל, איר זאָלט אויף אַן אמת מער נישט צווייפלען. פון אייערע הערצער זאָלן די צווייפל אַרויסגעטריבן ווערן און אייערע נשמות זאָלן פון זיי אויסגעהיילט ווערן."

די תלמידים זיינען געזעסן שטיל, ווי זיי וואָלטן באַ־טראַכט, ווי דאָס זאָל געשען, און איינער אַ נישט־פאַרזיכ־טיקער האָט אויסגערופן:

„אַז דו צווייפלסט נישט, וועלן מיר אויך נישט צווייפלען."

רבי מאירס געזיכט איז צוערשט זייער רויט געוואָרן. אָבער דאַמאָלס האָט ער קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, ווי ער וואָלט זיך איינגעהאַלטן צו רעדן אין זיין גרויסן כעס. דערנאָך איז זיין געזיכט גאַנץ בלייך געוואָרן, און איינגעפאַלן און אויסגעצויגן, פון גרויסער אויפרעגונג אין אים, און ער האָט געזאָגט:

„ווי דעם, וועמעס געדאַנקען זיינען די געדאַנקען פון אַ נאַר, און נאָך מער ווי אים, ווען ער באַהערשט נישט זיינע ליפּן. האָט איר דען פריער געצווייפלט, ווייל איך האָב געצווייפלט? ווער פון אייך וועט זיך דערוועגן צו זאָגן, אַז רבי מאיר האָט געצווייפלט אין ברוריה זיין ווייב? אָבער אייערע צווייפל, וועלכע איר האָט נישט געקאָנט באַהאַלטן אין זיך און געמוזט זיי אַרויסגאָווערן פון זיך און אריינשיפּן איינער דעם אַנדערן אין די אויערן, ווי די גיפטיקע שלאַנגען, זיינען געוואָרן ווי אַ קוואַל פון אַ מגפה, אָנשטעקנדיק און פאַרגיפטנדיק רעכטס און לינקס, נאָענטע און ווייטע. אויך

מיך האָט איר אָנגעשטעקט מיט אייער צווייפל, און ווי איר רעד איך שוין אויך: פּילייכט איז ברוריה מיר טריי, ווייל דער פּאַרפירער איז צו איר נישט צוגעטראָטן.״

די פון די תלמידים, וועלכע האָבן די ערשטע אויסגע־דריקט די צווייפל, האָבן געוואָלט מיט נצחון אויפהייבן די קעפּ, אָבער זיי האָבן זיך איינגעהאַלטן, נאָר טיף אין זיך גע־שמייכלט און קוים זיך געקאָנט באַהערשן, אַז דער שמייכל זאָל נישט אַ שטיף טאָן אויף זייערע ליפּן. אָבער דער קלוגער רבי מאיר האָט באַמערקט דאָס נצחון־פייערל, וואָס האָט אויפגעבליצט אין זייערע אויגן, און אַרויסגערעדט מיט שטאַר־קערער שטימע, פאַר וועלכער זיי האָבן זיך דערשראָקן:

„איך האָב קיינמאָל אין ברוריה מיין ווייב נישט גע־צווייפלט, און דער קלענסטער חשד איז מיר נישט אויפגעגאַנ־גען וועגן דער ריינהייט פון איר הארצן. אָבער אייער בייז גיפט האָט זיך איינגעגעסן אין מיינע נירן, און אייער גע־שטאַנק האָט געבאָרן אין מיר עיפוש־געדאַנקען. איצט זאָג איך מיר: דער עפל איז וואונדערשיין, אָבער ווער וויים, וואָס עס טוט זיך אין זיין הארצן? אָט אַזוי האָט איר געבראַכט מיט דעם סם פון אייער צווייפל, אַז רבי מאיר זאָל צווייפלען אין דער ריינהייט פון דעם הארץ פון ברוריה זיין ווייב. זאָל איך אייך נישט פון מיר מיט שטעקנס פאַרטרייבן און מיט קללות? נאָר איך האָב אַנדערש באַשלאָסן. וואָס טוט מען אום אויסצוגעפינען, צי דער שיינער עפל האָט אַ געזונט הארץ? מען שניידט אים אויף. אויך איך וויל אויפשניידן, וויל אַריינקוקן אין ברוריהס הארץ, פּרובירן אירע נירן. און הערט, וואָס איך האָב אָפּגעטראַכט: גאַנצע דרייסיק טעג וועל איך מיך צו איר אין טבריא נישט באַווייזן — דרייסיק טעג, גלויב איך, זיינען גענוג אויף אויסצופּרובירן די שטאַרקייט פון אַ פרוי, ווען איר מאַן איז נישטאָ לעבן איר — און איר קלייבט אייך אויס איינעם פון אייך, וועלכער זאָל נעמען אויף זיך איר פאַרפירער צו זיין — —״

ד.

נישט איין מענער־הארץ האָט אויפגעציטערט, ווען רבי מאיר האָט ארויסגערעדט די דאָזיקע ווערטער זיינע. די מענ־לעכע נאָנטקייט פון דער וואונדערפולער ברוריה האָט ווי א הייסער שטראָם דורכגעריזלט פון קאָפּ ביז פוס גאָר א סך פון רבי מאירס תלמידים. אָבער אמשטארקסטן האָט אויפ־געשלאָגן דאָס הארץ פון דעם שיינעם שמעון, דעם זון פון רבי ישמעאל, און ער האָט געמוזט צומאכן זיינע אויגן דורך דעם רייצגעפיל, וואָס איז דורכגעלאָפן דורך אים.

דער שענסטער פון אלע תלמידים איז געווען שמעון דער זון פון רבי ישמעאל. ווען א רוימישע מאטראָנא האָט אים איינמאָל דערזען, איז איר געווען, ווי דער גריכישער אדאָניס, דער סימבאָל פון קראפט און יוגנט און שיינהייט, האָט זיך מגייר געווען און אוועקגעזעצט זיך לערנען די אומפארשטענדלעכע יידישע תורה, און זי האָט אים גערופן „דער ייד־געוואָרענער אדאָניס". הויך אין וואוקס איז ער געווען, און שלאנק און פלינק, מיט רויטלעכע האָר אויפן קאָפּ און בערדל, און אויגן, וואָס זייער פארב האָט זיך געביטן מיט די ציימן פון טאָג און דעם צושטאנד פון זיין געמיט און וועמעס בליק קיינער האָט נישט געקאָנט אויסהאלטן. אוים פרומקייט פלעגט ער צומאכן די אויגן, ווען ער פלעגט זיך אָנטרעפן מיט א פרוי, כדי ער זאָל נישט געבאָרן אין א יידישער טאָכטער קיין שלעכטן געדאנק. אָבער ער האָט איינ־מאָל נישט צוגעמאכט די אויגן פאר ברוריהן און אנשטאָט

צו פארברענען איז ער אנגעצונדן געווארן, און זיינע אויגן האבן אריינגעברענט אין זיך איר בילד, ווי א זיגל אויף א ברענענדיקן טריפוואקס, נישט אויסצולעשן. פון דעמאלט אן האט ער נאר זי געזען פאר זיך, זי איז געווען זיין חלום ביי דער נאכט, און זיין געדאנק ביי טאג, און דאס תורה־לערנען האט אים נישט געקאנט העלפן. זיין גרויסע מענלעכע שיינהייט האט געפונען איר צווילינג אין ברוריהן, און ער האט געלעכצט נאך איר, ווי נאך עטוואס, וואס האט שטענדיק געהערט צו אים, ווי נאך עטוואס, וואס האט שטענדיק געמוזט זיין זיינס. ער איז געווען פרום אלע זיינע יארן, און געוואוסט פון הייסע תפלות און שווערע תעניתים, פון פייניקן דעם קערפער און רייניקן די נשמה, אבער זיינע תפלות איצטער זיינען געווען נישט קיין חרטה און נישט קיין שרעק פאר זינד, נאר אנ־קלאגן און טענות. עס איז אים געווען, ווי גאט האט אים נישט געגעבן, וואס עס קומט אים, אוועקגענומען ביי אים, וואס האט אים אליין געמוזט געהערן. און פארוואס האט גאט געבראכט ברוריהן אין זיין וועג? און פארוואס האט ער אים נישט צוגעמאכט די אויגן ביי דער באגעגענונג? און אין זיינע אומרואיקע, אפט פיבערישע געדאנקען האט ער אנגעזייזן גאט, ווי ער קאן נאך קומען צו דער, וועלכע איז אים געווען באשערט. רבי מאיר קאן שטארבן, און ער וועט ירשענען ברוריהן. און אויב גאט וויל נישט דעם טויט פון דעם צדיק, קאן ברוריה רבי מאירן פארלאזן, צוגטן זיך מיט אים און אריינקומען אין די ארעמס פון איר שיינהייטס־צווילינג. קאן גאט עס נישט דערווייזן?

און יעצט ווען רבי מאיר האט אפגערעדט, איז אים גע־ווען, ווי גאט האט דערהערט זיינע תפלות, און ער האט געוואוסט באשטימט, אז ער וועט זיין דער אויסגעווילטער אויף דורכצופירן דעם ווילן פון דעם אלמעכטיקן. און רבי מאיר, ווען ער האט ארויסגעזאגט, וואס ער האט אפגעטראכט, האט געווענדט זיין בליק אויף שמעון דעם זון פון רבי ישמעאל, ווי ער וואלט אים אויסגעקליבן צו טאן די געפערלעכע שליחות. אבער ער האט גארנישט געזאגט, קיין עצה נישט געגעבן,

נישט אָנגעוויזן מיט ווערטער, ווען ער וואָלט אויסגעקליבן. ער איז גלייך אַרויס פון דער ישיבה און געלאָזן די תלמידים אַליין, זיי זאָלן אויסקלייבן פון זיך וועמען זיי ווילן.

ווערליק פיל אויגן האָבן זיך געווענדט צו שמעון דעם זון פון רבי ישמעאל, איז זיין אויסקלייבונג דאָך נישט געווען קיין איינשטימיקע. ווייל נאָך אייניקע פון די תלמידים האָבן געוואָלט נעמען אויף זיך די דאָזיקע שליחות, און דאָס זיינען געווען די יעניקע, וועלכע האָבן אמהעכסטן אויסגעדריקט זייערע צווייפל אין ברוריהס שטאַרקייט.

און איינער האָט געזאָגט:

„אום ברוריהן צו פאַרפירן, דאַרף מען זיין נישט דער שענסטער, נאָר דער קליגסטער. צו איר קאָן מען צוקומען נישט דורך אירע אויגן, נאָר דורך אירע אויערן. אירע אויגן קאָן זי פאַרמאַכן פאַר דעם שענסטן בילד, אָבער עס איז נישטאָ קיין שום גענוג, מיט וועלכן זי זאָל קאָנען פאַרשטאָפּן אירע אויערן פאַר קלוגע רייד. דאָס שיינע בילד, וואָס זי וועט דערזען, וועט פאַרפליען, ווי זי וועט זיך נאָר אָפּקערן פון אים, אָבער דאָס קלוגע וואָרט וועט בלייבן זיצן אין איר האַרץ און וועט דאָרטן גראָבן און עקבערן. געדענקט, אַז אויך אונזער מוטער חוה איז פאַרפירט געוואָרן מיט קלוגע ווערטער פון דער קלוגער שלאַנג, ווי עס שטייט אין פסוק: „און די שלאַנג איז געווען קליגער פון אַלע חיות אין פעלד." און אויב ברוריה וועט ביישטיין דעם קלוגן וואָרט, איז איר שטאַרקייט דאַן איבער אַלע צווייפל."

און ער האָט עס גערעדט אַזוי, אַז אַלע זאָלן זען, אַז ער איז דער קליגסטער און ער דאַרף געשיקט ווערן.

אָבער אַ צווייטער האָט געזאָגט:

„אום ברוריהן צו פאַרפירן, דאַרף מען זיין נישט דער שענסטער און נישט דער קליגסטער, נאָר דער שטאַרקסטער, ווייל וואָס איז די שיינהייט פון אונזער שענסטן קעגן איר שיינהייט, און וואָס איז די קלוגהייט פון אונזער קליגסטן קעגן איר קלוגהייט. אונזער שענסטער וועט בטל ווערן פאַר

איר און וועט זיך פרעגן: „פאַרוואָס בין איך אַזוי מיאוס?" און אונזער קליגסטער וועט שטיין פאַר איר ווי אַן אומגעלומ־פּערטער נאַר. אָבער די נאָענטקייט פון אַ זייער שטאַרקן מאַן וועט זיך לייגן ווי אַ נעפּל אויף אירע חושים, דער אָטעם פון גרויסער מענלעכער קראַפט וועט אַריינדרינגען אין איר ווי וויין און וועט זי פאַרשיכורן. אום צו מאַכן אַ פּרוי אַריינ־צובייסן אין אַ פאַרבאָטענעם עפּל, דאַרף מען האָבן אַ קלוגע שלאַנג, אָבער אום צו מאַכן אַ פּרוי צו פאַרלאַנגען נאָך אַ פרעמדן מאַן, מוז מען האָבן אַ מאַן, וועמעס גבורה און קראַפט זאָלן ווירקן אויף איר ווי די צוויי שטיינער פון דער מיל. און אויב ברוריה וועט ביישטיין אַ גרויסער מענלעכער קראַפט, איז איר שטאַרקייט איבער אַלע צווייפל."

און ער האָט עס געזאָגט אַזוי, אַז אַלע זאָלן זען, אַז ער איז דער שטאַרקסטער און ער דאַרף געשיקט ווערן.

דאָך אַ דריטער האָט געזאָגט:

„אום ברוריהן צו פאַרפירן, דאַרף מען זיין נישט דער שענסטער און נישט דער קליגסטער און נישט דער שטאַרק־סטער, נאָר דער וואָוילגעלערנטסטער. ווייל אויב אונזער חבר איז געדעכט אין אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט וועגן דעם קליגסטן און דעם שענסטן, מוז ער דאָך אויך אייַנזען, אַז אויך מענלעכע קראַפט וועט ברוריהן נישט באַרירן. וואָרום זי וועט זיך זאָגן: נאָך שטאַרקער איז אַ ווילדער אָקס און ווער איז שטאַר־קער פאַר אַ לייב, זאָל איך דערפאַר אויסגיין אין תאוה נאָך דעם ווילדן אָקס און דעם לייב און דעם העלפאַנט? אָבער דער וואָוילגעלערנטסטער פון אונז וועט וויסן, ווי אַרויסצורופן איר באַוואונדערונג, וועט געווינען איר האַרץ דורך זיין שאַרפזי־ניקייט אין דער תורה, און אויב איר מאַן, אונזער רבי מאיר, קאָן מטהר זיין אַ שרץ מיט ק"ן טעמים, וועט איר פאַר־פירער מיט צוויי מאָל ק"ן טעמים דאַרפן באַווייזן איר, אַז ראובן האָט נישט געזינדיקט מיט בלהה זיין פאָטער יעקבס ווייב, אַז דוד המלך האָט נישט געזינדיקט מיט בת שבע דער ווייב פון אוריה דעם חתיער, און אַז איר זינד קענן איר מאַן וועט אויך קיין זינד נישט זיין. און אויב ברוריה וועט ביי־

שטיין דער גרויסער פּלפּול־קראַפט פון דעם וואוילגעלערנטסטן אונטער אונז, איז איר שטאַרקייט איבער אַלע צווייפל.״

און ער האָט עס געזאָגט אַזוי, אַז אַלע זאָלן וויסן, אַז ער האַלט זיך פאַר דעם וואוילגעלערנטסטן און ער דאַרף גע־שיקט ווערן.

איז אויפגעשטאַנען אַ פערטער און האָט געזאָגט:

„אום ברוריהן צו פאַרפירן, דאַרף מען זיין נישט דער שענסטער און נישט דער קליגסטער און נישט דער שטאַרק־סטער און אויך נישט דער וואוילגעלערנטסטער. וואָרום זיין גאַנצע וואוילגעלערנטקייט וועט זיין אַ גאָרנישט קעגן איר וואוילגעלערנטקייט, און ווער זאָגט אונז, אַז ער וועט נישט בלייבן זיצן פאַר איר, ווי אַ תּלמיד פאַר אַ רבי, און אירע ווערטער וועלן זיין, אַז אין אונזער ישיבה לערנט מען די תּורה נאָר אום צו כשרן זינד? דערפאַר זאָג איך, אַז אום ברוריהן צו פאַרפירן מוז מען זיין דער באַרימטעסטער, און ווער איז דער באַרימטעסטער, אויב נישט דער, וועלכער קאָן צוגעבן צו זיינע אייגענע מעלות און צו זיין אייגענעם גוטן נאָמען אויך דעם יחוס פון זיין משפּחה? מיט גרויסע מעלות איז געבענטשט אונזער רבי רבי מאיר איר מאַן, אָבער ער שטאַמט אָפּ פון גרים און זיין אָנהויב איז אַן אומריינע קוואַל. ווי וועט ברוריהס האַרץ מוזן צושמעלצן אין ברענענ־דיקן פאַרלאַנג, ווען זי וועט דערפילן די נאָענטקייט פון איינעם, וועלכער פירט זיין יחוס פון מלכות בית דוד? און ערשט ווען זי וועט ביישטיין דער פאַרפירערשאַפט פון אַ געראָטענעם שפּראָץ פון אַזאַ גרויסן יחוס, איז איר שטאַרקייט איבער אַלע צווייפל.״

אַז ער האָט געמיינט מיט דעם זיך אַליין, האָט נישט געקאָנט זיין קיין ספק, ווייל דאָס איז געוועזן איינער, וועל־כער האָט באַהויפּט, אַז ער שטאַמט אָפּ פון מלכות בית דוד, און ארומגעטראָגן זיך מיט זיין יחוס, ווי אַ פּאַווע מיט איר עק.

און יעצט האָט זיך אויפגעהויבן איינער, וועלכן אַלע האָבן אָנגעקוקט אין גרויסער איבערראַשונג מיט ווייט פאַר־

נאנדערגעריסענע מויל און אויגן, ווייל קיינער האָט נישט גע־קאָנט גלויבן, אַז אויך דער וועט אויפטאָן זיין מויל צו רעדן, און ער האָט געזאָגט:

„אום ברוריהן צו פארפירן מוז מען זיין דער אומ־גליקלעכסטער."

און ווייל די גרויסע דערשטוינונג, מיט וועלכער אַלע האָבן אים אָנגעקוקט ביי זיין אויפשטיין, איז יעצט אריבער אין גרויסן געלעכטער, האָט ער ארויסגערעדט מיט שטאַרקערער שטימע און מיט האַרץ:

„יאָ, דער אומגליקלעכסטער און דער עלנטסטער! איר וועט נישט קאָנען צוקומען צו ברוריהס האַרץ, ווי נאָר מיט רחמנות. איך דאַרף איר נאָר דערציילן מיט טרויער אין קול און שמערץ אין די אויגן, ווי איך האָב קיינמאָל טאַטע־מאַמע נישט ארויסגעבראַכט פון צווישן מיינע ציינער, ווייל מיין טאַטע איז געשטאָרבן פאַר מיין געבורט און מיין מאַמע ביי מיין געבורט. ווי איך ווייס אפילו נישט, ווער זיינען מיינע דערציער געווען, ווייל איך בין אריבער פון האַנט צו האַנט, און איינער האָט מיך גע־פונען אויף דער שוועל פון זיין הויז אין דער גרויקייט פון פאַרטאָג און אַן אַנדערער האָט זיך אָנגעשטויסן אָן מיר פאַר זיין טיר אין דער טונקלקייט פון דער שוואַרצער נאַכט. ביי טאָג האָט מיך געברענט די זון און ביי נאַכט האָט מיך געגעסן דער פראָסט, און מיין הונגער האָב איך געשטילט מיט מיינע געשרייען. אויף דער גאַנצער וועלט האָט זיך קיינער נישט געפונען, וואָס זאָל מיך וועלן צונעמען אנשטאָט אַ זון, יעדער האָט געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ בייזער אָנשיקע־ניש. און נאָר די מורא פאַר גאָט און זיינע געבאָטן האָט אָפּ־געהאַלטן די מענטשן, זיי זאָלן מיך דעם טויט נישט איבער־געבן. און אַזוי בין איך אויסגעוואַקסן אין הונגער און נויט און עלנט, אָן לאַסקע, אָן אַ קוש, אָן אַ גוט וואָרט, אָן אַ צערט־לעכן בליק, אָן דעם קלענסטן צייכן פון ליבע, דאָך מיט אַ ברע־נענדיקער בענקעניש נאָך ליבע און לאַסקעס אין האַרצן. און איך זאָג אייך, אויב ברוריה וועט נישט אויפפלאַקערן אין

זינדיקער ליבע אוים רחמנות צו מיר, איז איר שטארקייט איבער אלע צווייפל.״

און ווייל זיינע ווערטער האָבן געמאַכט אַ רושם, איז ער געוועזן זיכער, אַז ער וועט זיין דער אויסגעוויילטער.

אָבער יעצט האָט ווידער אָנגעהויבן דער ערשטער, און נאָך אים דער צווייטער, און דאַן ווידער דער דריטער און דער פערטער און דער פינפטער, און דאַן אַלע אויף אַ מאָל. איינער האָט געוואָלט אַריבערשרייען דעם אַנדערן און איינער האָט געוואָלט מבטל זיין דעם אַנדערן. און נאָך אַנדערע האָבן זיך אַריינגעמישט אין זייערע רייד, און באַלד איז אין דער ישיבה געשטאַנען אַ גערויש, ווי צווישן אַ גרויסן עולם אויף דעם אָפענעם מארק־פּלאַץ אין אַ געשעפטיקן מאַרק־טאָג.

נאָר איין שמעון דער זון פון רבי ישמעאל האָט נישט גערעדט. ער איז געוועזן זיכער, אַז ער וועט זיין דער אויס־געוויילטער, ווייל אַזוי האָט אָנגעזאָגט רבי מאיר מיט דעם בליק פון זיינע אויגן און ווייל אַזוי וויל גאָט, און ווייל ער האָט פאַראייניקט אין זיך צו זיין גרויסער שיינהייט אויך די איבעריקע אייגנשאַפטן, וועלכע זיינען אַזוי נויטיק געוועזן אום ברוריהן צו פאַרפירן. וואָרום אויך פאַר דעם אומגליקלעכסטן האָט ער זיך געפילט. וואָרום ווער קאָן דען זיין אומגליקלעכער פאַר אים, צו וועמען גאָט איז געוועזן אַזוי האַרט און אַוועקגענומען ביי אים, וואָס האָט געזאָלט זיין זיינס, און דאַן אים נאָך באַוויזן, וואָס ער האָט פאַר־לאָרן, און אָנגעפילט זיין האַרץ מיט האָפנונגסלאָזיקייט און מיט שמערץ? און ווען עס וועט קומען די שעה און ער וועט ברוריהן דערציילן די ליידן, וועלכע ער איז זיך אויסגע־שטאַנען, און דעם שמערץ, וועלכן ער האָט איבערגעלעבט, וועט רחמנות באַזיגן און איינגעמען איר האַרץ און מאַכן פּלאַץ פאַר דער אַנקומענדיקער ליבע.

און שמעון האָט געשמייכלט אין דעם גרויסן גערויש און קיין וואָרט נישט געזאָגט. און אַז עס איז אַ ווייל שטיל גע־וואָרן, האָבן זיך ווידער פיל אויגן געווענדט צו אים און מען האָט זיך דערמאָנט, אַז אייגנטלעך האָט רבי מאיר אים

אויסגעקליבן מיט זיין בליק, און מען האָט פּלוצלונג באַגריפן, אַז קיין פּאַסנדערער שליח ווי דער שיינער שמעון איז נישטאָ, און אויב ברוריה וועט בײַשטיין דער פּאַרפירערשאַפט פון דעם ייד געוואָרענעם אדאָניס, איז איר שטאַרקייט איבער אַלע צווייפל.

און פון פאַרשיידענע זייטן האָט מען אָנגעהויבן צו שרייען: „שמעון זאָל גיין! דער שיינער שמעון! דער שיינער זין פון רבי ישמעאל!"

און אַזוי איז שמעון דער זון פון רבי ישמעאל אויסגע־ווײַלט געוואָרן דער פּרובירשטיין צו זיין פאַר דער שטאַרקייט און ריינקייט פון דעם הארץ פון ברוריה, דער ווייב פון דעם תנא רבי מאיר.

ה.

ער איז געקומען צו איר מיט א בריוו פון איר מאן רבי מאיר, און אין דעם בריוו איז בלויז געשטאנען: „דער איבער־ברענגער, איינער פון מיינע תלמידים, וועט דיר אלץ דער־קלערן."

ער האט זי געפונען אין איר גארטן פאר איר הויז אליין מיט אירע געדאנקען, און זי האט געזאגט, א ביסל אויפגע־רעגט, אין א פארגעפיל פון א שלעכטער בשורה:

„אנטשולדיק, וואס איך בעט דיך נישט אין מיין הויז אריין און באט דיר גארנישט אן אויף אונטערצולענען דיין הארץ און לאז דיך נישט פאררוען זיך, אבער איך בין זייער אומגעדולדיק."

שמעון האט א ווײלע איבערגעכאפט דעם אטעם, אבער דאס האט ער געטאן, אום צייט צו געווינען אויף נאך א מאל איבערצוגיין אין קאפ דאס, וואס מען האט אין דער ישיבה אפגעטראכט און אויסגעקליגט, אזוי אז דאס דערציילטע זאל זיך לייגן אויפן שכל, דאס אויסגעטראכטע זאל זיך אנהערן ווי ריינער אמת, און די אזוי קלוגע ברוריה זאל זיך נישט אנשטויסן אן קשיות און קרומקייטן און מאכן צו נישט דעם גאנצן פלאן. און דאן האט ער אנגעהויבן, מיט שטילער, עניוותדיקער, אונטערקויפנדיקער און זיך איינקויפנדיקער שטימע, קוקנדיק אראפ צו דער ערד, ווי עס פאסט פאר

א פרומען תורה־לערנער, א תלמיד פון דעם פרומען רבי מאיר:

עס גרייטן זיך ווידער פאר שלעכטע גזרות אויף יידן, די צייטן פון דעם קיסר אדריאן ווילן זיך אומקערן. מילה זאל פארבאטן ווערן, און שבת־האלטן און תורה־לערנען.

ברוריה האט ארויסגעפליסטערט מיט ווייטיק:

„דער שלעכטער קלאנג וויל בייזע ווירקלעכקייט ווערן."

כאפערס זיינען ארויסגעשיקט געווארן נאך די דריי ראש ישיבהס רבי מאיר און רבי שמעון דעם זון פון יוחאי און רבי יהודה דעם זון פון אילעאי: מען וויל די קעפ אפשניידן, וועט דער גוף ממילא טויט זיין.

ברוריה, אויפגעטרייסלט און בלייך, האט מיט שרעק אויסגערעדט:

„האבן זיי זיי געכאפט?!"

ניין, די כאפערס האבן זיך נאך נישט באוויזן; פילייכט אויך איז די ידיעה וועגן זיי גאר א פאלשע און זיי וועלן קיינמאל נישט קומען. אבער שוין האט רבי שמעון דער זון פון יוחאי זיך באהאלטן און רבי יהודה האט צוגעמאכט זיין ישיבה און פונאנדערגעלאזן זיינע תלמידים, ביז דער שטורעם וועט פארבייגיין. אליין רבי מאיר וויל נישט פארלאזן דעם פלאץ, אויף וועלכן גאט האט אים אוועקגעשטעלט, און האט אויסגעטראכט א פלאן.

און ברוריה, וועלכע האט געהאט צוגעמאכט די אויגן און אויפגעהויבן דעם קאפ צום הימל מיט דאנק אין הארצן, וואס איר מאן איז נישט אזוי שרעקעוודיק ווי די אנדערע, האט יעצט ווייט פאנאנדערגעריסן די אויגן און איינגעגעסן זיך מיט זיי אין שמעונען, גאנץ נייגיריק אויף דאס, וואס רבי מאיר האט אפגעטראכט.

און שמעון האט דערציילט דעם פלאן מיט א רואיקער שטימע און מיט דער זיכערקייט פון א דערציילן אמת, אבער דאך מיט א געוויסער פארזיכטיקייט אין דעם באוואוסטזיין און א מורא פאר דעם נייגיריקן בליק פון אירע קלוגע אויגן:

איינער פון די תלמידים זאל אוועק צו רבי מאירן אהיים אין טבריא און וואוינען דארטן אין זיין הויז לעבן ברוריהן

זיין ווייב. און עס וועט זיין, ווען עס וועלן קומען די כאַפּערס נאָך רבי מאירן, וועלן די תלמידים דערקלערן, אַז זיי גייען שוין לאַנג אַרום, ווי שאָף אָן אַ פּאַסטוך, ווייל רבי מאיר האָט זיי פאַרלאָזן און געפינט זיך אין טבריא ביי זיך אין דער היים לעבן ברוריהן זיין ווייב. און אַז זיי וועלן קומען אַהיים צו רבי מאירן, וועלן זיי געפינען דעם תלמיד, וועלכן זיי וועלן מוזן אָננעמען פאַר רבי מאירן, ווייל ער וואוינט אונטער איין דאַך מיט ברוריהן. און אַזוי וועט רבי מאיר נישט אויפהערן צו לערנען די תורה מיט זיינע תלמידים, וואָס איז זייער נויטיק פאַר דעם קיום פון דעם יידישן פאָלק, דער עיקר נאָך אין אַ צרה־צייט.

ברוריה איז אַנטוישט געבליבן, איר האַרץ איז נישט געווען מיט דעם פּלאַן. אַזוי פיל קשהדיקס אין אים און גאַנץ משונהדיקס. זי האָט אַ ווײַלע נאָכגעטראַכט, אַליין געזוכט אַ תירוץ אויף פאַרשיידענעם און ענדלעך געפרעגט:

„ווי, ווען די כאַפּערס קענען רבי מאירן?"

אָבער דער תירוץ איז שוין געווען אָנגעגרייט פון פריער, און שמעון האָט געענטפערט מיט אַ בּאַרואיקנדיקער שטימע:

„האָסטו נישט געהערט, ווי איך האָב געזאָגט: ,,וועלן די תלמידים דערקלערן"? ווען די כאַפּערס וועלן קומען אין דער ישיבה, וועלן זיי רבי מאירן נישט געפינען, ווייל אַ באַהעל־טעניש איז שוין אָנגעגרייט פאַר אים און שומרים וועלן היטן זייער אָנקום. און אַז זיי וועלן קומען אַהער און דערקענען, אַז איך בין נישט רבי מאיר, וועסטו לענקען זייערע טריט אויף נייע וועגן, און רבי מאיר וועט זוכן אַ נייע רעטונג. אָבער דענק דיר, ווען זיי קענען אים נישט, ווען זיי נעמען מיך אָן פאַר רבי מאירן?"

און שמעון האָט זיך אויסגעגלייכט, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און באַוויזן איר זיינע אויגן, וועלכע זיינען געווען טונקל ברוין אין אָפּגלאַנץ פון דער אונטערגייענדיקער זון צווישן די הויכע גרינע ביימער.

און ברוריה האָט אַ טראַכט־געטאָן: עס וועט נישט זיין קיין וואונדער, אויב די כאַפּערס וועלן אָננעמען דעם דאָזיקן

מאן פאר רבי מאירן. דאך איר הארץ האט נישט געוואלט לייכטער ווערן, און זי האט געפרעגט מיט טרויעריקן געמיט:

„ווי לאנג וועט עס דארפן געדויערן?"

דער תירוץ איז שוין געווען א פארטיקער:

דרייסיק טעג. אויב אין פארלויף פון דרייסיק טעג וועלן זיך די כאפערס נישט באוויזן, איז די ידיעה וועגן זיי געווען א פאלשע.

אין שמעונען האט עס אויפגעלאכט. דער פלאן איז אזוי געלונגען און גלאט אראפגעגאנגען, און יעצט וועלן זיך אנהויבן פאר אים די דרייסיק טעג, וועלכע וועלן ווערן די רייכסטע און גליקלעכסטע טעג אין זיין לעבן.

אבער ברוריה האט שווער אפגעזיפצט. דרייסיק טעג פון אומזיכערהייט און שרעק, פון צער און בענקעניש. און זי האט געפרעגט נאך טרויעריקער ווי פריער:

„וועט רבי מאיר גאר אהיים נישט קומען די גאנצע דרייסיק טעג?"

און שמעון האט פרום, כמעט מיט א פארוואורף, געזאגט:

„וואלסטו געוואלט, ער זאל אוועקנעמען פון דער תורה און אוועקגעבן דיר? עס קאן זיין, אז דאס זיינען געציילטע טעג פאר אונזער ישיבה און פאר דער תורה אין איר."

און גאנץ נידערגעשלאגן האט זי קוים ארויסגעפליסטערט:

„וועט דער רבי נאר קיין שליח נישט שיקן צו לאזן פון זיך הערן?"

שמעון האט געענטפערט קורץ:

„נאר ווען רבי מאירן זאל געשען עפעס שלעכטס, קאנסטו זיך ריכטן אויף א שליח."

זי האט טרויעריק און פארדראסיק געשאקלט מיטן קאפ, גאנץ אומצופרידן מיט דעם, וואס איר קלוגער מאן האט אפגעטראכט. אבער זי האט מער קיין קשיות נישט געוואלט פרעגן און דערמאנט זיך אויף אירע פליכטן אלס גאסט-אויפנעמערין. און אזוי האט זי ארייגגענומען אים, וואס איז געשיקט געווארן איר פרובירשטיין צו זיין, אונטער איר דאך און

אָפּגעגעבן אים דאָס צימער פון רבי מאיר איר מאַן. און עס וועט זיין, אַז עס וועלן קומען די באַפערס, וועלן זיי קיין ספק נישט האָבן, אַז דאָס איז דער ראש הישיבה רבי מאיר, וועל־בער האָט פאַרלאָזן זיין ישיבה און זיינע תלמידים און לעבט אַן אָפּגעזונדערט לעבן אין זיין היים לעבן זיין שיינער ווייב.

ז.

און שמעון איז אריין אין רבי מאירס צימער, וואָס דארף פון יעצט אָן זיין זיין וואוינונג גאַנצע דרייסיק טעג, און האָט זיך אוועקגעזעצט לערנען. ער האָט געוואוסט, אַז זיין שטימע איז שיין און זיס און זייער מענליך, האָט ער אָנגעהויבן צו לערנען אויפן קול. און עס איז אים געווען, אַז ווען ער זאָל אוועקמאַכן דעם טעפּיך, וועלכער האָט אָפּגעטיילט רבי מאירס צימער פון די אַנדערע, וועט ער געפינען ברוריהן שטיין לעבן טעפּיך, צוהערנדיק זיך צו זיין לערנען און צו זיין שטימע. ער האָט זי געפילט, געהערט איר אָטעם, געאָטעמט איר דופט. אָבער ער האָט זיך געריבן דעם שטערן, צו פאַרטרייבן די פרעמדע געדאַנקען. ער האָט געוואָלט לערנען מיט התמדה, ברוריה זאָל נישט דערקענען אין זיין לערנען עפּעס געמאַכטס, אָבער אַז אויך די תורה זאָל זיך נישט באַליידיקן און גאָט זאָל אויף אים נישט ברוגז ווערן.

די גאַנצע ערשטע דריי טעג האָבן זיי זיך נישט געזען. זיין עסן פלעגט אים אריינברענגען די אַלטע דינסט, און אַז ער פלעגט פאַרלאָזן זיין צימער, פלעגט ער דורכגיין צו דער דרויסנטיר מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן און נישט קוקן רעכטס און נישט קוקן לינקס, ווי איינער, וועלכער האָט גרויסע און שווערע געדאַנקען אין זיין קאָפּ און האָט מורא געשטערט צו ווערן. ערשט אויפן פערטן טאָג אין אָוונט האָבן זיי זיך גע־

טראָפּן, ווייל עס איז געווען די ערב שבת־נאַכט, און ער האָט געמאַכט קידוש און געזונגען פרומע געזאַנגען און גאָט גע־בענטשט פאַר דאָס עסן, מיט געהויבענער שטימע, שבתדיק, באַגייסטערט און באַגייסטערנדיק. און ער האָט געוואוסט, אַז ער איז זייער שיין און אים אָנצוקוקן איז אַ נחת רוח, און אַז זיין שטימע איז הערליך און זי צו הערן איז אַן עונג שבת. ער האָט זייער ווייניק געקוקט אויף ברוריהן, אָבער אַז ער פלעגט אויפהויבן אויף איר די אויגן, איז זי דורכגעדרונגען געוואָרן פון אַ ווייטן טיפן קוק, פול מענלעכער קראַפט און דאָך פול טרויער, און די פאַרב פון זיינע אויגן איז געווען טיף טונקל, ווי די נאַכט, און אין זיי האָבן אָפּגעגלאַנצט די פיל ליכט, וועלכע האָבן באַלויכטן דאָס שבתדיקע צימער און דעם שבתדיקן טיש.

און ביי דער נאַכט אויף זיין געלעגער האָט ער אָנגעהויבן אַריינצוזינגען אין דער טונקלקייט פון זיין צימער פאַרשיידענע פסוקים פון תנ"ך, וועלכע ער האָט געקענט אויף אויסנווייניק, און צווישן זיי גאָר אַ סך פון דעם ליידנשאַפטלעכן ליבע־געזאַנג, פון שיר השירים. מיט אַן איינגעהאַלטענער שטימע, אום קיינעם אין דעם שלאָף נישט צו שטערן, אָבער וועלכע האָט אָנגעפילט דאָס גאַנצע הויז מיט זיסער טרויער און גרויסער אומרו.

און ברוריה איז געלעגן אויף איר געלעגער און געבענקט נאָך רבי מאיר איר מאַן. און ווייל שבת טאָר מען נישט וויינען, האָט זי געטריבן פון זיך די בענקעניש און די טרויער, און שטיל נאָכגעזאָגט נאָך שמעונען די פסוקים, וועלכע האָבן דערגרייכט צו איר, און געטראַכט, אַז ער איז אַ גאַנץ מערקווירדיקער מענטש, דער תלמיד פון איר מאַן, און אַז ער מוז געוויס זיין איינער פון די באַדייטנדסטע אונטער די תלמידים, ווייל ער איז אויסגעקליבן געוואָרן צו גיין אַלס רבי מאיר. און זי האָט גע־טראַכט: אויב יעדער ייד, און ווי פראָסט ער זאָל נישט זיין, האָט אין זיך אַ חלק פון גאָט פון אויבן, וואָס פאַר אַ חלק פון גאָט מוז אין זיך האָבן דער ייד, וועלכער האָט אין זיך

תורה און חכמה און שיינהייט און א זיסע שטימע און איידעלע מידות? — —

אויף מארגן האבן זיי זיך ווידער געזעצן ביים שבתדיקן טיש. ער האט קידוש געמאכט און פרומע געזאנגען געזונגען און גאט געבענטשט פאר דעם עסן מיט געהויבענער שבתדיקער שטימע, אין וועלכער עס האט זיך אבער אנגעהערט א געוויסע אומרו און א טרויעריקייט. און ווידער האט ער זי נאר זעלטן אנגעקוקט, מיט זיין ווייטן טיפן בליק, פול מענלעכער קראפט און דאך פול אומעט. און די פארב פון זיינע אויגן איז געוועזן העל־בלוי, ווי דער הימל דרויסן, און פון זיי האט ארויסגעשטראמט שטארקער ווילן און הערשער־מאכט. און ברוריהן פלעגט יעדעס מאל ביי זיין בליק דורכגיין אן אומאנגענעמער שוידער, און זי האט געטראכט, אז בעסער וואלט געוועזן, ווען רבי מאיר זיצט איצט לעבן איר. און עס האט איר הנאה געטאן, וואס דער שבת גייט שוין אוועק, און זי וועט אים געוויס די גאנצע וואך מער נישט זען — אט דעם מערקווירדיקן מאן, וועלכער האט אין זיך גאר א גרויסן טייל פון גאט. — — —

נאך הבדלה האט זי מיט א זייטנבליק באגלייט אים אין צימער, און עס איז איר געוועזן, ווי זי ווערט פון עפעס באפרייט. אבער ער איז פלוצלינג געבליבן שטיין אין דער טיר און האט זיך געווענדעט צו איר מיט גרויסער ווייכקייט:

„זיי מיר מוחל, מיין הארינטע, די בליקן, מיט וועלכע איך האב דיך אנגעקוקט נעכטן און היינט."

זי האט שטרענג און גלייכגילטיק געזאגט:

„זיינען דאס געוועזן בליקן, פאר וועלכע דו דארפסט מחילה בעטן?"

„האסטו זיי נישט געפילט?"

„זיי האבן מיך נישט באליידיקט."

ער איז אפגעטראטן פון דער טיר, אין וועלכער ער איז געשטאנען:

„א, זיכער האבן זיי דיך נישט באליידיקט. ווי וואלטן זיי דאס גאר געקאנט! אבער זיי האבן דיר געדארפט וויי טאן."

„וויי טאן?"

זי האָט אים נישט פֿאַרשטאַנען.

„דיין מוטער־האַרץ.“

ער האָט עס אַרויסגערעדט שטיל, מיט אַ זיפֿץ און גע־בראָכענעם גומיט, אָבער זי האָט אַלץ נאָך נישט פֿאַרשטאַנען. מיינט ער נישט אירע צוויי קינדער, וועלכע זיינען איר גע־שטאָרבן אין איין טאָג, אין אַ שבת־טאָג? זיינע בליקן זיינען אַפֿילו געוועזן זייער טרויעריק, אָבער ווי האָט זי געקאָנט זען אין זיי טרויער נאָך אירע קינדער אָדער רחמנות אויף איר? און זי האָט אַרויסגערעדט גאַנץ טרוקן:

„איך פֿאַרשטיי דיך אַלץ נאָך נישט.“

דאַן האָט ער איר דערציילט אַ מעשה פֿון גרויסן מוטער־אומ־גליק און פֿון נאָך גרעסערן העלדנווייב־מוט. מיט פֿיל טרויעריקייט און גרויסער גערירטקייט אין זיין שטימע, און זיינע אויגן האָבן געקוקט ווייט, ווי זיי וואָלטן געזען דאָרטן פֿאַר זיך אַ זעאונג פֿון געטלעכן וואונדער. דאָס איז געוועזן איר אייגן גרויס אומגליק און איר אייגענער העלדנמוט, אָבער ער האָט עס דערציילט ווי אַ מעשה, וועלכע האָט זיך אַ מאָל פֿאַרלאָפֿן, ווי אַ וואונדער, וואָס איז ערגעץ וואו געשען.

עס איז געוועזן אַ מאָל אַ יידישע פֿרוי, די ווייב פֿון אַ גרויסן תלמיד־חכם, און זי האָט געהאַט צוויי וואונדערשיינע זין, קליינע נאָך, אָבער שוין גרויסע האָפֿענונגען. זייער טאַטע איז געוועזן געראָטן, אָבער מען האָט געקאָנט זען, אַז זיי וועלן זיין נאָך געראָטענער. ווער עס האָט זיי געזען, האָט זיי געמוזט ליב געווינען. זייער אָנבליק האָט אָנגעפֿילט די הערצער מיט פֿרייד און געגאָסן וואַרימקייט אין אַלע גלידער. און די מוטער האָט נישט געוואוסט, ווי גאָט צו דאַנקען פֿאַר דער גרויסער מתנה, וועלכע ער האָט איר געמאַכט. אָבער פּלוצלינג ברעכט אויס אַ מגפֿה אין דער שטאָט, וואו זי האָט געוואוינט, און אין איין שיינעם שבת שטאַרבן איר ביידע זין, ווען דער מאַן איז געוועזן אין בית מדרש און געזאָגט תורה פֿאַר יידן. אום דעם מאַן דעם שבת נישט צו פֿאַרשטערן, ווען ער וועט קומען אַהיים, האָט זי אוועקגעלייגט ביידע קינדער אין אַ ווייטן צימער און איבערגעדעקט זיי מיט שוואַרצן טוך, און אַליין האָט

זי זיך אָוועקגעזעצט צו וואַרטן אויף איר מאַן, שבתדיק אָנגעטאָן און מיט אַ שבתדיקן געזיכט. און ווען איר מאַן איז געקומען, האָט ער אויף איר ניט דערקענט, אַז אַ דונער האָט איינגע־שלאָגן אין דעם הויז און פאַרניכטעט דאָס שענסטע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. לעוואווינט צו זען די קינדער ביי זיין שבת־טיש, האָט ער געפרעגט:

„וואו זיינען אונזערע זין?"

און זי האָט צום ערשטן מאָל אַ ליגן אים געזאָגט, און איר שטימע איז געווען רואיק און חניפהדיק:

„סאָלדאַטן האָבן דורכמאַרשירט די שטאָט מיט מוזיק, און די קינדער האָבן געוואָלט זען דעם פריילעכן סאָלדאַטן־מאַרש. זיי האָבן אַזוי שיין געבעטן, אַז איך האָב זיי נישט געקאָנט אָפּזאָגן און געלאָזן זיי גיין מיט דער אַלטער דינסט."

פאַרוואונדערט האָט דער מאַן זי אָנגעקוקט:

„אַ קינדער־מגפה הערשט אין שטאָט, דער מלאך־המות גייט אַרום איבער די גאַסן, און דו האָסט אַוועקגעלאָזן אונזערע זין צו אַ סאָלדאַטן־מאַרש?!"

זי האָט אַרויפגעלייגט איר קאָפּ אויף זיין ברוסט, ווי אַי־בערצובעטן אים, און געזאָגט:

„ווען גאָט וויל, טרעפט ער אין דער גרעסטער אָפּגעזונ־דערטקייט."

ווען די שטונדן פון טאָג האָבן זיך געמערט, האָט ער ווידער געפרעגט:

„פאַרוואָס קומען נאָך נישט צוריק אונזערע זין?"

און ווידער האָט זי רואיק און באַרואיקנדיק געענטפערט:

„דער מאַרש איז נאָך זיכער נישט פאַריבער, אָדער זיי האָבן זיך געווים וואו פאַרשפּילט."

און זי האָט אים געבעטן, ער זאָל זיי מוחל זיין, וואָס זיי האָבן אַזוי קינדיש די היים פאַרגעסן, און איינגערעדט אין אים, ער זאָל זיך נישט באַאומרואיקן — ער זעט דאָך, אַז זי איז רואיק.

אָבער ווען עס איז טונקל געוואָרן, און ער האָט געדאַרפט מאַכן הבדלה, האָט ער שוין זייער באַאומרואיקט געזאָגט:

„איך פארשטיי דיך נישט, ווי קאָנסטו אזוי רואיק זיין. עס איז שווין אזוי פינסטער און אונזערע זין זיינען נאָך נישטאָ!"

דאָך זי האָט ווידער רואיק און באַרואיקנדיק געזאָגט:

„איך בין רואיק, ווייל איך וויים, אז גאָט איז מיט זיי אויף אַלע זייערע וועגן."

יעצט האָט ער זיך געשעמט אומרואיק צו זיין און אָפּגע־מאַכט הבדלה. ווען ער האָט אָפּגעזאָגט אַלע זיינע תפלות, האָט זי זיך געווענדעט צו אים רואיק און געלאַסן:

„איך האָב צו דיר אַ שאלה, מיין מאַן. איינער האָט מיר געגעבן צו באהאַלטן צוויי וואונדערבאַרע איידלשטיינער, מיט דעם אַנזאָג, אז איך קאָן זיי געברויכן און הנאה האָבן פון זיי. און איך האָב זיי ווירקלעך געברויכט און אויך שטאַרק הנאה געהאַט פון זיי. זיי זיינען געוועזן מיין צירונג און מיין שפּיל־צייג און מיין אומענדלעכע פרייד אַ סך מיט יאָרן. יעצט איז געקומען דער בעל־פקדון און בעט זיי ביי מיר צוריק, זאָל איך זיי אים אָוועקגעבן אָדער נישט?"

גאַנץ פאַרוואונדערט האָט דער מאַן זי אָנגעקוקט און דער־שטוינט ארויסגערעדט:

„דו פרעגסט? קאָן עס ביי דיר גאָר זיין אַ שאלה? זיי אים דאַנקבאַר פאַר דער פרייד, וועלכע ער האָט דיר פאַרשאַפט מיט זיינע צוויי איידלשטיינער אַ סך מיט יאָרן, און גיב זיי אים אָפּ צוריק."

האָט זי אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און אוועקגעפירט אין דעם צימער, וואו די צוויי טויטע קינדער זיינען געלעגן, און אָפּגעדעקט זיי:

„זעסט, גאָט האָט אונז געגעבן אַ פקדון צוויי וואונדער־באַרע איידלשטיינער. היינט האָט ער זיי ביי אונז אוועקגענו־מען. לאָמיר דאַנקבאַר זיין פאַר דער פרייד, וועלכע ער האָט אונז פאַרשאַפט..."

שמעון האָט מער נישט געקאָנט רעדן. זיין געריררטקייט איז אָנגעשטיגן, זיין שטימע איז דערשטיקט געוואָרן אונטער טרערן.

ברוריה אָבער האָט אים די גאַנצע צייט נישט איבער־געריסן אין זיין דערציילונג. זיין שטימע איז געווען אַזוי שיין און אַזוי רירנדיק, און ער האָט אַזוי מערקווירדיק אויפגערירט אין איר די אַלטע וואונד און אויפגעפרישט דעם גרויסן שמערץ. און זי איז נאָכגעגאַנגען נאָך זיינע ווערטער און נאָך דעם גרויסן שמערץ אין זיך, טיפער אַלץ און טיפער, פאַרביסענער, איינגע־שפּאַרטער. און אַז ער האָט איבערגעריסן זיין דערציילונג אין גרויסער געריִרטקייט, איז זי געווען זייער בלאַס, מיט אויגן פאַרגליווערטע אין ערגעץ אַ ווייטקייט. און זי האָט געפרעגט מיט אַ שטימע, וועלכע איז אַרויסגעקומען פון גאַנץ אויסגע־טריקנטע האַלז און מויל:

„צו וואָס האָסטו מיר פון מיין אומגליק דערציילט? צו וואָס האָסטו אויפגעפרישט מיין וואונד? מיינסטו, איך האָב מיינע זין נישט געליבט? גלויבסטו, איך האָב זיי פאַרגעסן?"

און שמעון האָט געענטפערט:

„זיי מיר מוחל, אויב איך האָב דיר ווייט געטאָן. אָבער זינט איך האָב געהערט פון רבי מאיר דיין מאַן די געשיכטע פון דיין וואונדערלעכן באַנעמען, האָב איך אַלץ געוואָלט אויס־געפינען, פון וואַנען האָסטו גענומען דעם מוט, און די גרויסע שטאַרקייט פון וואַנען איז זי געקומען צו דיר. און ווען איך בין געזעסן נעכטן און היינט ביי דעם שבת־טיש, האָבן מיינע בליקן געזוכט די דערקלערונג אין דיין מוטער־האַרץ."

ער האָט זי אָנגעקוקט רחמנות־פול, און זי האָט געזאָגט נאָך אַ קליינעם שווייגן:

„דו האָסט פאַרגעסן, אַז איך בין דעם מאַרטירער רבי חנינא בן תרדיונס אַ טאָכטער. ווען דער רוימישער תליון האָט אים געברענט אויף אַ לאַנגזאַמען פייער, איז ער געלעגן און האָט געלערנט די תורה, ווי ער וואָלט קיין שמערצן נישט גע־פילט. מיינסטו אויך, אַז ער האָט קיין שמערצן נישט געפילט? דענקסטו, אַז ער האָט דאָס פייער נישט געשפּירט? אָבער גאָט איז אין אים געווען אַזוי שטאַרק, און נישט מינדער שטאַרק איז ער אין מיר."

שמעון האָט צוגעמאַכט די אויגן, ווייל אַ טיפער ווייטיק

האָט זיך אים פלוצלונג אַריינגעשניטן אין האַרצן, און ער האָט זיך איינגעבויגן און געקושט דעם זוים פון איר קלייד. און ברוריה האָט זיך פאַררויטלט און שטיל אַרויסגערעדט, כמעט אַרויסגעפּליסטערט:

„און איך ליב שטאַרק מיין מאַן. אום אים צו טרייסטן, האָב איך געפונען קראַפט אין מיר מיין שמערץ אין צוים צו האַלטן און אין טרערן נישט צופלאָסן ווערן."

און שמעון איז אַרויס פון צימער, נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט, און ווי אַ בלינדער, וועלכער טאַפּט פאַר זיך זיין וועג, מיט דעם טיפן ווייטיק אין האַרצן און אַ קאַלטן שוידער אין גאַנצן קערפּער.

ברוריה אָבער האָט פאַרוואָרפן די הענט אויפן קאָפּ און איז געבליבן זיצן ווי פאַרשטיינערט, מיט אירע צוויי מתים, וועלכע זי האָט נישט אויפגעהערט צו ליבן, די אויגן אָנגע־שטעלט אין דער וייט, פול שמערץ און בענקעניש נאָך פאַר־גאַנגענע פריידן און פאַרלאָרענע האָפענונגען, מיט אַ שרייענדיקן, שיר צופלאַצנדיקן האַרץ, אָבער אָן טרערן אין די ברענענ־דיקע אויגן.

גאָט האָט געגעבן, גאָט האָט צוגענומען; גאָטס נאָמען זאָל זיין געבענטשט.

ניין, זי וועט נישט וויינען, אַפילו ווען די וואונד און דער שמערץ זיינען אויפגעוועקט געוואָרן אויף אַזאַ רירנדיקן אופן.

און פּלוצלונג האָט זי זיך פאַרטראַכט וועגן דעם מאַן, וועלכער האָט אויפגעוועקט אין איר דעם שמערץ אויף אַזאַ רירנדיקן אופן, וועגן זיין שטימע און זיינע אויגן און דעם אַזוי טיף מיטפילנדיקן אויסדרוק פון זיין געזיכט.

אָבער שמעון האָט דערפון נישט געוואוסט. טיף פאַר־וואונדערט האָט ער אַריינגעשפּרייזט אין דער גערדיכטער, שוואַרצער טונקלקייט פון זיין צימער און איז געבליבן שטיין אָן אַ באַ־וועגונג, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, די אויגן צוגעמאַכט. זיין ליבע וועט קיין אָפּקלאַנג נישט געפינען, די האָפענונגען, וועלכע ער האָט זיך געמאַכט, זיינען נאַריש. די דאָזיקע וואונדערבאַרע פרוי, וועלכע האָט געקאָנט באַוועלטיקן אין זיך דעם גרעסטן

שמערץ, ווייל זי איז אַזוי ריזיק שטאַרק אין איר גאָט און אין איר ליבע צו איר מאַן, זי וועט זיכער קאָנען ביישטיין אַלע פּאַרפירונגס־קונצן און יעדן תאווה־געדאַנק. זי וועט זיין שיינ־קייט נישט באַמערקן און זיין קלוגהייט נישט פאַרשפּירן. אירע אויגן וועלן זיין פאַרמאַכט פאַר אים, און וועט זי אים אָנקוקן, וועט זי אים דאָך נישט זען. און ווען זיין האַרץ וועט פאַר־בלוטן, וועט זי עס נישט וויסן, אָדער זי וועט זאָגן: ער פאַר־דינט די שטראָף. וואָס האָט ער דאָ צו טאָן? וואָס וויל ער דאָ נאָך מער? אומקערן זאָל ער זיך, צוריק אין דער ישיבה אַוועק און ברענגען זיי די געוויסהייט, אַז עס איז נישטאָ קיין שטאַר־קערע פרוי פאַר ברוריהן, און באַגראָבן אין זיך דעם אייגענעם שמערץ אויף אייביק.

ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט אין דער פינסטערניש, ווי צום אויסשרייען, און געמאַכט זיי צו האַרטע פויסטן, ווי זיין ווייטיק איינצודריקן, און אין דער אייגענער רגע פאַר־שפּירט, אַז ער וועט זיך נישט אומקערן, ווייל זיין בענקעניש נאָך ברוריהן איז גרויס, און דרייסיק טעג בלייבן אין איר נאָנטקייט, ווער קאָן עס אָפּשאַצן? דרייסיק טעג זען און הערן זי, ווער קאָן זאָגן דעם גרויסן ווערט דערפון? און אַז ער זאָל יעצט קומען צוריק, וועלן די חברים צו אים זאָגן: מיר האָבן דאָך אַלע געוואוסט, ווי ברוריה איז שטאַרק געוועזן אין דעם טאָג פון דעם טויט פון אירע ביידע זין, און פונדעסטוועגן האָבן מיר דיך געשיקט אַ פּרובירשטיין צו זיין פאַר איר שטאַרקייט און ריינקייט. אָבער ווייל מיר האָבן געוואוסט, אַז דריי טעג זיינען ווייניק, האָבן מיר באַשטימט גאַנצע דרייסיק. און ווער וויים, אפשר איז איר האַרץ גאַנץ שוואַך געוואָרן אונטער דער שווערער משא, וואָס דער טויט האָט אויף איר אַרויפגעלייגט, און זי וועט דער ליבע נישט קאָנען מער ביישטיין?

און עס איז אים געוועזן ביי דעם לעצטן געדאַנק, ווי עס וואָלט ליכטיק געוואָרן אין דער געדיכטער טונקלקייט פון דעם

צימער. און זע, די דינסט האָט טאַקע אַריינגעטראָגן אַ ליכט, און ער האָט זיך שטאַרק דערפרייט און אַוועקגעזעצט זיך לערנען. מיט אַ שטימע, וועלכע האָט געדאַרפט צוברענגען צו ברוריהן, וואָס פאַר אַ גרויסע נאָגעניש ער טראָגט אין זיין האַרצן.

ז.

ער האָט אָפּגעטראַכט, ווי ער דאַרף זיך באַנעמען, און אויסגעלערנט, ווי ער דאַרף זיך אויפפירן. ער וועט ווידער נישט באַווייזן זיך צו איר ביז שבת, נאָר זיין שטימע וועט ער איר לאָזן הערן. פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט זאָל זי זיין שטימע הערן — זיין שטימע, וועלכע איז אַזוי שיין און זיס און אַזוי מענלעך. דורך אַלע חדרים זאָל זיין שטימע זי פאַר־פאָלגן, און אין גאָרטן פאַר איר הויז, און אין דער איינזאַמקייט פון איר בעט. אין אירע געדאַנקען זאָל זי זי באַגלייטן און צווינגען איר אין אירע תפלות. און שטענדיק ביי צופעליקער באַגעגענונג וועט זיין באָרד זיין פאַרקעמט, און דער צודעק פון זיין קאָפּ וועט אַזוי זיצן איבער זיין הויכן שטערן, אַז זיין שיינקייט זאָל באַצווינגען אירע אויגן, און די האַלטונג פון זיין קערפּער זאָל ברוריהן ברענגען אויף די געדאַנקען, אויף וועלכע עס איז געבראַכט געוואָרן די רוימישע מאַטראָנאַ. —

דעם ערשטן טאָג פון דער וואָך איז זיין שטימע אין זיין לערנען זייער טרויעריק געוועזן, און אויך דעם צווייטן און דעם דריטן טאָג איז זי זייער טרויעריק געוועזן, און אין יענע טעג איז זיין ווייטער בליק ביי זייערע צופעליקע באַגעגענישן פול געוועזן מיט רחמנות און צער. אָבער אויפן פערטן טאָג האָט זיך זיין שטימע געענדערט. פול פרייד איז זי געוועזן און פול אויפלעבונג, און אַז זיי האָבן זיך צופעליק געטראָפן, האָט ער זי אָנגעקוקט מיט התלהבות, מיט פריידיקער באַגייסטערונג, און זי איז געבליבן שטיין און נאָכגעקוקט אים, נישט פאַר־

שטייענדיק, פון וואַנען די גרויסע ענדערונג. די טרויעריקייט אין זיין שטימע און דעם אומעט פון זיינע אויגן האָט זי פאַרשטאַנען און פאַרשיידנאַרטיק אויסגעטייטשט. זיין אייגן לעבן איז זיכער קיין פריידיקס נישט געווען, און דאָס גאַנצע פאָלק ישראל פאַרגייט פון אייביקע פאַרפאָלגונגען, און איר הויז איז אַן אבל־הויז. ווי קאָן אַ מענטש אונטער איר דאַך גאָר פריילעך זיין? איר שכנהשאַפט מוז טרויער אָנוואַרפן. אָבער די אויפגעלעבטקייט פון זיין שטימע און די פריילעכקייט פון זיין בליק האָט זי נישט באַגריפן און נישט געוואוסט פאַר זיי קיין דערקלערונג. דעם גאַנצן טאָג האָט זי זיין שטימע באַ־אומרואיקט, אָבער נאָך שווערער איז זי איר געוואָרן אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, אין דער איינזאַמקייט פון איר בעט. פאַרוואָס איז ער אַזוי פריילעך? וואָס זינגט אין אים אַזוי שמחהדיק? און זי האָט געטראַכט: ווי זעען יעצט זיינע אויגן אוים? און זי האָט זיך פאַרשעמט פאַר דעם געדאַנק און אַרי־בערגעשיקט אירע מחשבות צו רבי מאירן און געבענקט נאָך אים און געוואָלט, אַז די דרייסיק טעג זאָלן שוין וואָס שנעלער אַריבער.

אויף מאָרגן און איבערמאָרגן האָט די גרויסע אויפגעלעבט־קייט אים נישט אָפּגעלאָזן, און ברוריה איז נישט אַרוים פון איר פאַרוואונדערונג. איין מאָל און אַן אַנדער מאָל האָט זי אים געוואָלט אָפּשטעלן ביי אַ צופעליקער באַגעגעניש און פרעגן, וואָס באַדייט די ענדערונג אין אים. אָבער נישט ברוריה וועט פרעגן, נישט די ווייב פון רבי מאיר. וואָס גייט איר אייגנט־לעך דער תלמיד אָן? וואָס זאָל איר אויסמאַכן, וואָס עס קומט פאַר אין דעם פרעמדן מאַן? נישט זיין מוטער איז זי און נישט זיין שוועסטער, און נישט אפילו אַ פריינדין פון פריערדיקע יאָרן. פּאַסט פאַר ברוריהן נייגעריק צו זיין? איז רבי מאירס ווייב ווי אַלע ווייבער? אָבער באַמערקט האָט זי, אַז דער פרעמדער מאַן איז ווי שענער געוואָרן און קרעפטיקער און פיל מענלעכער.

און ווידער איז אָנגעקומען די שבת־נאַכט, און ער האָט געמאַכט קידוש און געזונגען די פרומע געזאַנגען און גאָט גע־

בענטשט מיט א נאָך מער געהויבענער שטימע, נאָך מער שבתדיק, נאָך מער באַגייסטערט און באַגייסטערנדיק. און ווידער האָט ער זייער ווייניק געקוקט אויף איר, אָבער אַז ער פלעגט אויפהויבן אויף איר די אויגן, האָבן זיי געהאַט אַ ווייטן קוק פון באַוואונדערונג און התפעלות, און די פאַרב פון זיינע אויגן איז געווען ווי די פאַרב פון אַ בּרענענדיקן רובין אַרומגערינגלט מיט שוואַרץ, גלייך אין זיי וואָלטן די שבת־ליכט געברענט.

און ביי דער נאַכט אויף זיין געלעגער האָט ער ווידער אַרויסגעזונגען אין דער טונקלקייט פון זיין צימער פאַרשיידענע פּסוקים פון תנ״ך, וועלכע ער האָט געקענט אויף אויסנווייניק, און דער עיקר זייער אַ סך פּסוקים פון דעם געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען, פון דעם געזאַנג פון ליבע און ליידנשאַפט און גרויסער בענקעניש. די שטימע איז געווען זייער פריילעך, אָבער דאָך האָט געציטערט אין איר אַ גרויסע אומרו און גערעדט אין איר אַ שטאַרקע בענקעניש, ווי זי וואָלט גערופן עמיצן צו זיך, ווי זי וואָלט איינגעלאַדן עטוואָס, וואָס זאָל איר פריילעכקייט מאַכן פאַרפול.

און ברוריה אויף איר געלעגער איז זייער אומרואיק געווען. די שטימע פון דעם מאַן האָט זי אין גאַנצן אויסגעפילט, זי האָט זי נישט געקאָנט פון זיך פאַרטרייבן. זי האָט געוואָלט טראַכטן פון רבי מאירן, אָבער זי האָט נאָכגעזאָגט נאָך שמעונען די פּסוקים, וועלכע האָבן דערגרייכט צו איר. און פּלוצלונג איז איר אויפגעגאַנגען דער געדאַנק, אַז רבי ישמעאלס זון מוז אַ ליבע טראָגן אין זיין האַרצן. אַ ווייב אָדער אַ כלה — אָבער ער ליבט זי זייער שטאַרק און בענקט נאָך איר אומענדלעך. און אויב זיין שטימע איז איצט פריילעך, איז עס דערפאַר, וואָס פון די דרייסיק טעג איז אַריבער אַ דריטל, און ער וועט באַלד ווידער קומען צו איר.

יעצט אָבער האָט זי נישט געקאָנט מער נאָכזאָגן נאָך אים די פּסוקים פון שיר השירים, ווייל דאָס זיינען אַלץ געווען די פּסוקים פון אים צו איר, צו זיין געליבטער — זיין ווייב אָדער זיין כלה. און ברוריה האָט פאַרגראָבן איר קאָפּ אין איר קישן,

אריבערגעצויגן דעם צודעק איבער אים און ארויפגעלייגט די הענט אויף אירע אויערן, נישט צו דערלאָזן צו זיך שמעונס שטימע און זיינע פּסוקים, און אָנגעווענדט אַלע אירע געדאַנקען אויף רבי מאירן און אָנגעהויבן צו זאָגן די אַנדערע פּסוקים פון שיר השירים, די פסוקים פון איר צו אים, און איר האַרץ איז אויסגעגאַנגען נאָך אים, נאָך איר געליבטן, נאָך איר גרויסער ליבע און בענקעניש. — —

און ווידער נאָך הבדלה, איידער ער איז אריין צו זיך אין צימער האָט ער זיך געווענדעט צו איר מיט גרויסער ווייכקייט:

„זיי מיר מוחל, מיין האַרינטע, די בליקן, מיט וועלכע איך האָב דיך אָנגעקוקט נעכטן און היינט.“

זי האָט אויפגעציטערט פון דער אומדערוואַרטעטקייט פון זיין ווענדן זיך צו איר און נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ער בעט מחילה. און זי האָט געפרעגט:

„וואָס פאַר בליקן זיינען זיי דען געוועזן?“

און ער האָט שטיל אַרויסגעשעפּטשעט:

„האָסטו דען נישט געמערקט?“

און זי האָט געענטפערט:

„באַגייסטערטע בליקן זיינען דאָס געוועזן, פול באַוואונדערונג און התלהבות. זיי האָבן אָבער דאָך געהערט נישט מיר.“

„ניין: דיר!“

„מיר?“

זי האָט זיך אויסגעגלייכט, און איר געזיכט איז געוואָרן קאַלט און שטרענג, און ער האָט געזאָגט, פול אַנטציקונג:

„יאָ. דיר! — האָסטו געמערקט, ווי פריילעך איך בין די לעצטע טעג געוועזן?“

„איך האָב עס אַרויסגעהערט פון דיין שטימע.“

„און ווייסטו די אורזאַך?“

„האָסטו זי מיר דען געזאָגט?“

„איך וועל זי דיר זאָגן: דו ביזט די אורזאַך געוועזן!“

דער אויסדרוק פון איר געזיכט איז נאָך קעלטער געוואָרן, און דער בליק פון אירע אויגן נאָך שטרענגער. דער שאָטן פון כעס האָט זיך פארשפרייט איבער איר שטערן און אירע ברעמען, און ער האָט אויסגערופן אין אנטציקונג, שנעל, ווי צו פארטרייבן דעם בייזן שאָטן:

„אָ, ברוריה, הער מיך אויס! דריי טעג און דריי נעכט האָב איך געטרויערט מיט דיין טרויער, דריי טעג און דריי נעכט האָב איך נישט אויפגעהערט צו פרעגן, פארוואָס ביזטו אזוי הארט באשטראָפט געוואָרן מיט דעם טויט פון דיינע ביידע קינדער — דו די אויסגעוויילטע פון גאָט, דו די געבענטשטע! אויב איך האָב דאָס געפרעגט נאָך איידער איך האָב דיך געקענט, ווי האָט עס געמוזט אין מיר שרייען, ווען די גרויסקייט פון דיין נשמה האָט זיך אנטפלעקט פאר מיר אין איר גאנצער פולקייט? דו זאָלסט אזוי געפייניקט ווערן?! דו זאָלסט זיין דער קרבן פון אן אומענדלעכן שמערץ?! און עס האָט געבונטעוועט מיין הארץ אין מיר, און ווי איוב האָב איך נישט געקאָנט געפינען גערעכטיקייט אין גאָטס פירונג. און ווען איינער הערט אויף צו זען גערעכטיקייט אין גאָטס פירונג, ווי פינסטער און טרויעריק מוז אים ווערן די וועלט! אָבער פלוצלינג אויפן פערטן טאָג איז מיר געוועזן, ווי גאָט וואָלט אויפגעהויבן פאר מיר אביסל דעם פאָרהאנג, וועלכער פארדעקט דעם זין פון זיינע מעשים, און געלאָזט מיך אריינקוקן אין זייער צוועק. ווי וואָלט די וועלט דערקענט די גרויסקייט פון דיין נשמה, אויב נישט דורך דעם גרויסן שמערץ, וואָס איז דיך באפאלן? ווי וואָלטן מיר געוואוסט, וואָס ברוריה איז, אויב איר הארץ וואָלט נישט איבערגעגעבן געוואָרן אין דעם פייניקערס הענט? דיינע צוויי זין, ווען זיי וואָלטן געבליבן לעבן, וואָלטן רייכער געמאכט די מענטשהייט מיט נאָך צוויי לעבעדיקע וועזנס, פיליכט אומגוצלעכע, נישט נויטיקע, אומגליקלעכע, אָבער דורך זייער טויט האָבן זיי רייכער געמאכט די וועלט מיט א ברוריה. יעצט ערשט ווייסן מיר, וואָס מיר באַזיצן אין דיר, יעצט ערשט ווייסן מיר, וואָס דו ביזט ווערט.

וואָס איז געלעגן אין טונקלקייט, איז אַרויסגעטראָטן אין העלן ליכט, אומבאַגרענעצטע עשירות, וועלכע איז געלעגן באַגראָבן, איז אויפגעדעקט געוואָרן צו אַלעמענס געברויך. מיר זיינען אַלע רייכער געוואָרן דורך דיר, און צוקונפטיקע דורות וועלן נאָך געניסן פון דיין רייכטום. ווי פון אַ לעבנס־ברונעם וועט פון דיר די מענטשהייט שעפּן קראַפט, און ווי פון אַ הילף־קוואַל וועט זי טרינקען פון דיר טרייסט. זעט, וועט מען זאָגן, ווי ברוריה האָט באַוועלטיקט איר ריזיק־גרויסן שמערץ, איר דאָפּלטע אבלות. טוט איר נאָך און ווערט געטרייסט. אָ, ברוריה, ווען דאָס איז אויפגעגאַנגען מיר ווי אַ ליכט, ווי האָב איך געקאָנט נישט פריילעך ווערן, און ווי האָט געקאָנט מיין בליק נישט אָננעמען זיך מיט באַגייסטערונג און באַוואונדערונג צו דיר?"

און איידער ברוריה האָט נאָך אויפגעעפנט איר מויל צו זאָגן עפּעס, איז ער געפאַלן פאַר איר אויף די קני און געקושט דעם זוים פון איר קלייד, פיל לענגער ווי צום ערשטן מאָל, און דאַן איז ער אויפגעשטאַנען און אַרויס פון זיין צימער, הויך טראָגנדיק דעם קאָפּ, האַלב טאַנצנדיק, ווי עס וואָלט געזונגען אין אים. און באַלד האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגן זיין שטימע איבער דעם גאַנצן הויז, אַ קלינגענדיקע, זינגענדיקע, גליקלעכע, יו־בעלנדיקע שטימע, פול קראַפט און התלהבות. איז ברוריה יעצט דען נישט פול פון אים? האָט ער זי דען יעצט נישט גע־וואונען?

און ברוריה איז געזעסן גאַנץ פאַרטומלט, טאַקע פול פון זיין שטימע און פול פון זיין אויסזען, און צייטנווייז איז איר געווען, ווי ווען אַ מלאך פון גאָט האָט דאָ צו איר גערעדט. ערשט ווען זי האָט געקאָנט אָנהויבן צו טראַכטן וועגן דעם, וואָס ער האָט איר געזאָגט, האָט זי זיך געקאָנט באַפרייען פון אים. זי איז ווי אויסגעניכטערט געוואָרן און מיט אַ זיפץ אויפגעשטאַנען פון איר אָרט. און אַזוי האָט זי גערעדט אין איר אומגליקלעכן מוטער־האַרץ:

„עס איז מעגלעך, אַז די וועלט איז רייכער געוואָרן, און דאָס איז געוועזן גאָטס כונה אין אַוועקנעמען ביי מיר מיינע קינדער. ער האָט זיינע צילן און צוועקן, און זיינע וועגן זיינען פון אונז פאַרבאָרגן. אָבער איך בין אַזוי אָרעם געוואָרן, אַזוי אָרעם...״

ח.

דעם גאַנצן ערשטן טאָג פון דער וואָך האָט מען זיין שטימע קוים געהערט, און ברוריה האָט זיך געוואונדערט. איז ער קראַנק געוואָרן? איז אים וואָס געשען? זי האָט כמעט גע־בענקט נאָך זיין שטימע. די אַלטע דינסט אָבער האָט איר גע־בראַכט די ידיעה, אַז דאָס רוב גייט ער אום איבערן צימער הין און צוריק, און ווען ער זעצט זיך אַוועק ביי זיין טיש, פאַרגראָבט ער דעם קאָפּ אין די הענט און זיצט אָן א באַ־וועגונג.

און ברוריה האָט געזאָגט אַז געווים האָט ער א שווערע שטעלע אין דער תורה. אויך רבי מאיר האָט די טבע אַזוי אויפצופירן זיך ביי א שווערן ענין, און דער תלמיד גייט נאָך דעם רבי.

דאָך אין אָוונט האָט זיך ווידער געלאָזן הערן זיין שטימע, אָבער גאָר גאַנץ פאַרענדערט. גאַרנישט איז געווען אין איר פון דער פריערדיקער פרייליכקייט און גאַרנישט פון דעם נאָך פריערדיקן צער. נאָר עפּעס איז געלעגן אין איר, וואָס האָט געמאַכט ברוריהן אָנצושטעלן אירע אויערן און איינגע־טריפט אומרו אין איר הארצן. עפּעס פון בענקעניש איז גע־לעגן אין איר, און עפּעס פון געבעט. א מין לאַשטשען זיך ווי א נאָכגעגעבן קינד און א מין בעטלען ווי אַן אָרעמאַן אין דער טיר. וואָס וויל יעצט זיין שטימע זאָגן? וואָס זאָל זי יעצט

באַדייטן? צו וועמען רעדט ער דאָס יעצט? צו גאָט? צו זיין אייגענעם האַרצן? ווי ווייט איז זי, ברוריה, דאָ נוגע? אויב פריער איז זי אים אין זיין שטימע געלעגן, וואָס וויל ער יעצט פון איר? בעט ער גאָט פאַר איר? וואָס וויל ער פון גאָט פאַר איר?

זי האָט זיך געקערט פון זייט אויף זייט אויף איר געלעגער און געטראַכט, ווי גאַנץ מערקווירדיק דער מאַן איז, און געזען אים פאַר זיך אין זיין גאַנצער שיינקייט, מיט זיין טרויער און זיין התלהבות, און מיט זיינע אויגן, אין וועלכע עס בייטן זיך די פאַרבן, און געהערט זיין שטימע, וועלכע דרינגט דורך האַרץ און נירן, און געטריבן פון זיך די געדאַנקען מיט דעם וואַרעמען געבעט, די דרייסיק טעג זאָלן וואָס שנעלער אַריבער.

אָבער די קומענדיקע טעג האָבן זיך שרעקלעך לאַנג געצויגן, ווייל זיי זיינען אויסגעפילט געוועזן מיט אַ שטייגנדיקן בענקען און לאַשטשען זיך אין שמועס שטימע, מיט אַנוואַקסנדיקן געבעט און בעטלען. עס איז געוועזן אַן אַלץ העכער ווערנדיקער רוף נאָך רחמנות, אַן אַלץ מער לעכצנדיקער געשריי נאָך ליבע. ברוריהן איז געוואָרן שווער די לופט פון איר צימער, און זי האָט אָנגעהויבן צו זוכן רו אין ווייטע שפּאַצירגענג און אָפטע באַזוכן, אָבער זי האָט שטענדיק געוואוסט, אַז דורך איר צימער דאָרטן גייט אום שמועס בענקענדיקע און בעטלענדיקע שטימע. און דאַן איז די דאָזיקע שטימע איר נאָכגעגאַנגען אין די ווייטע גאַסן, אַריינגעקומען מיט איר אין די פרעמדע הייזער, אַריינגעמישט זיך אין אירע געשפּרעכן, און גיין צוריק אַהיים איז פאַר ברוריהן געוועזן אַ פּיין. זי האָט די שטימע נישט געקאָנט הערן, מורא געהאַט פאַר איר, און נאָך מער מורא געהאַט פאַר אַ צופעליקער באַגעגעניש מיט אים, ווייל דער ווייטער בליק פון זיינע יעצט גאַנץ שוואַרצע אויגן האָט אַרויסגעשטראַלט אַזויפיל בענקעניש און ליבע־בעטלעניש, אַז עס איז אוממעגלעך געוועזן פאַר אַ מענטשנהאַרץ אַריבערצוטראָגן.

דעם שבת האָט זי דערוואַרט מיט האַרצקלעמעניש, דער

אָנקום פון דעם הייליקן טאָג האָט איר קיין פרייד נישט פאַר־שאַפט. איר ערשטער געדאַנק איז געווען, צו לאָזן זאָגן, אַז זי איז קראַנק און וועט צום טיש נישט קומען. דאָך איר צווייטער געדאַנק איז געווען, אַז ברוריה די ווייב פון רבי מאיר דאַרף קיין אָנשטעלן נישט מאַכן און דאַרף זיך פאַר קיינעם נישט באַהאַלטן. וואָס גייט איר דער שמעון אָן? וואָס מאַכט איר אויס די אומרו פון זיין האַרץ? זי האָט גאָר נישט געדאַרפט באַמערקן, ווי זיין שטימע איז און ווי זיינען זיינע אויגן. און וועט ער זי פרעגן, צי האָט זי די בליקן פון זיינע אויגן באַ־מערקט, וועט זי אים ענטפערן, אַז זי וויל נישט, ער זאָל דאָס ביי איר פרעגן, ווייל זיינע בליקן גייען זי נישט אָן, און זאָל ער בעסער פרעגן רבי מאירן, צי מעג ער זי פרעגן וועגן זיינע בליקן.

און אַזוי איז זי געבליבן צו הערן זיין קידוש און זיינע זמירות.

זיין שטימע אָבער האָט נישט מער שבתדיק געקלונגען. זי איז געווען, ווי אַ שיינע פידל, וועלכע האָט געפּלאַצט. ער האָט געדאַנקט גאָט און געבענטשט אים, אָבער ווי איינער, וועלכער מוז דאַנקען און מוז בענטשן, און זיין האַרץ איז נישט דערביי, ווייל ער איז גאָר אומצופרידן און באַליידיקט. ער האָט אויך געגעסן, ווי איינער, וועלכער טוט זיך אָן אַ צוואַנג צו עסן, אָן לוסט, נישט ווילנדיק און זייער ווייניק, און זיינע וואַלקנגרויע אויגן האָבן זעלטענער געקוקט אויף דאָס עסן פאַר אים און מער אויף ברוריהן, און זיינע בליקן זיינען געווען אַליין די בענקעניש, אַליין דאָס בעטלען.

און ווען אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט האָבן זיך אָנגעהויבן ארומצוטראָגן איבערן הויז שיר־השירים־פּסוקים, מיט אַ שטימע פון טויבן־וואָרקען, ווי דאָס געשריי פון אַ האַרץ, וואָס פאַרגייט פאַר בענקעניש, האָט ברוריה ארויפגע־לייגט איר קישן אויף איר קאָפּ און די הענט אויף די אויערן, און איר האַרץ האָט איר געקלאַפּט אין גרויסער שנעלקייט. זי האָט געוואוסט, אַז די פּסוקים מיינען זי, גייען צו איר, רעדן צו איר, בענקען נאָך איר, בעטלען ביי איר.

און זי איז געלעגן און האָט גערעדט אין איר שווערן הארצן:

„רבונו של עולם, איז נישט גענוג, וואָס דו באַשטראָפסט מיין הארץ, ווילסטו נאָך אַן אַנדער הארץ באַשטראָפן דורך מיר? אויב איך זאָל אַ טרייסט זיין פאַר די, וואָס גלויבן אין דיר, ווי ווילסטו מיך יעצט מאַכן צום גרויסן שמערץ און צו פאַרצווייפלונג פאַר איינעם פון דיינע פרומע? רבונו של עולם, איז ברוריה דיין אויסגעווייליטע און געבענטשטע געבאָרן געוואָרן אומגליק צו דערלעבן און אומגליק צו פאַרשפרייטן? גאָט דער האַר, איך האָב נישט געוויינט אין דיין הייליקן שבת, ווען מיינע קינדער זיינען מיר געשטאָרבן, ווילסטו, איך זאָל יעצט וויינען פאַר דיר? קער אָפּ זיין הארץ פון מיר, גאָט פון אברהם, און ווענד זיינע געדאַנקען צו דיר. טו מיר דעם גרויסן חסד, רבונו של עולם!"

און וויל שמעון איז גראָד אַנטשוויגן געוואָרן, ווייל אַ גרויסע מידקייט איז אים באַפאַלן, און דער שלאָף האָט זיך ווי אַ שווערע משא אַראָפּגעלאָזן אויף זיינע אויגן, איז ברוריהן געווען, ווי גאָט וואָלט דערהערט איר געבעט. און זי האָט אַראָפּגענומען דאָס קישן פון זיך און אונטערגעלייגט עס אונטערן קאָפּ, פריי אויפאָטעמענדיק און איז איינגעשלאָפן אַ באַרואיקטע, אַ דאַנקבאַרע. —

אָבער אויף מאָרגן האָט ברוריה איינגעזען, אַז גאָט האָט איר געבעט נישט דערהערט און איר תפלה נישט אָנגענומען. וואָרום די שטימע פון רבי ישמעאלס זון איז פול געווען מיט בעטלעניש און זיינע אויגן זיינען אָנגעגאָסן געווען מיט בענקעניש. און עס איז געווען נאָך הבדלה, ווען שמעון האָט זיך אַרומגעקוקט נאָך ברוריהן צו פרעגן זי וועגן זיינע בליקן האָט ער ברוריהן אין צימער נישט געפונען. זי איז פאַרשוואונדן, ווייל זי האָט געוואוסט, אַז שאַרפע רייד און בייזער ענטפער וועלן זיין מויל נישט פאַרמאַכן און קיין שלאָס אויף זיינע ליפּן נישט אָנטאָן. די אָנגעקליבענע בענקעניש וועט זיך מאַכן אַ וועג, און די ליידנשאַפט וועט זיך אַרויסרייסן פון זיין הארצן, און ער וועט זיך שווער פאַרזינדיקן פאַר גאָט מיט זיינע

רייד און זיינע מעשים. און ווי וועט זי אים דעמאָלט קאָנען האַלטן אונטער איר דאַך? און די דרייסיק טעג זיינען נאָך נישט פאַריבער.

אָבער שמעון האָט יעצט געוואוסט, אַז ברוריה האָט באַמערקט זיינע בליקן און ריכטיק אויסגעטייטשט זיין שטימע, און זיין האַרץ איז אָנגעפילט געוואָרן מיט פרייד און האָפענונג. זי איז פאַרשוואונדן, ווייל זי פילט זיך שוואַך, איר שטאַרקייט האָט אָנגעהויבן זיך צו שאַקלען. דער קאַמף אין איר האָט זיך שוין אָנגעהויבן, און ער וועט דער זיגער זיין.

ט.

דריי טעג מער האָט אָנגעהאַלטן דאָס בענקען, און פּלוצלונג איז די שטימע איבערגעגאַנגען אין אַ מין אומאַנגענעם שרייען. שמעון איז אַריינגעפאַלן אין פאַרצווייפלונג. די דרייסיק טעג האָבן זיך אָנגעהויבן צו דערנענטערן צו זייער סוף, און זיין ליבע צו ברוריהן האָט זיך צופלאַקערט, ווי דאָס פייער פון גיהנום. ער האָט פאַרלאָרן זיין רו אין גאַנצן, און זיין קערפּער האָט אָנגעהויבן אויפגעגעסן צו ווערן פאַר ליידנשאַפט. זיינע באַקן זיינען איינגעצויגן געוואָרן און זיינע אויגן זיינען איינגעפאַלן און האָבן אויסגעזען רויטלעך־געל און קראַנק. עס איז אים געווען, ווי זיין קערפּער וואָלט נישט אויפגעהערט געבייטשט צו ווערן, און אין אים האָט עס געשריען פאַר ווייטיק. און זיין שטימע האָט איבערגענומען דאָס געשריי, אָבער דאָס איז געווען, ווי דאָס געשריי פון דעם אָקס נאָך דער קו, בלויז ליידנשאַפטלעכער, שמערצלעכער, פּיינלעכער.

און ווען ברוריה האָט דערהערט די דאָזיקע שטימע, איז זי זייער פאַרציטערט געוואָרן, און אַן עקל האָט זי אַרומגעכאַפּט. גאַנצע טעג האָט זי אויסגעמיטן איר הויז, אָבער דאָס עקל־ליידן האָט זי דייטלעך אַרומגעטראָגן מיט זיך. ווער עס האָט זי באַגעגנט, האָט געזאָגט: „פון אַ בייזער קרענק איז ברוריה באַפאַלן.״ און אירע פריינד האָבן זי געפרעגט: „וואָס איז דיר געשען?״ זי האָט זיך אויסגעהיט נישט אָנצוטרעפן זיך מיט שמעונען, און ביינאַכט געהאַט ביי זיך אין צימער די אַלטע דינסט. פריִיטיק האָט זי אים געלאָזט וויסן, אַז זי קאָן

ניִשט קומען צום טיש און קידוש וועט זי הערן פון דער וויַיטן. אָבער זיַין קידוש האָט ארויסגערופן אַ שוידער אין איר. ער האָט אים מער אַרויסגעקרעכצט ווי אַרויסגעזונגען. זיַין אָטעם איז געווען ווי פון אַ טויטלעך־פאַרוואונדעטער חיה, זיַין שטימע איז געווען הייזעריק און געהאַט בייזע טרערן אין זיך. ער האָט זיך קוים צוגערירט צום עסן און געקוקט אַרום זיך מיט ווילדע אויגן, די אַלטע דינסט פלעגט יעדעס מאָל פריי אויפאָטעמען, ווען זי פלעגט זיך אַרויסכאַפּן פון דעם עס־צימער. האָט ער זמירות געזונגען? האָט ער גאָט געבענטשט? אָדער האָט ער גאָר געלעסטערט? זיַין שטימע האָט געקלונגען מער נאָך שעלטן ווי נאָך בענטשן. ער האָט יעצט געוואוסט, אַז גאָט האָט אים פאַרלאָזן און ברוריהן אים באַוויזן, אום אים צו פאַרניכטן. דאַרף ער זיך איינהאַלטן? דאַרף ער זיך פאַרשטעלן? זאָל די פרוי וויסן, ווי ער ליַידט דורך איר. ווי ער ליבט זי, ווי ער באַגערט זי.

און אין דער טונקלקייט פון זיַין צימער האָט ער מיט זיַין פאַר תאווה הייזעריקער שטימע געחזרט פסוקים פון שיר השירים. די פאַרליבטסטע און די ליַידנשאַפטלעכסטע. „ווי שיין ביזטו און ווי זיס ביזטו, ליבע אין געַנום! דיַין וואוקס איז ווי אַ פּאַלמע, און דיַינע בריסט זיַינען ווי די טרויבן־בינטל. איך האָב מיר געזאָגט: איך וועל אַרויפקלעטערן אויף דער פּאַלמע, אָנהאַלטן זיך אָן אירע צוויַיגן, און דיַינע בריסט וועלן מיר זיַין ווי די טרויבן־בינטל אויפן וויַינשטאָק, און דער דופט פון דיַין געזיכט וועט מיר זיַין ווי דער דופט פון עפּל.”

ער האָט זיי אַרויסגעזונגען אַ מאָל נאָך אַ מאָל, ווילד גאַנץ, ליַידנשאַפטלעך, תאוהדיק.

און אַ נאָך גרעסערער עקל האָט אַרומגעכאַפּט ברוריהן. עס איז איר געווען, ווי ווען עמיץ וואָלט איר קערפּער באַשמוצט, און זי האָט זיך איַינגעקאָרטשעט אין שוידער. זי האָט וויַיט פאַנאַנדערגעעפנט די אויגן, און געקוקט אין דער געדיכטער פינסטערניש און גערעדט צו גאָט, ווי זי וואָלט אים געזען פאַר זיך אין דער טונקלקייט:

„איך האָב אָנגענומען פאַר גוט דעם גרויסן שמערץ,

וועלכן דו האָסט אָנגעשיקט אויף מיר, אָבער די דאָזיקע באַ־לײדיקונג קאָן איך נישט אַריבערטראָגן. פאַרוואָס קומט זי מיר, וואָס ווילסטו מיט איר דערגרייכן? מיט וואָס האָב איך זיך פאַרזינדיקט? ווילסטו מיך אַזוי דערנידעריקן? מיין האַרץ איז געפּייניקט און שוואַך, ווילסטו עס גאַנץ צורייסן? צורייס עס מיר, גאָט, איך וועל דיר דאַנקען, אָבער נעם אַוועק פון מיר די באַליידיקונג, באַפריי מיך פון דעם שמוץ.״

אָבער די תאוהדיקע שטימע האָט נישט אויפגעהערט. זי איז נאָך ווי העזהדיקער געוואָרן, געקראָכן צו איר, אַרומגענו־מען זי, באַרירט זי. און ברוריה האָט אויפגעקרעכצט ווי אַ פאַרוואונדעטע הירשין און פאַרגראָבן זיך אונטערן קישן און צודעק, ווי צו דערשטיקן זיך, צו שטאַרבן גרייט. —

דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג איז זי געווען איינגעשלאָסן ביי זיך אין צימער, אַ באַליידיקטע, אָנגעעקלטע, פול כעס און צאָרן. אויך אין די אַנדערע טעג האָט זי אויסגעמיטן שמעונען, ווי מען מיידט אויס אַ קרעציקן, מיט שוידער און עקל. אָבער אויפן דרייסיקסטן טאָג איז שמעון געזעסן אויף דער לויער, און שפּעט נאָך מיטיק אָנגעטראָפן זיך מיט איר אויג אויף אויג. ער איז געווען אָנגעטאָן צום אַוועקגיין, מיט שטאָק אין דער האַנט און וואַנדערזאַק אויף דער פּלייצע. אָבער נישט דער שיינער, שטאָלצער שמעון, דער ייִד געוואָרענער אַדאָנים, איז געשטאַנען יעצט פאַר איר, נאָר אַ גאַנץ אַנדערער. איינגעדאַרט און איינגעצויגן, דאָס געזיכט געל, די אויגן איינגעפאַלן און פיבעריש און רויט, די באָרד נישט געמאַכט, דער קאָפּ־צודעק אין אומאָרדענונג. אַדאָנים האָט פאַרגעסן שיין צו זיין, אַדאָנים איז קראַנק און אַלט געוואָרן, אַדאָנים האָט געקראָגן אַ טויט־לעבע וואונד אין האַרצן.

ברוריה האָט זיך אויסגעגלייכט אין איר גאַנצן שטאָלץ און איר גאַנצער שיינקייט, אָנגעקוקט אים שטרענג און האַריש און געוואָלט פאַרבייגיין, אָבער ער האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג. אַ ווײַלע האָבן זיי זיך שטום אָנגעקוקט, און באַלד האָט ער אויפגעטאָן זיין מויל און געזאָגט:

„פאַרשאָלטן זאָל זיין דער טאָג, ווען איך האָב דיך צום

ערשטן מאָל געזען, אָבער זיבן מאָל פאַרשאָלטן זאָל זיין דער טאָג, ווען די חברים האָבן מיך אויסגעקליבן דיין פּרובירשטיין צו זיין, און זיבן און צוואַנציק מאָל פאַרשאָלטן דער טאָג, אין וועלכן איך בין די שוועל פון דיין הויז אַריבערגעטראָטן. אויסגעמעקט זאָלן ווערן די דריי טעג פון גאַנץ יאָר, און זייער אָנדענק זאָל בלייבן אַ קללה אויף דורות. אומגליקסטע זאָלן עס זיין — —"

ברוריה איז אים אַריינגעפאַלן אין די רייד, שטרענג און האַרט:

„איוב האָט שוין איין מאָל דאָס געטאָן און גאַנץ אַ טאָג פאַרשאָלטן, דו קאָנסט דיר די שילט־קונסט פאַרשפּאָרן. גיי דיין וועג און דאַנק גאָט, וואָס ער האָט דיך אין ברוריהס הויז געפירט און דיך נישט צו גרעסערע זינד געבראַכט, און צוויי נשמות זיינען נישט פאַרלאָרן געגאַנגען אויף אייביק. דאָך איידער דו גייסט, מוזסט דו מיר דערקלערן, וואָס הייסט די חברים האָבן דיך אויסגעקליבן מיין פּרובירשטיין צו זיין. אויב איך האָב דיך ריכטיק פאַרשטאַנען — —"

איר בליק איז געווען שאַרף און איינדרינגלעך, און שמעון האָט אַרויסגערעדט:

„דו האָסט מיך ריכטיק פאַרשטאַנען!"

מיט גרויסע אויגן און שנעלן אָטעם האָט זי ווייטער געזאָגט:

„איז די מעשה מיט די באַפערס אַן אויסגעטראַכטע?"

און שמעון האָט געענטפערט פיבעריק, ציטערנדיק אין אַלע אברים:

„פאַלש איז זי פון אָנהויב ביזן סוף, קיין איין וואָרט אמת איז אין איר נישט געווען. די ישיבה, וועלכע האָט געוואוסט די שטאַרקייט פון דיין האַרץ קעגן דעם טויט, האָט געוואָלט אויך וויסן די שטאַרקייט פון דיין האַרץ קעגן דער ליבע, און זי האָט מיך אויסגעקליבן —"

ווידער איז זי אים אַריינגעפאַלן אין די רייד, מיט גרויסע אויגן און פאַרכאַפּטן אָטעם:

„און רבי מאיר?"

„דאָס איז זיין פּלאַן געווען."

זי האָט אויפגעשריען, ווי פון אַ פּלוצלונגדיקן שניט אין הארצן, שווער געאָטעמט און צוגעמאַכט די אויגן. אין אַ ווײַלע ארום האָט זי שטיל געפרעגט, די אויגן נאָך צוגעשלאָסן:

„האָט אויך רבי מאיר געוואָלט וויסן די שטאַרקייט פון מיין הארצן קעגן זינדיקער ליבע?"

און שמעון האָט געענטפערט אָפּגעשפּאַנט און מיד:

„צוערשט איז ער זייער אין כעס געוואָרן אויף די תּלמי־דים פאַר זייערע צווייפל אין דיר, אָבער דערנאָך זיינען זייערע צווייפל געוואָרן זיינע צווייפל."

ברוריה האָט פאַרוואונדערט אויפגעקרעכצט, און שמעון האָט ווייטער גערעדט:

„דער עפּל איז וואונדערשיין, האָט רבי מאיר געזאָגט, אָבער ווער ווייס, וואָס עס טוט זיך אין זיין הארצן?"

שווערער נאָך און שמערצלעכער האָט ברוריה אויפגעקרעכצט, און שמעון האָט פאָרטגעזעצט, אומברחמנותדיק, גלייכגילטיק, מיד:

„און ער האָט געזאָגט: „וואָס טוט מען אויף אויסצוגע־פינען, צי דער שיינער עפּל האָט אַ געזונט הארץ? מען שניידט אים אויף — —"

ברוריה האָט זיך געדרייט און געקרימט, ווי אונטער שאַרפע מעסער און פּלוצלונג האָט זי אויסגעשריען נישט מיט איר קול: „גיי!" און איז אַנטלאָפן צו זיך אין צימער, מיט געשלאָסענע אויגן, ווי באַטויבט.

און שמעון איז אַוועקגעגאַנגען אין זיין וועג, שווער און לאַנגזאַם, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און מידע גלידער, ווי איינער, וועלכער איז פאַרמשפּט צו גלות, אַן עלנדער, אַ פאַרוואָגלטער.

י.

אין איר צימער איז ברוריה געשטאַנען און געפירט זיך מיט דער האַנט איבערן געזיכט און אויגן, ווי זי וואָלט גע־וואָלט עפּעס פאַרטרייבן פון זיך, אַ שלעכטן חלום, אַ בייזע זעאונג. זי האָט שנעל צוגעמאַכט די אויגן און גלייך זיי ווייט פאַנאַנדערגעעפנט — איין מאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל, און איר האַרץ האָט ווילד געקלאַפּט און אין איר האָט עס גאַנץ משונהדיק געשריען. „ער האָט צווייפל געהאַט אין מיר! ער האָט געשיקט מיך אויסצופּרואוון! איז עס מעגלעך? איז עס מעגלעך?!"

זי איז אַרויסגעלאָפן צו שמעונען. זי מוז אים נאָך אַ מאָל אויספרעגן. אפשר האָט ער איר אַ ליגן געזאָגט? אפשר האָט ער אויסגעטראַכט די פּראָבע־מעשה? אפשר איז די מעשה מיט די באַפערם די ריכטיקע? אפשר האָט זי זיך פאַרהערט? אפשר האָט זיך איר אַלץ אויסגעדוכט? אפשר איז אַלץ בלויז אַ ביי־זער חלום?

ווייט אין גאַס איז שמעון געגאַנגען, מיט שווערע טריט, ווי געעלטערט. זי האָט געוואָלט אים צורופן, געוואָלט אים נאָכ־לויפן. אָבער אויף אַ מאָל האָט זי געוואוסט, אַז דאָס איז נישט קיין חלום, אַז איר האָט זיך גאָרנישט אויסגעדוכט, אַז דאָס מאָל האָט זי רבי ישמעאלס זון נישט גענאַרט. די קללה, מיט וועלכער ער האָט געשאָלטן דעם צווייטן טאָג, איז געוועזן נישט קיין געמאַכטע; די ווערטער, וועלכע ער האָט אַריינגעלייגט רבי מאירן אין מויל, זיינען זיכער רבי מאירס.

טרערן האָבן זי אָנגעהויבן צו דריקן, און זי איז שנעל אריין צו זיך אין צימער, האָט אריינגעוואָרפן זיך אין איר בעט און שווער און ביטער זיך צעוויינט. זי האָט געריסן אויף זיך די האָר, אריינגעשטאָכן זיך די נעגל אין די באַקן, געביסן דאָס בעטגעוואַנט אונטער זיך און געקלאָגט און געיאָמערט. אָבער ווען זי האָט דערהערט די טריט פון דער אַלטער דינסט, האָט זי זיך באַהערשט, איז שטיל געוואָרן און געבליבן רואיק ליגן. זי האָט זיך נאָך אַזוי אָוועקגעלייגט, עס זאָל אויסזען, ווי זי וואָלט געשלאָפן.

די אַלטע דינסט האָט אריינגעבראַכט ליכט און דערמאָנט, אַז עס וואָלט צייט געווען אָונטבײַסן צו עסן. ברוריה האָט ארויסגעשטאַמלט, אַז זי איז קראַנק דעם אָוונט און עסן וועט איר נישט גוט טאָן. אָבער די גוטע דינסט האָט דאָך אריינגעבראַכט עטלעכע נאַכטשפּייזן, געפרעגט זי, צי וויל זי זי אויך היינט ביי זיך אין שלאָפצימער, און, באַקומענדיק דעם ענטפער „ניין”, געוואונטשן איר אַ גוטע נאַכט און אָוועק אויף איר געוויינלעכן שלאָפפּלאַץ.

ברוריה איז געבליבן ליגן מיט אָפענע אויגן און אריינגעקוקט אין די שאָטנס פון דעם שוואַך באַלויכטענעם צימער. איר קאָפּ איז איר געווען ווי צומישט, זי האָט נאָר געוואוסט, אַז אַ זייער גרויס אומגליק האָט איר געטראָפן. אַ פיל גרעסער אומגליק, ווי דער טויט פון אירע קינדער. עפּעס אַן אומדערקלערלעך גרויס אומגליק, זי קאָן עס נאָך נישט ארומפאַסן. אַזוינס, וואָס מוז זי גאַנץ צודריקן, וואָס מוז אריינטראָגן די גרעסטע ענדערונג אין איר לעבן.

און פּלוצלונג האָט זי זיך לאַנגזאַם אויפגעזעצט, קוקנדיק מיט די ווייט אָפענע אויגן פאַר זיך.

יאָ, אַזוי וועט עס זיין: רבי מאיר קאָן מער איר מאַן נישט זיין.

זי האָט איינגעדריקט די ציינער, געשטאַרקט זיך דאָס האַרץ; די ווייט־אָפענע אויגן געווענדעט אויף איין פונקט פאַר זיך. יעצט האָט זי געקאָנט קלאָר טראַכטן.

ווען רבי מאיר אַליין וואָלט נישט געצווייפלט, נאָר וואָלט

נאכגעגעבן די צווייפל פון די אנדערע, זי וואלט זיך נישט באליידיקט און גאנץ רואיק וואלט איר הארץ געבליבן. זי וואלט זיך געפרייט איבער דער שטארקייט פון זיין גלויבן אין איר, און איר אייגענע שטארקייט וואלט איר דאפלט גוט געטאן. זי וואלט זיך גערייצט מיט אים איבער דעם געוואגטן שריט, וועלכן ער האט געמאכט, וואלט אויך געזאגט, אז נאריש איז געוועזן דער אויפטו, און וואלט דאך געהאלפן אים צו טריאומפירן איבער די בייזע צווייפל־צינגער, וועלכע האבן זיך דערוואגט אראפצוציען זי אין דעם שמוץ פון זייער ספקות.

אבער ער אליין האט געצווייפלט! ער אליין האט געוואלט די פראבע, אום אונטערצושפארן זיין גלויבן אין איר! ער אליין האט זיך דערוואגט נישט זיכער צו זיין אין זיין ברוריהס שטארקייט! איר אייגענער מאן האט איר הארץ נישט געקענט און באדעקט איר ריינקייט מיט צווייפל־שמוץ!

און ווי, ווען זי וואלט די פראבע נישט אויסגעהאלטן?!

די סכנה איז געוועזן גרויס, דער שיינער שמעון איז אויך גאנץ געפערלעך. דאך רבי מאיר האט נישט מורא געהאט זי צו פארלירן, ער האט זי איינגעשטעלט אין שפיל, ער האט זי מקריב געוועזן!

ער קאן מער איר מאן נישט זיין!

זי האט זיך דאס געחזרט מיט עקשנות, אריינגעבויערט זיך אין דעם מיט בייזער הארטקייט.

ער וועט איר מוזן געבן א גט, און זי וועט בלייבן אליין. גאנץ אליין, גאנץ, גאנץ אליין.

א טיפער שמערץ איז דורכגעגאנגען דורך איר, זי האט געמוזט צומאכן די אויגן, און א גרויס עלנט האט זי ארומגענומען. זי האט זיך פארבענקט נאך די פארשטארבענע קינדער. איר הארץ איז אויסגעגאנגען נאך זיי, זי האט אויסגעשטרעקט די הענט צו זיי, און געדריקט די הענט צו איר הארצן, און געשאקלט מיטן קאפ, צוגיסנדיק זיך מיט טרערן און פליסטערנדיק לאסקע־נעמען, מוטער־ווערטער.

זי האט זיי געזען פאר זיך, ווי זיי זיינען געוועזן אין די

לעצטע טעג פאר זייער שנעלן טויט. שפילנדיקע, לאכנדיקע, ליכטיקע. זי האט זיי געפילט אזוי לייבהאפטיק, זי האט זיך געמוזט ארומקוקן נאך זיי. ניין, זיי זיינען נישטא, זיי זיינען טויט. זיי ליגן אויפן ווייטן בית הקברות, טיף אין דער קאל־טער ערד, צוגעדעקט מיט ברעטער, פארשאטענע מיט ערד. אליין ליגן זיי דארטן, איינזאמע, אירע קליינע יינגעלעך, און בענקען אפשר נאך דער מאמען, ווי די מאמע בענקט נאך זיי.

דער דאזיקער געדאנק האט זיך טיף אריינגעזעצט אין איר, געלאזן ווארצלען אין איר הארץ, און ענדלעך האט זי זיך שטיל צעוויינט אין גרויסן בראך:

„מיינע קינדער דארפן מיך און איך דארף מיינע קינדער."

און אז זי האט אויסגעוויינט די טרערן, האט זי זיך געווענדט צו גאט:

„עס איז א גרויסע זינד, וואס איך גיי מיט מיר יעצט טאן. איך וועל עובר זיין אויף דיין הייליק געבאט און דיין אנזאג נישט פאלגן. אבער איך קאן נישט אנדערש. גאט אין הימל, איך קאן נישט מער לעבן. דער זכות פון מיין פאטער זאל מיר ביישטיין, דער זכות פון מיין פאטער דעם הייליקן מארטירער, וועלכער האט נישט אנגענומען דעם אנבאט פון דעם תליון אויף צו פארגיכן זיין שרעקלעכן טויט, כדי די גע־וואלטע פארגיכערונג זאל נישט אויסזען אין דיינע אויגן ווי זעלבסטמארד — ער זאל מיך באשיצן. דו וועסט מוזן מוחל זיין זיין טאכטער, וועלכע גיט זיך דעם טויט, אום גיכער צו קומען צו אירע קינדער. אייביקער גאט, ברענג מיך צו זיי, צישייד אונז נישט מער, שטראף מיך נישט נאך מיין טויט אזוי הארט, ווי דו האסט מיך געשטראפט ביי מיין לעבן. איך גיב איבער מיין נשמה אין דיינע רחמנותדיקע הענט. איך גיי צו דיר און מיינע קינדער."

יעצט איז זי אויפגעשטאנען פון איר געלעגער, האט אנ־געטאן זיך ריין און ווייס, מיט א רואיקער האנט אויפגעשריבן עפעס אויף א וואקס־ברעטל און ארויסגענומען פון א נייי־קעסטל א קליין שארף מעסער. אויף א נאגל האט זי זיין שארפ־

קייט אויסגעפּראוועט, פרום און רואיק אָפּגעזאָגט דעם „שמע ישראל" און אויפגעשניטן זיך די אָדערן אויף די הענט. מיט שפּריצנדיקן בלוט, אָן אַ ווייטיק־קרעכץ האָט זי אויסגעלאָשן דאָס ליכט, אריינגעלייגט זיך אין בעט און אָנגעהויבן איר גאַנג צו אירע קינדער.

זי האָט געהאַלטן די אויגן ווייט אָפן, ווערליק זי האָט לאַנגזאַם פאַרבלוטיקט, און געזען פאַר זיך אירע קינדער. דאָרטן ווייט אויפן בית הקברות אין זייערע קברים. זיי האָבן זיך אויפגעזעצט און וואַרטן אויף איר. געלע, בלייכע, טרויעריקע. און זי זאָגט זיי: „וואַרט, איך קום צו אייך, מיינע קינדערלעך! באַלד בין איך ביי אייך, מיינע האַרציקע!" און זי האָט אַן אויפהער געפּליסטערט לאַסקע־נעמען, מוטער־ווערטער.

זי האָט נישט איין מאָל אַ קוק געטאָן אויף הינטן צוריק אין איר לעבן אריין. זי האָט נאָר געזען פאַר זיך אירע קינדער און דעם וועג צו זיי. ערשט נאָר צום סוף, ווען זי האָט אָנגעהויבן איינצושלאָפן, און דאָס בילד פון די קינדער און דער וועג צו זיי זיינען מטושטש און אומקלאָר געוואָרן, האָט זי אויסגעבראָכן מיט שטילער בענקעניש און שטילע טרערן: „מאיר! מאיר!"

יא.

און עס איז געווען, אַז ווען דער שיינער שמעון איז אַריינגעקומען אין דער ישיבה, האָבן די תּלמידים אויפֿגעשריען פֿאַר שרעק איבער זיין אויסזען, און ער האָט אויסגערופֿן:

„זעט, דאָס איז פֿון מיר געוואָרן, ווייל איך האָב מיך דרייסיק טעג געשלאָגן אָן דער שטיינערנער שטאַרקייט פֿון ברוריה. איר שטאַרקייט און ריינקייט איז איבער אַלע צווייפֿל, אָבער איך בין פֿאַרניכטעט.‟

און רבי מאיר האָט אַ וואָרף געטאָן אַ בייזן נצחון־בליק אויף זיינע תּלמידים, גענומען זיין שטאָק און וואַנדער־זאַק און איז אַוועק צו ברוריה זיין ווייב. אָבער ער האָט זי געפֿונען טויט, אָן אַוועקגעגאַנגענע צו אירע קינדער, און אויף דעם וואַקס־ברעטל איז געווען אויפֿגעשריבן: „ווען מען שניידט אויף דעם עפּל, פֿאַרניכטעט מען אים.‟

ער האָט זיך געכאַפּט פֿאַרן קאָפּ, און מיט ווילדע אויגן, האַרצרייסנדיק, נשמה־טויטנדיק, אויסגעבראָכן אין אַ יאָמער:

„ב ר ו ר י ה !‟

1916.

יוחנן כהן גדול

א.

אכציק יאָר איז געוואָרן יוחנן כהן גדול. געזונט אין גייסט און שטאַרק אין קערפּער האָט ער דערגרייכט צו דעם דאָזיקן הויכן עלטער, גאַנץ מיט זיך און זיין גאָט. וואָרום פון קינדהייט אָן איז ער געלערנט געוואָרן צו גיין אין גאָטס וועגן, און ער איז פון זיי נישט אָפּגעטראָטן. ער האָט זיך אָפּגעהיט נישט עובר צו זיין אויף אַלטע איסורים, און ער האָט נאָך געמאַכט אַ צוים אַרום אַ צוים. אויף די אַלטע פאַרבאָטן האָט ער צוגעגעבן נייע, און איז געווען שטרענג צו זיך אַליין אין דורכפירן זיי. זיינע ווערטער זיינען געווען: דער קערפּער איז גאָרנישט, די נשמה איז אַלץ. דער קערפּער איז שטויב און ערד, די נשמה איז די אייביקייט. לעבט נישט פאַר דעם קערפּער, נאָר לעבט פאַר דער נשמה. מאַכט אייך נישט אויס פון דעם, וואָס די צייט איז גורם, ווענדט אָן אַלע אייערע מחשבות און מעשים אויף דאָס אומענדלעכע.

און ווי ער האָט געלערנט, אַזוי האָט ער געלעבט. וואָרט און טאַט זיינען ביי אים געווען איינס. און כאָטש ער איז געווען כהן גדול, דער פירער פון זיין פאָלק און דער רייכסטער און מעכטיקסטער צווישן זיינע ברידער, האָט זיין קערפּער נישט געוואוסט פון די תענוגים פון עולם הזה.

אָבער די איינוואוינער פון ירושלים האָבן אים שטאַרק געליבט פאַר זיין גאַנצקייט. און כאָטש עס איז זייער שווער געווען נאָכצוגיין אין זיינע וועגן און זעלטן ווער איז אים אויך נאָכגעגאַנגען, האָט דאָס גאַנצע פאָלק אים דאָך נישט

אויפגעהערט צו באַוואונדערן, און די באַוואונדערונג איז אַרייבער אין גרויס דרך ארץ און יראת הכבוד.

און ווייל ער איז געווען אַזוי געליבט און געאַכטעט, איז זיין אַכציק־יאָריקער געבורטסטאָג געווען אַ יום־טוב פאַר דער גאַנצער שטאָט. אַלע הייזער זיינען שיין פאַרפּוצט געוואָרן, און אַלע איינוואוינער האָבן זיך יום־טובדיק אָנגעטאָן, און פון אַלע עקן פון לאַנד זיינען אָנגעקומען און אָנגעפאָרן יום־טובדיקע מענטשן. און עס זיינען געקומען צו אים זיינע פריינד און זיינע פאַרערער, נאָענטע און ווייטע זיינען געקומען, מיט מוזיק און געזאַנג, און אויפגעפאָדערט אים, ער זאָל זיך דורכגיין מיט זיי איבער די גאַסן פון ירושלים. ער זאָל זען, ווי דאָס גאַנצע פאָלק פרייט זיך מיט זיין לאַנגלעביקייט, און פילן, ווי געליבט ער איז. מיט טעפּיכער איז דער וועג געווען אויסגעלייגט, און קליינע קינדער זיינען געלאָפן פאָרויס, האָבן באַשאָטן דעם וועג מיט בלומען און געשריען: „אייביק לעבן זאָל אונזער האר דער כהן גדול!” און אַלע גאַסן זיינען געווען געפּאַקט מיט יום־טובדיקע מענטשן, מענער און פרויען, און אַלע דעכער זיינען געווען באַדרעקנגט מיט איינוואוינער פון ירושלים, און אַלע פענסטער זיינען געווען באַזעצט, און די שטאָט האָט געהילכט פון דעם אויסרוף: „אייביק לעבן זאָל אונזער האר דער כהן גדול!” אין די שיינע טעכטער פון ציון האָבן מיט ליבע האַנט־באַוועגונגען און מיט צניעותדיקער רויטקייט אויף די פּנימער באַוואָרפן אים מיט בלומען און מיט קרענץ.

און ווי ער איז געגאַנגען אַזוי דורך די גאַסן פון ירושלים דורך דעם יובל פון דעם פאָלק, האָט ער דערהערט הינטער זיך אַ פרויענשטימע, וועלכע האָט געזאָגט: „ווי שיין עס איז דער אַלטער, און ווי שטאַרק ער איז נאָך. עס איז צו פאַרליבן זיך אין אים!” און ווייל עס איז אים גוט און ווייך געווען אויפן האַרצן, האָט ער זיין געזיכט צוגעווענדט צו דער שפּרעכנדיקער פרוי, מיט אַ פאָטערלעכן שמייכל אויף די ליפּן. דאָס איז געווען אַ יונגע בילד־שיינע פרוי פון אַ יאָר דרייסיק, פון מיטעלן וואוקס און רונדע

אברים, און זי האָט אויפגענומען זיין בליק מיט אויגן, פון וועלכע די זון האָט ארויסגעשטראַלט. עס איז געווען, ווי זי וואָלט געוואָרט, ער זאָל אויף איר אַ קוק טאָן, און זי האָט געהאַלטן אָנגעגרייט פאַר אים איר דורכדרינגענדיקסטן בליק. ער איז ווי אָפּהענטיק געוואָרן פון איר בליק, און דער גוט־מוטיקער פּאָטערלעכער שמייכל אויף זיינע ליפּן איז ווי אַריינגעפאַלן אין אַ פאַרלעגנהייט, נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט זיך, און פאַרצויגן זיך אין אַ גרימאַסע.

און ווי ער האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ פון איר, האָט ער דערהערט אַ מענער־שטימע, וועלכע האָט געזאָגט: „און וואָס האָט ער געהאַט פון זיין גאַנצן לעבן, פון זיין שיינקייט און זיין קראַפט?" די שטימע איז געקומען פון לעבן דער שיינער פרוי און אין איר איז געלעגן אַ געוויסע העזה, ווי דער שפּרעכער וואָלט געוואָלט אים טרעפן און ווייטאָן מיט זיינע ווערטער. און דאָך איז געלעגן אַ סך רחמנות אין דעם קול. און עס איז געווען דעם אַלטן כהן־גדול, ווי ווען אַ פייל וואָלט באַרירט זיין ברוסט. ער האָט זיך אויסגעגלייכט אין זיין גאַנצער גרויס, דער שמייכל איז אין גאַנצן פאַרשוואונדן פון זיינע ליפּן, זיין שטערן האָט זיך אָנגערוקט און זיין געזיכט איז פינסטער געוואָרן. און זיין סגן, דער וויצע־כהן־גדול, וועלכער איז געגאַנגען לעבן אים, האָט באַמערקט די פאַרענדערונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אויף זיין געזיכט, און צוגעפּליסטערט אים מיט אַ בייזן געפיל: „דאָס איז יאַזאָן, דער זון פון משולם, און די פרוי לעבן אים איז זיין געליבטע, די זונה עתליה."

אָבער יוחנן האָט ווי נישט געהערט, וואָס יענער האָט אים געפּליסטערט. ער האָט שטאָלץ אויפגעהויבן זיין קאָפּ און געשטעלט די פיס נאָך פעסטער ווי פריער. אין זיין גאַנצן אויסזען איז געלעגן דער ענטפער אויף יאַזאָנס רייד. זיין געזיכט איז געוואָרן שטרענג, און דער בליק פון זיינע אויגן שאַרף. יעדע באַוועגונג האָט געצייגט פון זיין קראַפט און פון דעם באַוואוסטזיין, אַז ער האָט נישט אויף וואָס חרטה צו האָבן אין זיין לעבן. יאַזאָן האָט פאַרשטאַנען דעם

שטומען ענטפער און איראָניש טרויעריק אָפּגעשמייכלט, אָבער דאָס גאַנצע פאָלק האָט געקוקט מיט אַ גרויסער יראת־הכבוד אויף דער ריזיק־קרעפטיקער און שטאָלצער געשטאַלט פון דעם אַלטן כהן גדול. מיט אַ ציטער אין הארצן האָט מען געמאַכט פאַר אים דעם וועג און עס איז געלעגן פרומקייט און אָפּשיי אין די אומענדלעכע רופן: „אייביק לעבן זאָל אונזער האַר דער כהן גדול!"

און די שטאָלצע האַלטונג האָט אים נישט פאַרלאָזן די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געגאַנגען דורך די גאַסן, און אויך שפּעטער, ווען ער איז געזעסן מיט זיינע נאָנטסטע פריינד ביי דער מאָלצייט, וועלכע מען האָט געמאַכט פון זיינעט־וועגן.

ב.

און אין יענער נאכט האט דער אלטער כהן גדול נישט געקאנט איינשלאפן. דאס ביסל וויין, וואס ער האט זיך דער־לויבט אויסצוטרינקען ביים מאלצייט־טיש, די אויפרעגונג פונם טאג, האבן אפגעטאן פון אים דעם שלאף. א געמיש פון מענטשלעכע געשטאלטן און הייזער און גאסן האט זיך גע־טראגן פאר זיינע אויגן; אין זיינע אויערן איז געשטאנען דער אומענדלעכער גערויש פון שטימען און אינסטרומענטן. אבער באלד האט זיך פון אלע געשטאלטן ארויסגעטיילט עתליהם געשטאלט, און ער האט דייטלעך געהערט, וואס זי האט גע־זאגט און וואס יאזאן האט געענטפערט. צוערשט איז אים אליין אומבאוואוסט, עפעס ווי א נישט קלארע דערינערונג, ווי א לייכטער איינדרוק. גלייך אבער איז אים קלאר געווארן, וואס ער זעט און הערט, און ער איז אומרואיק געווארן. פינסטער און בייז האט ער אנגערוקט זיין געזיכט, ווי ער וואלט גע־וואלט פארטרייבן פון זיך געשטאלט און שטימע, און באלד האט ער זיך אנגעהויבן צו קערן פון זייט אויף זייט. אומזיסט! עתליה איז פאר אים געשטאנען מיט אירע אויגן, פון וועלכע עס האט ארויסגעשטראלט די זון, און דורכגעשטאכן אים מיט איר דורכדרינגענדיקסטן בליק. עטוואס האט ער דערשפירט אין זיין קערפער, וואס ער האט א סך מאל אין זיין לעבן גע־שפירט, און פארוואס ער האט שטענדיק אזוי מורא געהאט ווי פאר דער טויטלעכער זינד און וואס ער האט שטענדיק

געזען צו פאַריאָגן פון זיך מיט שטאַרקן ווילן און מיט לאַנגע תפלות און שווערע תעניתים.

עס האָט אין אים געשריען: ער, דער אַבציק־יאָריקער! ווי קומט ער דערצו?! — ער איז אין כעס געוואָרן אויף זיך און געטראַכט וועגן זיך מיט פאַראַכטונג. אַן אַבציק־יאָריקער און אַ כהן גדול! ער האָט צוגעווענדט זיינע געדאַנקען צו גאָט, זיינע ליפּן האָבן אָנגעהויבן צו שעפּטשען אַ תפלה. אָבער דער גרויסער עולם האָט זיך אַלץ געטראָגן פאַר זיינע אויגן, און דייטלעך און קלאָר האָט זיך אויסגעטיילט פון עולם יאָזאָנס געליבטע, די בילדשיינע עתליה. נישט צו פאַרטרייבן! נישט צו פאַרטרייבן!

אָבער יאָזאָן׳ס ווערטער האָבן פּלוצלונג אויפגעקאָכט זיין בלוט. פאַרשטאָפּט זאָל ווערן דעם רשעס מויל! וואָס ער האָט געהאַט פון זיין גאַנצן לעבן, פון זיין שיינקייט און זיין קראַפט?! ער האָט עס גאָט אָפּגעגעבן! גאָט האָט דאָס אים געגעבן, און ער איז גאָטס בעל חוב געווען, און ער האָט גאָט ערלעך געצאָלט. זיין לעבן איז גאָטס, און ער האָט פאַר גאָט געלעבט. ווער עס לעבט אַנדערש, איז אַ רשע, איז אַ זינדיקער פאַר גאָט, איז אַ בעל חוב, וועלכער צאָלט זיינע חובות נישט.

די דאָזיקע געדאַנקען האָבן אים שטאַרק געמאַכט. עס איז אים געווען, גלייך זיינע מוסקולן וואָלטן אייזן געוואָרן, און זיינע אָדערן דראָט.

אָבער עתליהס געשטאַלט איז דאָך נישט פאַרשוואונדן. זי איז געשטאַנען פאַר אים אין איר שיינקייט מיט אירע שטראַלנדיקע אויגן און דעם מאַרך און ביינער דורכנעמענדיקן בליק. ער האָט זי אָנגעקוקט מיט כעס און פאַראַכטונג, ער האָט אויך אויסגעשפּיִעט. דאָך דאָס האָט אַלץ דאָס בילד נישט פאַרטריבן.

ער איז געבליבן ליגן רואיק, אָן געדאַנקען אין קאָפּ, און געמאַכט זיך נישט זעענדיק. זיין פאַראַכטונג צו דער נקבה־געשטאַלט האָט קיין גרענעץ נישט געהאַט. אָבער באַלד איז ער אויפגעשטאַנען פון זיין געלעגער און אָנגעצונדן

א ליכט. די ליכטיקייט מוז די בייזע געשטאַלט פאַרטרייבן. די נאַקעטע פיס אַראָפּגעלאָזן אויף דער קאַלטער ערד, איז ער געבליבן זיצן און זיינע ליפּן האָבן געשעפּטשעט א תפלה. ער איז געווען בייז און גאַנץ צובראָכן אין גוף און נשמה. ווי קומט עס צו אים, דעם זקן?! אָ, וויי, ער האָט דאָך נאָך נישט ריכטיק געלעבט. דאָס קערפּערלעכע, דאָס פליישלעכע, דאָס זינדיקע האָט נאָך איבער אים די ממשלה.

ער איז אויפגעשטאַנען און האָט זיך אויסגעגלייכט. עפּעס איז אים קלאָר געוואָרן. כל זמן די נשמה איז אין קערפּער, מוז זי קעמפן מיטן קערפּער. אַזוי וויל גאָט. און ער וועט קעמפן! זיין ווילן איז שטאַרק. ער האָט נאָך א טאָפּ געטאָן מיטן פוס. יאָ, זיין ווילן איז שטאַרק!

און אין יענער נאַכט איז ער מער נישט געגאַנגען שלאָפן. ער האָט פאַנאַנדערגעוויקלט די תורה פאַרן שיין פון דעם ליכט און אָוועקגעזעצט זיך לערנען. ער האָט גע־וואוסט, אַז די געשטאַלט פון דער שיינער נקבה איז נאָך נישט פאַרשוואונדן. ער דאַרף נאָר צומאַכן די אויגן, וועט ער זי זען. ער דאַרף נאָר אָבווענדן דעם קאָפּ פון דער תורה, און ער וועט זי קלאָר דערזען און דערפילן. אָבער ער איז גע־ווען רואיק. ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט זיגן אין דעם קאַמף מיט דער געשטאַלט, וואָס קומט פון שטן. זי וועט פאַרשווינדן. און זיין שטימע אין דער תורה איז געווען רירנדיק.

ג.

אין דער פרי איז ער אוועק אין דער וויסטע, אין דעם מדבר יהודה. ער האָט געזאָגט, ער וויל גאַנץ אַליין זיין נאָך דעם נעכטיקן רויש; ווייט פון מענטשן און זיינע געשעפטן וויל ער זיך אָפּגעבן א חשבון אין זיינע מעשים: עס איז שוין צייט דערצו, ער איז שוין זייער אַלט. אָבער ער איז אוועק אין מדבר צו פאַסטן און צו פייניקן זיין לייב אין קאַמף מיט א געפיל, וואָס קומט פון שטן. באַרוועס איז ער געגאַנגען אין ברענענדיקן זאַמד און אויף שפּיציקע שטיינער און אויף דערנער, אונטער די שרפהדיקע שטראַלן פון א תמוז־זון, נישט געגעסן און נישט געטרונקען, נישט פאַרגינענדיק זיך קיין רו. דאָך די שיינע עתליה איז געוועזן פאַר אים און הינטער אים. א סך מאָל האָט ער זיך געוואָרפן אויף דער ערד און שרעקלעך געקרעכצט. אָבער נישט פאַר מידקייט, און נישט פאַר הונגער און דורשט, נאָר אויס פאַרצווייפלונג. פאַרוואָס פאַרשווינדט זי נישט?! ער האָט זיך געקלאַפּט אין האַרצן, געריסן אויף זיך די ברוסט. גאָט דער האַר, פאַרוואָס פאַרטרייבסט דו נישט פון מיר דעם שטנס אָנשיקעניש?!

אָבער ער האָט נישט געוואוסט, וואָס עס לויערט נאָך אויף אים. ווען אין אָוונט נאָך א מאָלצייט פון פייגן און וואַסער האָט ער זיך אוועקגעלייגט אויף האַרטע שטיינער

אין א הייל צווישן פעלזן, א מידער, א פארצווייפלטער, גע־פייניקט פון א ברענענדיקן פארלאנג נאך דער שיינער עתליה, איז אים באפאלן א שרעקלעכער געדאנק, גאנץ אומדערוואַרטעט, ווי א פיינט פון הינטער א באהעלטעניש.

וו אַ ס ה אַ ט ע ר ג ע ה אַ ט פ ו ן ז יי ן ג אַ נ צ ן ל ע ב ן, פ ו ן ז יי ן ש יי נ ק יי ט א ו ן ז יי ן ק ר אַ פ ט ?!

דאָס זיינען געוועזן יאזאנס ווערטער, אָבער דער כהן גדול האָט דאָס יעצט נישט געוואוסט. אזוי איבערראשנדיק איז עס איבער אים געקומען, אז ער האָט אויפגעקרעכצט און אָנגעהויבן צו טרייסלען זיך, ווי פון א ווינטערפראָסט אויפן שניי־שפיץ פון דעם בארג לבנון.

וואָס ער האָט געטראכט ביינאכט אויף זיין געלעגער און וואָס האָט אים דאָן אזוי שטארק געמאכט, האָט ער יעצט נישט געדענקט. עס האָט נאר גענאָגט אין אים אָן אָן אויפהער: „וואָס האָב איך געהאט פון מיין גאנצן לעבן, פון מיין שיינ־קייט און מיין קראַפט?" ער האָט אפילו גערופן צו גאָט: „גאָט מיינער, וואָס האָב איך געהאט פון מיין גאנצן לעבן, פון מיין שיינקייט און מיין קראַפט?"

אונטער דעם דרוק פון נישט באפרידיקטער תאוה האָט אים זיין גאנץ לעבן אויסגעזען ווי א מדבר. הארט און שטרענג, דערנער און שטיינער. אלץ חובות און חובות גע־צאָלט. דער קערפער איז געוועזן גאָרנישט, די נשמה אלץ. די נשמה! ווער שרייט עס יעצט אין אים? ווער בענקט עס יעצט אין אים? די נשמה אָדער דער קערפער?

ער האָט פארוואָרפן דעם קאָפּ און איז געלעגן מיד און פארצווייפלט. אָבער פּלוצלונג האָט ער זיך שנעל אויפגעזעצט. מיט שרעק־אויגן האָט ער געקוקט פאר זיך און אין זיך גע־גראָבן: פון וואנען ווייס ער, אז דער אמת איז געוועזן מיט אים, אז זיין לעבן איז געוועזן דאָס אמתע, דאָס גאָט־געוואָלטע?

ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפן בויך, דעם קאָפּ אָנ־געשפּאַרט אויף דער האנט, די אויגן אָנגעשטעלט אין דער ווייסטער נאכט אריין, און געגראָבן אין זיך. ערגעץ אין דער

ווייט האָבן שאַקאַלן געוואָיעט, אַ מדבר־לייב האָט זיך הונ־געריק צושריען — יוחנן האָט גאָרנישט געהערט. עס האָט אים געפּרעסטלט, און אין האַרץ און נשמה האָט עס אים בלוטיק געריסן. דאָס גאַנצע פאָלק לעבט גאַנץ אַנדערש ווי ער. זיינען זיי אַלע רשעים, איז ער אַליין דער צדיק? אָבער עס איז גאָר נישטאָ קיין צדיק אויף דער וועלט, וועלכער האָט נישט געזינדיקט. וואָס הייסט זינדיקן? מען האָט אָפּט גע־לאַכט פון זיין שטרענגקייט, געשריען קעגן איר. איז ער אפשר טאַקע צו שטרענג געווען? וואו איז די גרענעץ?

ער האָט אַרויפגעקוקט צום הימל. עפּעס האָט ער גע־וואַרט, אַז דער הימל וועט זיך יעצט אויפטאָן, און ער וועט גאָט דערזען און גאָט דערהערן. און דעמאָלט וועט ער וויסן דעם גאַנצן אמת. גאָט וועט אים אַלץ אַנטפּלעקן. אים אַליין. ער האָט נישט אָפּגעטאָן זיינע אויגן פון דעם הימל, און אַ בענקעניש איז אויף אים אָנגעפאַלן. ער האָט געגאַרט צו זען גאָט און צו הערן אים. אַכציק יאָר איז ער, און דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן איז ער אָפּגעוועזן אַ כהן גדול, אָבער גאָט האָט זיך צו אים קיינמאָל נישט אַנטפּלעקט נישט אויפן וואָר און נישט אין חלום. וואָס ער ווייס, ווייס ער פון אַנדערע, פון די, וועלכע זיינען געוועזן פאַר אים. פון משהן און די נביאים. און אויך פון זיך אַליין, פון דעם, וואָס זיין האַרץ האָט אים געזאָגט. יעצט וויל ער וויסן פון גאָט אַליין. האָט ער עס דען נישט פאַרדינט? אָבער שעה איז אַוועק נאָך שעה, און דער הימל האָט זיך נישט אויפגעטאָן, און גאָט האָט זיך נישט באַוויזן. אין דעם הויכן הימל האָבן רואיק געבלינצלט די שטערן און אין דער ווייטנס האָבן שאַקאַלן געוואָיעט און אַ וויסטע־לייב האָט געשריען.

ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן אָרעם מיטן געזיכט אַראָפּ און זיך צוּוויינט. גאַנץ ווי אַן אומבאַפרידיקט קינד, און איז ווי אַ קינד אויך איינגעשלאָפן אין זיינע טרערן.

זיין שלאָף איז געווען אומרואיק און קורץ. זעלטזאַמע חלומות האָבן זיך געשפּינט און געפלאָכטן, וועלכע ער האָט נישט געדענקט מער ביים אויפכאַפּן זיך. און ער האָט גע־

וואוסט, אז גאָט האָט זיך אים אפילו אין חלום נישט באַוויזן. זיין האַרץ איז אים געוועזן זייער שווער, און ער האָט באַגלייט זיין מאָרגן־געבעט מיט טיפע זיפצן. עתליהס געשטאַלט איז ווי פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ וואָלקן; דאָס, וואָס האָט אים אַרויסגעטריבן אין מדבר, איז ווי פאַרשוואונדן און פאַרגעסן געוואָרן. יעצט האָט ער געהאַט איין גרויסע בענקעניש: אַ ביסל נבואה, גאָטס שטימע הערן, פאַרנעמען גאָטס ווערטער. און מיט זיפצן און טרערן איז ער ווייטער אַוועק, וואָס טיפער אין מדבר, צו פייניקן זיין לייב מיט תפלות און תעניתים. ער איז געגאַנגען און האָט געוואַרט, זיינע אויגן צום הימל געווענדט, זיינע אויערן ווייט אָפן. אָפטמאָל פלעגט ער בלייבן שטיין מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, ווייל עס האָט אים אויסגעדוכט, אַז ער זעט אָדער הערט שוין עפּעס. אָבער יעדעסמאָל פלעגט ער נאָך אַ קורצן וואַרטן אַוועקגיין ווייטער מיט אַ טיפן קרעכץ.

ער האָט נישט אויפגעהערט תפלה צו טאָן. „פון טיפן האַרצן רוף איך דיך, גאָט. גאָט, דערהער מיין קול, נייג אָן דיינע אויערן צו דער שטימע פון מיינע געבעטן." און האָט אויך מיט שׂכל קלוג גערעדט צו גאָט. ער גלייבט אין משהן און אין די נביאים. ער ווייס געוויס, אַז גאָט האָט זיך צו זיי אַנטפּלעקט און צו זיי גערעדט. אָבער ווען ער האָט גערעדט צו יענע און אַנטפּלעקט זיי זיין רצון, פאַרוואָס זאָל ער עס נישט טאָן צו אים? אויב ער איז נישט ווערט, וויל ער אויך וויסן פאַרוואָס? אויב קיינער קאָן נישט זען גאָט און לעבן בלייבן, אַרט אים נישט, אַז ער וועט שטאַרבן. מיטן גאַנצן האַרצן וויל ער אַזאַ טויט. זען גאָט און שטאַרבן. אַלמעכטיקער, כאָטש די מינוט!

ער בלייבט שטיין און וואַרט. אַ טרויעריקער גייט ער ווייטער. ענדלעך האָט ער אָנגעהויבן צו רופן: „גאָט, ווען דו אַליין ווילסט זיך מיר נישט אַנטפּלעקן, דאַן שיק מיר דיין שליח!"

אָבער טעג זיינען אַוועק נאָך טעג. ער איז אויסגעגאַנגען דעם מדבר אין דער לענג און אין דער ברייט, זיין קערפּער

איז איינגעדארט געוואָרן, זיין געזיכט אָפּגעפאלן, אין טיפע לעכער זיינען געזעסן זיינע מידע אויסגעלאָשענע אויגן — — דאַן האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אין שטאָט, וואו מען איז שוין שטארק אומרואיק געוועזן איבער זיין פארשווינדן און וואו מען האָט אים אויפגענומען מיט שרעקגעשרייען און פארבראָכענע הענט איבער זיין עלנדן אויסזען. מיט נאָך גרעסערן שרעק איז מען אוועק פון אים, ווייל ער האָט אויף אלע פראגן נישט געענטפערט, זיין מויל איז געוועזן צוגעשלאָסן, זיין בליק שטרענג און פרעמד. און זיין פרוי און זיינע קינדער און זיינע פריינט און די גאנצע שטאָט זיינען אומגעגאנגען גאנץ פארלאָרן און פארצווייפלט, ווייל זיי האָבן נישט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך מיט דעם אלטן כהן גדול. די איינציקע ווערטער, וועלכע ער האָט ארויסגערעדט, זיינען געוועזן צום שליסלהיטער, פון וועלכן ער האָט גענומען דעם שליסל צום בית המקדש און וועלכן ער האָט אָנגעזאָגט, אז קיינער זאָל נאָך אים נישט נאָכגיין. און די גאנצע שטאָט איז נאָך מער אויפגערודערט געוואָרן.

ד.

נאָר איין מאָל אין יאָר — אום יום כפור — האָט דער כהן גדול געמעגט אריינגיין אין קדש הקדשים, אין דאָס הייליקסטע צימער פון גאָטס הויז. נאָר דאָס איין מאָל, און נישט באַשטראָפט צו ווערן, גאָטס בליץ זאָל אים נישט טרעפן אויפן אָרט. אָבער יוחנן איז יעצט אַוועק צום קדש הקדשים. ער האָט געוואָלט זען גאָט, און דער טויט האָט אים נישט געשראָקן. זיין הארץ איז געווען פארביטערט, זיין געמיט שווער. ער איז נישט פון גאָטס אויסגעוויילטע. וואָס איז אים דאָס וויטערע לעבן אין אומחן?

ער האָט זיך צוגעגרייט מיט טובל זיין זיך און מיט מקריב זיין א קרבן און אָנגעטאָן זיך אין ווייסן. פאַר דער טיר פון דעם קדש הקדשים איז ער א ווײלע געבליבן שטיין. אוים מורא, אָבער אויך אוים דערוואַרטונג: טאָמער גיט אים נאָך גאָט עפּעס א צייכן. שטיל איז עס געווען ארום, און די האלב־טונקלקייט פון דעם היכל, אין וועלכן ער איז געשטאַנען, איז ווי אָנגעפילט געווען מיט גייסטער. ער האָט זיך מיט אימה ארומגעקוקט ארום זיך, און זיין הארץ האָט אים שטאַרק געקלאַפּט. אָבער ער איז נישט אַנטלאָפן און פון זיין עקשנות נישט אָפּגעלאָזן. מיט פעסטן ווילן דאָך ציטערדיקער האַנט האָט ער אויפגעעפנט די שווערע טיר פון קדש הקדשים, און איז מער אריינגעשפרונגען ווי אריינגעגאַנגען אין אים. די אויגן זיינען אים ווי געבלענד געוואָרן, די פיס האָבן זיך אים אונטערגעבויגן, זיין הארץ איז אים שיר נישט צופּלאַצט געוואָרן. ער האָט זיך

אַנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט, ער זאָל נישט פאַלן. ער האָט גאָרנישט געזען און גאָרנישט געהערט. ער איז געשטאַנען אין גרויסן שרעק.

ביסלעכווייז איז ער געקומען צו זיך. וויפל צייט איז אַריבער? ער לעבט נאָך?! ער האָט געמאַכט גרויסע אויגן, אָפּגעריסן זיך פון דער וואַנט, אַרומגעקוקט זיך. שטיל איז עס און רואיק אין דער גרויסער פינסטערניש פון דעם צימער. דעם שתיה־שטיין, וועלכער איז דאָ געשטאַנען אויף דעם אָרט פון דעם פאַרשוואונדענעם אָרון הקדש, האָט ער מער געפילט, ווי געזען. שטיל. אַ ריזיקע שטילקייט. ער האָט געגלאָצט מיט די אויגן, שאַרף צוגעהערט זיך גאָרנישט. פיר ליידיקע ווענט און דער שתיה־שטיין און ער אַליין. און מער גאָרנישט. ער האָט אויפגעשריען פאַר פאַרוואונדערונג. און זיין יעצטיקע פאַרוואונדערונג איז גרעסער געוועזן פאַר זיין פריערדיקן שרעק. ער האָט זיך אויסגעגלייכט, שטאָלץ און העזהדיק, און זיין געזיכט איז געוואָרן שטרענג און בייז. ער האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין, ווי ער איז געוואוינט געוועזן: מיטן רוקן צום היכל און מיטן געזיכט צום קדש, אָבער באַלד האָט ער זיך אומגעקערט און איז אַרויס מיט פעסטע טריט פון קדש הקדשים און פון בית המקדש. —

ער איז אוועק צו עתליהן, צו דער געליבטער פון יאזאַ, דעם זון פון משולם.

זי האָט אים פאַרוואונדערט און דערשראָקן אָנגעקוקט: דער כהן גדול ביי איר!

„איך בין געקומען נאָך דיין ליבע,“ האָט ער געזאָגט.

זי האָט אויפגעשריען און איז אָפּגעטראָטן פון אים מיט אויפגעהויבענע הענט, ווי צו פאַרטיידיקן זיך.

„איך בין שיין און שטאַרק און בין צו פאַרליבן זיך אין מיר. דו האָסט עס געזאָגט, און איך בין געקומען נאָך דיין ליבע.“

זי האָט געוואָלט אַנטלויפן, אָבער ער האָט איר פעסט פאַרטראָטן דעם וועג.

„איך האָב פון מיין לעבן גאָרנישט געהאַט. גאָרנישט

געהאט פון מיין שיינקייט און קראפט. דיין יאזאן האט עס אליין געזאגט. יעצט וויל איך אניאגן, וואס איך האב נישט געהאט, כל זמן איך האב נאך קראפט און שיינקייט."

זי האט געוואלט שרייען, אבער דער האלז איז איר ווי צוגעשנירט געווארן.

ער האט זי אנגענומען מיט פעסטער האנט, און זי האט זיך געדרייט און געווארפן, ווי ווען א שלאנג וואלט זי ארומגעוויקלט. און ער האט גערעדט:

„איך בין געקומען נאך דיין ליבע. שרעקסטו דו זיך פאר מיר? עקלסט דו זיך פון מיר? איך בין דיר צו אלט? מיינע ווייסע האר דערמאנען דיר די שנייאיקע קאלטקייט פון דעם טויט. אבער איך לעב נאך און בין שטארק און הייס, און בין געקומען נאך דיין ליבע."

און עתליה, בלייך און בלאס, האט זיך געדרייט אין זיינע הענט און געשעפטשעט מיט שרעק און עקל: „לאז מיך אפ! לאז מיך אפ!"

אבער ער האט זי אריינגענומען אין זיינע אָרעמס, א מיט זיינע שארפע אויגן איינגעגעסן זיך אין איר געזיכט.

„איך וויל דיין ליבע. דו וועסט מיר מוזן געהערן. ווילסטו נישט מיט גוטן, וועל איך דיך צווינגען. איך בין אלמעכטיק, דו ווייסט עס. דיין לעבן איז אין מיינע הענט, און דאס לעבן פון דיין געליבטן און פון אלע דיינע ליבע."

עתליה איז געקומען צו איר קול. „ניין, ניין!" האט זי געשריען. „טויט מיך! טויט מיך אליין!"

„דו וועסט מיר געהערן. איך וויל נישט דיין טויט, איך וויל דיך אין דיין לעבעדיקער שיינקייט. איך בין זייער רייך, דער רייכסטער אין גאנצן פאלק. איך וועל דיך אנטאן אין גאלד און זילבער און איידלשטיינער ווי גרויס דו ביזט. בעט, וואס דו ווילסט, און איך וועל דיר געבן. וואס שרעקסטו זיך אזוי פאר מיר? איך בין אלט אין יארן, אבער שטארק אין קערפער, און איך וויל מיין שטארקייט אויסגעניסן. געהער מיר, און דו וועסט קיין חרטה נישט האבן."

זיינע ווערטער, וועלכע האבן געקלונגען מיט גאלד, און

זיין אָרעם, וועלכער האָט גערעדט פון גרויסער מענלעכער קראַפט, האָבן געענדערט עתליהס זין. זי איז געוואָרן דעם כהן גדולס געליבטע, אָבער נאָר אויף געציילטע טעג. ווייל אַ ווילד־דער גייסט איז באַפאַלן דעם כהן גדול, ער האָט געוואָלט וואָס מער געניסן און אויסגעניסן, און ער האָט געביטן זיינע געליבטע מיט יעדן טאָג, באַטרונקן פון תאוה און וויין. ווייל אויך צו שכרות האָט ער זיך איבערגעגעבן, צום גרויסן שרעק פון דעם גאַנצן פאָלק.

זיין ווייב און זיינע קינדער און אַלע, וועלכע זיינען אמת פרום און ערלעך געווען, און אַלע, ביי וועמען דער כבוד פון זייער פאָלק איז זייער טייער געווען, האָבן מיט פאַרצווייפלונג אין זייערע הערצער געוואָלט אָפּרייסן אים פון דעם שרעקלעכן לעבן, וואָס ער האָט אָנגעהויבן צו פירן. זיי האָבן אויך געוואָלט וויסן, ווי קומט עס צו אים פלוצלונג, ווי האָט ער געקאָנט אַזוי פאַרגעסן זיך און גאָט. אָבער ער האָט נישט גערעדט צו זיי; ער איז ווי שטום געוואָרן. און עס האָט אויסגעזען, אַז אַלע דערמאָנונגען וועגן גאָט און דער תורה האָבן נישט אָנגערירט זיין האַרץ און אויער.

און אַ סך, וועלכע זיינען נישט ערלעך געווען און ביי וועלכע דער כבוד פון זייער פאָלק איז ווייניקער ווערט געווען ווי די קלענסטע פּרוטה, וועלכע איז אָנגעקומען אין זייער בייטל, האָבן זיך געכאַפּט צו חונפים און אויספירער פון זיין ווילן. ווייל ער האָט געוואָרפן אַרום זיך מיט גאָלד, און דאָס איז אַלץ, וואָס זיי האָבן פון אים געוואָלט, און וואָס מער פאַרתאווהט און פאַרשכורט ער איז געוואָרן, אַלץ מער גאָלד איז אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט.

דאָך באַלד האָבן זיך געלאָזן פילן זיינע אַכציק יאָר. ער איז געוואָרן קראַפטלאָז און טויט פלייש, נאָר שכורן האָט ער נאָך געקאָנט, און ער איז געוואָרן אַן עקל און אַ שרעק.

דאָס פאָלק האָט געמוזט באַפרייט ווערן פון אים, און זיין טויט איז באַשלאָסן געוואָרן. אָבער מען האָט געדענקט, וואָס ער איז געווען די אַכציק יאָר, און קיינער האָט נישט געוואָלט לייגן אויף אים זיין האַנט. מען האָט באַשלאָסן, אַז

זיין טויט זאָל זיין אַ בכבודער, ווי פון אַ צופאַל געקומענער. און איין מאָל אין אַן אָוונט, ווען ער איז אַמשטאַרקסטן באַ־טרונקען געווען, האָט מען אים אָוועקגעגנבעט פון זיינע חונפים, אַוועקגעפירט אין די בערג און געלאָזט ליגן אויף דעם ברעג פון אַן אָפּגרונט איבער אַ טיפן וואַסער. קיינעמס האַנט האָט זיך נישט אויפגעהויבן אָראָפּצושטויסן אים, און מיט טרערן אין די אויגן און רחמנותדיקן קאָפּשאָקלען איז מען פון אים אַוועק. — — —

ער איז געלעגן אָן אַ באַוועגונג, פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף. אָבער די ערשטע שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון האָבן אים אויפגעוועקט. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט ווי נאָך דעם ווייַן, וועלכער איז יעצט שטענדיק געשטאַנען פאַר אים. אָבער ער האָט אָנגעטאַפּט די לופט. ער האָט אַרומגע־פירט מיט די הענט און ענדלעך אויפגעעפנט די אויגן. ער האָט זיי פאַנאַנדערגעעפנט אַלץ ווייטער און ווייטער, אַלץ גרעסער און גרעסער. וואו איז ער? ער האָט זיך אַרומגעקוקט, אין איין זייט און אין דער אַנדערער, אַרויף און אַראָפּ. ער האָט דערזען דעם אָפּגרונט. שווער און לאַנגזאַם איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ער ליגט אויפן ברעג פון אַ טיפן אָפּגרונט. ווי קומט ער אַהער? ווער האָט אים אַהער געבראַכט? שווער און לאַנגזאַם האָט ער זיך אָפּגערוקט פון דעם ברעג פון דעם אָפּ־גרונט. ווען ער וואָלט אַריינגעפאַלן — — ער האָט באַגריפן. דאָס איז געווען זיין טויט־פּסק. מען האָט אים פאַרמשפּט צום טויט און די הענט פון זיינע שופטים האָבן געזאָלט בלייבן ריין. עס האָט אויפגעקאָכט אין אים. ער האָט געוואָלט שנעל אויפשטיין, אָבער די כחות זיינען נישט געווען מיט אים. ער האָט אַרומגעוואָרפן מיטן קאָפּ, געקלאַפּט מיט די פויסטן אויף דער ערד, געסקריעט מיט די ציינער. מיד און גאַנץ אָן כחות איז ער ענדלעך ליגן געבליבן, און אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן אַרומצוקוקן זיך. וואו איז ער אין דער וועלט?

ער האָט געזען פאַר זיך אַ גרויס וואַסער אַרומגערינגלט מיט גרינע בערג. עס האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסער קעסל,

איבער וועלכן עס האָט זיך אויפגעהויבן די קעניגין פון טאָג, ריין און יונג און פלאַמענדיק. פון די בערג־וועלדער ווייט און ברייט האָט זיך אויפגעהויבן צו איר אַ לייכטער, בלויער נעפל. די ערד האָט זיך אָפּגעדעקט פאַר דער זון, מיט תענוג איינגענומען אין זיך אירע שטראַלן, און אין העלן גרין איר צוגעיובלט. גאַנץ אין דער נאָנט האָט געפינקלט און גע־בלענדט די אויגן דער שנייאיקער שפּיץ פון דעם לבנון, שטיפעריש אָפּוואַרפנדיק פון זיך מיט אַלע רעגנבויגן־פאַרבן די שפּיזן־שטראַלן פון דער זון. און דער שטילער טיפער בערג־ים האָט אַריינגענומען אין זיך די גאַנצע ליכטיקייט פון הימל און ערד און פאַרדאָפּלט די הערלעכקייט.

יוחנן איז געלעגן און געקוקט און נישט אָפּגעגעבן זיך קיין רעכנשאַפט, וואָס אַזוינס זעט ער, אָבער ער איז גאַנץ אָנגעפילט געוואָרן פון דער הערלעכקייט. און פּלוצלונג האָבן זיינע ליפּן אָנגעהויבן צו שעפּטשען:

„בענטש מיין נשמה, גאָט: גאָט, דו ביזט זייער גרויס, הערלעכקייט און פּראַכט האָסטו אָנגעטאָן. וויקלסט זיך איין אין ליכט ווי אין אַ קלייד, שפּרייטסט אויס דעם הימל ווי אַ ליילעך."

ער האָט עס געשעפּטשעט, און זיין גייסט איז נישט געווען מיט אים. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס פון זיינע ליפּן קומט אַרויס. ער האָט עס איבערגעחזרט עטלעכע מאָל. אַלע די זעלביקע פּסוקים. „בענטש מיין נשמה, גאָט: גאָט, דו ביזט זייער גרויס, הערלעכקייט און פּראַכט האָסטו אָנ־געטאָן..." און אין האַרצן איז אים געוואָרן ווייך און ווייכער.

דאַן האָט ער דערהערט, וואָס ער שעפּטשעט, און דער־שראָקן זיך. גאָטס נאָמען אויף זיינע ליפּן, און ער איז פול פון גאָט — פון גאָט, קעגן וועלכן ער האָט בוגד געווען, קעגן וועלכן ער איז העזהדיק אויפגעשטאַנען! ער האָט זיך צור־ויינט. גאַנץ שטיל, אָן דעם קלענסטן טאָן, אָבער זיין האַרץ איז אים גאַנץ צוריסן און צובראָכן געוואָרן. אויף דער לעצטער צייט האָט ער געוויינט, אויף דעם מיאוסן לעבן, וואָס ער האָט געפירט, און זיין שטילער געוויין איז געווען פול

פון גרויסן בראָך, פול פון תשובה און חרטה, אָבער זיינע אויגן האָבן זיך נישט אָפּגעווענדט פון דער גרויסער שיינ־קייט און ליכטיקייט אַרום אים. און עס איז אים געווען, ווי ער וואָלט יעצט באַגריפן, וואָס ער האָט זיין גאַנץ לעבן נישט געוואוסט. ווער עס באַשאַפט אַזויפיל שיינקייט און הערלעכקייט, קאָן נישט זיין בלויז שטרענג און האַרט. און אין זיין גרויסער צובראָכנקייט האָט אים אויסגעפילט די טרייסטלעכע האָפענונג, אַז גאָט איז גוט, פול רחמנות און ליבע.

ער האָט געוואָלט אויפשטיין און אַראָפּגיין צוריק צו די מענטשן און זאָגן זיי, וואָס ער האָט זיך דערוואוסט, אָבער זיינע כחות האָבן אים פאַרלאָזן. דאַן האָט ער געוואוסט, אַז זיין סוף איז געקומען. ער האָט זיך דערשראָקן. גאָט, נאָר נישט בלייבן ליגן דאָ אין טויטער עלנטקייט! אָבער באַלד האָט ער זיך באַרואיקט. ער האָט אָנגעהויבן צו שעפּטשען אַ תפלה, האַלטנדיק די אויגן ווייט אָפן אויף גאָטס שיינער וועלט. און ווען ער האָט דערפילט, אַז די אויגן ווערן אים שווער, האָט ער נאָר איין באַוועגונג געמאַכט — און ער איז ווי אַ בליי אַראָפּגעפאַלן אין דאָס טיפע וואַסער.

1912.

די נסיונות פון רבי עקיבא

ההוו, איז רבי עקיבא געוועזן א שטרענגער פרומער ייד! קוים א גלייכער צו אים אין גאנץ יהודה.

זיינע טעג און זיינע נעכט האט ער אוועקגעגעבן דער תורה, אליין זי געלערנט און אנדערע זי איבערגעגעבן. די צאל פון זיינע תלמידים איז געוועזן א גאנצע ארמיי, און ווער עס האט זי פון אים געהערט, האט געפילט, ווי ער וואלט גע־טרונקען פון דעם קוואל פון לעבן.

אבער נישט בלויז דער תורהס ווארט, נאר אויך ווי אפ־צוהיטן זי האט ער געלערנט, און ווי צו דערווייטערן זיך פון אן עבירה. ער האט געווארנט, פון לאכן און שפילן און לייכטזיניקייט, ווייל לאכן און שפילן און לייכטזיניקייט פירן צו זינד.

ער האט געלעבט אין גרויסער איינפאכקייט און אפגע־זאגט זיך פון אלע תענוגים. ער איז געוועזן פארליבט אין זיין ווייב, דער שיינער רחל, דער קלוגער און געבילדעטער טאכ־טער פון כלבא שבוע, אבער אום דער תורה גאנץ צו געהערן, האט ער זיך אפגעשיידט פון זיין געליבטער, איז ער געווארן א פרוש.

דאס איז אים זייער שווער אנגעקומען. ער האט שטארק געבענקט נאך זיין ווייב, און ער איז נאך געוועזן א מאן אין די בעסטע יארן. אום נישט שוואך צו ווערן, אום צו קאנען אויסהאלטן די אפגעשיידנקייט, די פרישות, האט ער זיך געגעבן א נדר, אז ער וועט זיך נישט אומקערן צו זיין ווייב, ביז ער וועט נישט האבן צוועלף טויזנט תלמידים. דאס האט

ער געטאָן, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז אַ נדר איז אַ צוים אַרום פּרישות. ער וועט מוזן האַלטן דעם נדר, און זיין אָפּ־געשיידנקייט פון זיין ווייב וועט ממילא אָפּגעהיט ווערן.

דאָס האָט אים אָבער געמאַכט שטרענג צו אַלע אַנדערע. וואָס ער קאָן, דאַרפן אַלע קאָנען. און ער האָט געפאָדערט פון אַלעמען די גרעסטע אָפּגעהיטקייט פון תאווה־זינד און מיט שאַרפע ווערטער געשטראָפט די ווייבער־לוסט אין די הערצער פון די מענער.

האָבן די שוואַכע, די, וועלכע האָבן נישט געקאָנט בייַ־שטיין דער ווייבער־לוסט אין זייער הארצן און זיינען גע־שטרויכלט געוואָרן אין תאווה־זינד, אַזוי גערעדט אַנטקעגן אים:

„וואָס ער האָט זיך געקאָנט אָפּשיידן פון זיין פרוי, איז נאָך קיין ראיה נישט, אַז ער קאָן נישט געשטרויכלט ווערן. זאָל נאָר דער שטן צוטרעטן צו אים איין מאָל אין דער גע־שטאַלט פון אַ נאַקעטער פרוי, און די תאווה וועט אים באַ־פאַלן פלוצלונג, ווי אַ פיינט פון זיין באַהעלטעניש, און אוועק־רייבן ביי אים אַלע זיינע חושים, ווי אַן איבערפאַלער זיין רויב אין מיטן נאַכט."

און זיי האָבן צוגעגעבן צו זייערע תפלות, אַז גאָט זאָל אים ברענגען צו אַזאַ נסיון, און צו זייער אייגענער שטראָף האָט גאָט זייער תפלה דערהערט.

ו

ווען רבי עקיבא האָט פאַרלאָזן זיין ווייב, האָט ער אויך פאַרלאָזן די שטאָט, אין וועלכער זי האָט געוואוינט. דאָס האָט ער געטאָן נישט אַזוי פון זיינעטוועגן, די נאָענטקייט פון זיין געליבטער ווייב זאָל אים נישט רייצן, ווי פון אירטוועגן, זיין נאָענטקייט זאָל איר שוין נישט צופיל וויי טאָן. און כדי זיין פרוי אין איר ווייבערשער שוואַכקייט זאָל נישט נאָכפאָרן נאָך אים און נאָכקומען נאָך אים אין דעם נייעם אָרט, וואו ער וועט זיך באַזעצן, האָט ער זיך אין ערגעץ נישט באַזעצט אויף לאַנג און איז אַרומגעפאָרן פון שטאָט צו שטאָט, לאַנד־איין, לאַנד־אויס.

איז ער איין מאָל אין זיין וואַנדערונג אָנגעקומען אין אַ לאַנד, וואו עס האָבן געהערשט גאַנץ מערקווירדיקע זיטן און מנהגים, און איינער פון די מנהגים איז געווען, צו פאַרזיכן די נעכט פון פאַרנעמע געסט מיט פרויען-געזעלשאַפט.

און עס איז געווען, ווען דער הערשער פון יענעם לאַנד האָט זיך דערוואוסט פון רבי עקיבאס אָנקומען און וואָס פאַר אַ גרויסער גאַסט דאָס איז, האָט ער געשיקט צו אים אויף דער נאַכט צוויי שיינע פרויען, פון די שענסטע אין זיין לאַנד. אויף ווייבער־אופן האָבן דיביידע זיך געפלייסיקט זייער שיינ־קייט צו פאַרגרעסערן און זייער רייץ צו פאַרשטאַרקן. זיי האָבן זיך פריש געמאַכט מיט באַד און וואַסער, דעם באַשיכורנ־דיקן ריח פון זייערע יונגע לייבער האָבן זיי נאָך באַרוישנדיקער געמאַכט מיט זעלטענע פאַרפומען, און אויסגעפוצט זיך פאַר־פירעריש ווי כלות אין זייער חתונה־נאַכט. און זיי זיינען געקומען צו רבי עקיבאַן אין שטראַלנדיקער האַלבנאַקעטקייט, מיט אַן איינלאַדנדיקן שמייכל אויף זייערע קאַרשן־ליפּן, מיט דעם פייער פון תאווה און געגנוס אין זייערע פלאַקערנדיקע אויגן.

זיי האָבן געוואוסט, אַז זיי גייען צו אַ זייער פאַרנעמען גאַסט, אָבער זיי האָבן נישט געוואוסט, אַז זיי וועלן געפינען אַ זייער שיינעם און ווי אַ ריז געבויטן מאַן. ווען זיי האָבן אים דערזען, האָט זיך די תאווה נאָך מער צוברענט אין זיי, און יעדע האָט געזען אַרויסצוברענגען פאַר אים דאָס רייצנדסטע און אויפרייצנדיקסטע פון איר קערפּער..

„קום צו מיר," האָט די איינע געזאָגט.

„קום צו מיר," האָט די אַנדערע געבעטן.

און זיי האָבן זיך געדריקט צו אים מיט זייערע נאַקעטע לייבער, און יעדע איינע האָט גערימט איר קערפּער און זיינע רייצן און דעם געגנוס, וועלכן ער פאַרשאַפט.

„מיין קערפּער איז ווייס, ווי די פולע לבנה."

„און מיין קערפּער רויטלט זיך ווי די אויפגייענדיקע זון."

„אין מיין אומאַרמונג ליגסט דו ווי אין וואַרימער געגנוס־פוך."

„און אין מיינע אָרעמס וועסטו פילן די ווייכקייט און וואַרימקייט פון ערשט אָפּגעשאָרענער שעפּסן־וואָל.״
„דער קוש פון מיינע ליפּן, איז ווי דער ווייַן פון דמשק.״
„און מיינע ליפּן זיינען ווי די פולע טרויבן, אין וועלכע די זונען־שטראַלן האָבן אויסגעקליבן פאַר זיך אַ היים.״

און אַזוי ווייטער — די שטייפקייט פון זייערע בריסט און די סאַמעט־גלאַטקייט פון זייער הויט, די אַנטציקונג פון זייערע פּיס און די פאַרשכורונג פון זייערע צערטלעכקייטן. די איינע האָט אים אַרומגעוויקלט מיט אירע שוואַרצע האָר, און אירע בלאָנדע האָט אים פאַרפּלאָנטערט די אַנדערע. און וואָס שפּעטער אין דער נאַכט איז זייער תאווה אַלץ מער געוואַקסן, און זייערע נאַקעטע קערפּער האָבן זיך געדרייט און געקרימט, געפּייניקט און געמאַטערט אין שטייגנדיקער לוסט.

„קום נעם מיך,״ האָט די איינע געבעטלט.
„קום נעם מיך,״ האָט די אַנדערע געלעכצט.

אָבער רבי עקיבא איז געזעסן צווישן זיי און האָט — געשפּייט. אַ גאַנצע נאַכט איז ער געזעסן צווישןביידן און געשפּייט און נישט אומגעקוקט זיך אויף זיי. ער האָט נישט געפּרואווט צו צעשטרויען זיך מיט תורה־געדאַנקען, ווייל ער האָט נישט געוואָלט אַריינברענגען די תורה אין דער געזעלשאַפט פון צוויי נאַקעטע נקבות. ער האָט נאָר געוואָלט אַריינאַרבעטן זיך אין אַן עקל־געפיל, אַרויסרופן אין זיך אַ שרייענדיקן ווידערווילן.

און ער איז געזעסן און האָט געשפּייט — שטאַרקער אַלץ, אומגעדולדיקער, מיט וואַקסנדיקן עקל, מיט שטייגנדיקער אָפּשטויסלעכקייט. צולעצט אָבער — רואיק, גלייכגילטיק, אייזקאַלט.

צוערשט האָבן איםביידע שיינקייטן אָנגעקוקט גאַנץ פאַרוואונדערט. פאַרוואָס שפּייט ער? פאַרוואָס רירט ער זיי נישט אָן? איז ער אַ נאַר? איז ער משוגע? זיינען זיי נישט שיין גענוג? נישט יונג גענוג? נישט תאוהדיק גענוג?

זיי האָבן אים געפרעגט, אָבער זיי האָבן קיין ענטפער פון אים נישט געקראָגן. דאַן האָבן זיי געוואָלט אים פאַרלאָזן.

אָבער ווען זיי האָבן אים ווידער אָנגעקוקט און געזען ווי שיין ער איז, און ווידער אריינגעקוקט אין זיינע אויגן און געזען, ווי די קלוגקייט שטראַמט פון זיי ארויס, האָבן זיי זיין מערק־ווירדיק באַנעמען פאַרגעסן און פון זיין שפּייען נישט אויס־געמאַכט זיך און ארויפגעוואָרפן זיך אויף אים מיט זייער נאַקעטקייט און דעם פייער פון זייערע לייבער, און געבעטן זיך און געבעטלט און געקרעכצט און פאַרשיכּורט גערופן:

„נעם מיך."

„נעם מיך."

די גאַנצע נאַכט אזוי. און גאַנץ מיד און קראַפּטלאַז זיי־נען זיי אין דער פרי אוועק צום הערשער און באַקלאָגט זיך פאַר אים אויף רבי עקיבאן. פאַרצווייפלונגספול האָבן זיי זיך געבעטן:

„ליבער דער טויט, ווי נאָך אַ מאָל דער דאָזיקער מאַן."

האָט דער הערשער געשיקט נאָך עקיבאן און אים גע־פרעגט:

„פאַרוואָס ביזטו זיך נישט באַגאַנגען מיט די פרויען, וועלכע איך האָב דיר געשיקט, ווי מענטשן־זין באַגייען זיך מיט פרויען? זיינען זיי נישט שיין? זיינען זיי נישט מענטשן־קינדער ווי דו? האָט דער, וואָס האָט דיך באַשאַפן, נישט באַ־שאַפן זיי?"

ווען רבי עקיבא וואָלט געענטפערט, אַז ער וואָלט באַ־גאַנגען אַ זינד, ווען ער וואָלט מיט זיי פאַרבראַכט די נאַכט, ווי מענטשן־זין פאַרברענגען מיט פרויען, וואָלט דער הער־שער זיכער אין כעס געוואָרן. פירט דען זיין גאַסטפריינד־לעכקייט צו זינד? איז זיין הכנסת־אורחים אַן אָנטרייבערין צו עברות?

אין זיין חכמה האָט עס רבי עקיבא גלייך איינגעזען, און ער האָט געענטפערט מיט אַ גאַנץ אומשולדיקער מינע:

„וואָס האָב איך געקאָנט מאַכן? איידער זיי זיינען געקו־מען צו מיר, האָבן זיי זיך געוויס אָנגעגעסן מיט אומריינע זאַכן, און דער גערוך, וועלכער האָט דערגרייכט צו מיר פון

זיי, איז געוועזן דער גערוך פון פלייש פון נבלות און טרפות און שרצים."

און רבי עקיבא האָט שנעל פאַרלאָזן דאָס דאָזיקע לאַנד מיט איר מערקווירדיקער גאַסטפריינדלעכקייט, גליקלעך אין דעם באַוואוסטזיין, אַז ער איז ביינגעשטאַנען דעם גרעסטן נסיון, פול מיט דאַנק צו גאָט, וואָס ער האָט אים אַזוי וואונ־דערבאַר געשטאַרקט דאָס האַרץ.

אָבער ווייל דעמאָלט גראָד האָט די צאָל פון זיינע תל־מידים דערגרייכט די צאָל צוועלף טויזנט און דער צוים אַרום זיין אָפּגעשיידנקייט פון זיין ווייב איז דערמיט אַראָפּגעפאַלן, איז ער אַוועק צו איר. ווען ער איז צוגעקומען צו דער טיר פון זיין הויז, האָט ער דערהערט, ווי אַ פרעמדע פרוי פרעגט ביי זיין ווייב:

„פרייסטו דיך, וואָס דיין מאַן קומט מיט צוועלף טויזנט תלמידים?"

און זיין ווייב האָט געענטפערט:

„נאָך מער וואָלט איך מיך געפרייט, ווען ער וואָלט געקו־מען מיט פיר און צוואַנציק טויזנט."

און רבי עקיבא האָט די טיר פון זיין הויז נישט אויפגע־עפנט און איז צו זיין פרוי נישט אַריין. ער האָט ווידער אַרויפגעלייגט אויף זיך די אָפּגעשיידנקייט און אויפגעשטעלט אַ נייעם צוים אַרום איר מיט אַ נדר, אַז ער וועט זיך צו זיין ווייב נישט דערנענטערן, ביז ער וועט נישט האָבן פיר און צוואַנציק טויזנט תלמידים. און ער איז צוריק אַוועק צו וואַנ־דערן איבער שטעט און לענדער, צו פאַרשפרייטן גאָטס וואָרט און צו זאַמלען תלמידים.

אָבער פון יעצט אָן איז ער נאָך שטרענגער געוואָרן צו אַלעמען אין זיינע פרומע פאָדערונגען, און זיינע שטראָף־רייד זיינען נאָך שאַרפער געוואָרן. ווער עס איז ביינגעשטאַנען אַזעלכע גרויסע נסיונות, אַזוי ווי ער, האָט דאָס פולע רעכט אויך פון אַנדערע צו פאָדערן שטרענגקייט און איינגעהאַלטנ־

קיים. און ער פלעגט אפּלאכן און חוזק מאכן און לצנות טרייבן פון אלע, וועלכע זיינען באגאנגען אן עברה.

ער האט פארגעסן דעם כלל: דו זאלסט דיר אליין נישט גלויבן ביז דעם טאג פון דיין טויט. און אין הימל האט מען באשלאסן, אים דעם כלל צו דערמאנען.

זיין וועג איז שפּעטער איין מאל געגאנגען אין א שיינער געגנט דורך וואלד און פעלד. עס איז געווען א וואונדער־בארער טאג. די זון אין מיטן הימל האט נישט געברענט, נאר געלאכט און געזונגען פון דער הערלעכקייט פון לעבן, און געגאסן פרייד אויף דעם גאנצן ארום, און וואלד און פעלד, און בוים און גראז, און אלע חיות און פויגל און פויזער האבן מיט איר מיטגעלאכט און מיטגעזונגען. און רבי עקיבא איז אנגעפילט געווארן פון דער גרויסער פרייד, האט פארגעסן דאס שטיק תורה, וואס איז אים געלעגן אין קאפּ און אויף די ליפּן א ווילע פריער, און נישט געקאנט אפּרייסן די אויגן פון דער ארומיקער זוניקער פּראכט.

פּלוצלונג איז אים געווען, ווי עמיצער וואלט אים א שטופּ געטאן צוריק. אבער דאס איז קיינער נישט געווען, ווי נאר זיין אייגן בלוט, און דער קלאפּ, וועלכן ער האט דערשפּירט, איז גאר געווען דער קלאפּ פון זיין אייגענעם הארץ.

נארן אים זיינע אויגן נישט? ער רייסט זיי ווייט פאר־נאנדער און קוקט זיך גוט איין.

ניין, זיינע אויגן זעען קלאר: א וואונדער־שיינע נאקעטע מיידל אויף דעם שפּיץ פון א טייטלבוים!

ער וויל זיינע אויגן נישט גלויבן, אבער די מיידל קוקט אראפּ צו אים און לאכט צו אים אזוי רייצנד, באשכורנדיק מיט דער ווייסקייט פון אירע פּערל־ציין.

און זי איז אזוי שיין און אנטציקנד, אז די זון האט איר חתן־גאנג פארגעסן. זי האט זיך אפּגעשטעלט, די ליבטיקע, אין איר וועג און ארומגענומען דער מיידלס נאקעטן לייב מיט אירע שטראלן, רויזיק באמאלנדיק אים און אנפילנדיק זיינע אדערן ווי מיט רויטן וויין.

אויך רבי עקיבא איז געבליבן שטיין, נישט געקאָנט זיך רירן פון אָרט, נישט געקאָנט אָפּרייסן זיך פון דער בלענדנדיקער שיינהייט. זיין האַרץ האָט אים שטאַרק געקלאַפּט, זיין קער־פּער האָט אים געברענט, זיין צונג איז אים גאַנץ טרוקן גע־וואָרן. ער איז געשטאַנען ווי באַטויבט און האָט אַליין נישט געהערט, ווי ער האָט קוים אַרויסגערעדט:

„ווער ביזט דו?"

און דאָס וואונדער אויפן בוים האָט צו אים פאַרפירעריש אַראָפּגעלאַכט:

„קום אַרויף, און איך וועל דיר זאָגן."

„וואָס טוסטו דו דאָרטן?"

„קום אַרויף, און דו וועסט זען."

„זאַמלסט דו דאָרטן טייטלען?"

„אויף וואָס דאַרף איך זיי? איך נער מיך און נער אַנדערע מיט מיין אייגענער זיסקייט. ווילסט דו זי נישט פאַרזוכן?"

„פאַרוואָס ביסט דו נאַקעט?"

„כדי די שטראַלן פון דער זון זאָלן מיך געניסן, און דער ווינט, און דער באַרג, און דער טאָל, און דער הימל, און גאָט."

„ווי קאָנסטו דאָרטן אַזוי ליגן?"

„אַ בעט האָב איך דאָ פון צווייגן און בלעטער, אַ געלעגער פאַר מיר און פאַר דיר, וועלכע איך לאַד איין מיך צו געניסן. און ווייך איז מיין געלעגער און דופטנד, אָבער נאָך ווייכער און דופטנדער בין איך. ווילסטו אונז נישט פילן?"

און אין פולער פאַרגעסנקייט, אויסגעפּילט פון איין גרויסן באַגער, איז רבי עקיבא צוגעטראָטן גאַנץ נאָענט צום בוים און קוים אַרויסגעאָטעמט:

„ווי קום איך צו דיר אַרויף?"

און די הערלעכע האָט בשופדיק אַראָפּגעלאַכט:

„ביזט דו קיינמאָל קיין יונג יינגל נישט געוועזן? וואָס האָסט דו געטאָן, ווען אַ שיינער עפּל האָט דיך גערייצט גאַנץ הויך צווישן די צווייגן פון דעם עפּלבוים? האָסט דיינע יינגל־קליידער אָפּגעלייגט, געמאַכט זיך אַזוי לייכט ווי מעגלעך און אַרויפגעקלעטערט אויפן בוים נאָך דעם שיינעם, רופנדיקן עפּל.

בין איך ווייניקער פאַר דעם עפּל? לוינט זיך נישט ארויפצוקלעטערן נאָך מיר? אָדער ביזטו אַלט און דיינע ביינער זיינען פאַרגליווערט, און דאָס קלעטערן איז נישט מער פאַר דיינע יאָרן און דיינע כחות? לייג אָפּ דיינע קליידער, דו דאַרפסט זיי דאָ אויבן סיי ווי סיי נישט האָבן, מאַך דיך לייכט, און מיט דער גאַנצער יוגנט, וועלכע האָט יעצט ניי אויפגעלעבט אין דיר, קלעטער צו מיר אַרויף...״

גאַנץ פאַרכשופט און באַטרונקען, מיט גרויסער שנעלקייט, געטריבן פון בייטשנדיקער אומגעדולד, האָט רבי עקיבא אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קליידער, אָנגעכאַפּט זיך אָן דער פאַלמע און גענומען קלעטערן אַרויף. מיט נאַקעטע הענט און פיס אַרום דעם קראַציקן בוים און מיט די ברענענדיקע אויגן אַרויף צו איר, טרינקענדיק פון איר שיינקייט, זויגנדיק די וואַרימע רויטקייט פון אירע אָדערן. ער האָט נישט באַמערקט, ווי זיין הויט איז צוקראַצט און צוריסן געוואָרן פון דעם בוים, און אַז בלוט האָט אָנגעהויבן צו רינען איבער זיין לייב. ער האָט געקלעטערט העכער און העכער.

און זי האָט אים געצויגן מיט אירע כשוף־אויגן ווי מיט שטריק, און איר באַשיכורנדיקע שטימע איז געווען אַ לייטער פאַר אים. צווישן אירע הערלעכע פּערל־ציין איז עס געגאַנגען ווי זינענבאַרויבנדיקער וויין:

„קום־ם־ם! קום־ם־ם! קום־ם־ם!״

אָבער ווען ער האָט דערגרייכט די העלפט פון דער פאַלמע, איז ער פּלוצלונג געקומען צו זיך. ווי אַ קאַלטער ווינט וואָלט אים אייזיק באַפּעכלט און אַראָפּגעבלאָזן עפּעס פון זיינע אויגן און געמאַכט אים זען די גאַנצע לעכערלעכקייט און אומווירדיקייט פון זיין לאַגע. ער, דער גרויסער תנא, לערער און שטראָפער ביי יידן, קלעטערט האַלב נאַקעט אויף אַ ריזנבוים, געשטופּט און געפּייטשט פון עקלהאַפטער תאווה! ער האָט זיך מער אַראָפּגעוואָרפן ווי אַראָפּגעקלעטערט פון בוים, צוזאַמענגעדרייט זיך אין אַ קנויל ביים פוס פון בוים און ביטער זיך צעוויינט.

אַ בייזע, אָפּלאַכנדיקע שטימע האָט גערעדט איבער אים:

„ווען מען וואָלט נישט אָנגעזאָגט אין הימל, אַז מען זאָל דיך און דיין תורה שוינען, וואָלט דאָ דיין לעבן נישט ווערט געווען יעצט קיין צוויי פּרוטות."

רבי עקיבא האָט נאָך ביטערער געוויינט און געקלאַפּט זיך אין הארצן און געשלאָגן זיך אויפן קאָפּ.

און אַז ער האָט זיך אָנגעטאָן און איז אַוועק זיין וועג, האָט די זון נישט געלויכטן מער, הימל און ערד זיינען געווען כמארנע און גרוי, און דאָס לאַכן און זינגען פון דעם גאַנצן ארום האָט אויפגעהערט. אָדער אפשר האָט זיך עס אים בלויז אויסגעדוכט, ווייל זיין הארץ איז געווען באַקלעמט און זיין נשמה האָט געטרויערט, און ער האָט נישט געקוקט נישט רעכטס און נישט לינקס און זיינע אויערן זיינען טויב געווען פאַר דער אויסערער וועלט.

ער האָט זיך געפילט באַשעמט און דערנידריקט. און ער האָט געוואוסט, אַז פון יעצט אָן וועט ער שוין נישט לאַכן פון די, וועלכע באַגייען אַן עברה.

יעצט האָט ער בּאַגריפן די שוואַכקייט פון דעם מענטש און די געפאַרן־פולקייט פון דעם לעבן, און זיינע ליפּן האָבן ביטער געשעפּטשעט:

„מיר זיינען אַלע דאָ ווי פאַרברעכער, וועלכע שטייען אונטער ערבות, און אַ זינד־נעץ איז אויסגעשפּרייט איבער דעם גאַנצן לעבן."

1917.

זרובבל

א.

דאָס איז געווען אין די טעג פון אחשורש, דעם אחשורש, וועלכער האָט געקעניגט פון הודו ביז כוש, הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות. אין דעם דריטן יאָר פון זיין קעניגן איז ער אין כעס געוואָרן אויף ושתי זיין פרוי, ווייל זי האָט איין מאָל זיין ווילן נישט געטאָן, און האָט אָפּגעטאָן זי פון זיך. און אַז זיין כעס איז געשטילט געוואָרן, האָט ער שטאַרק באַדויערט וואָס ער האָט געטאָן און זיין האַרץ איז פול געוואָרן מיט בענקעניש נאָך ושתין. און עס האָבן געזאָגט זיינע דינער: „זאָל מען אויפזוכן פאַר דעם קעניג אין אַלע מדינות פון זיין קעניגרייך יונגע מיידלעך און שיינע. און דאָס מיידל וואָס וועט געפעלן ווערן דעם קעניג, זאָל קיניגן אָנשטאָט ושתין.״ און דאָס איז געפעלן געוואָרן דעם קעניג און ער האָט אַזוי געטאָן.

אַ יונגער ייד האָט געלעבט אין שושן הבירה, און זיין נאָמען איז געווען זרבבל דער זון פון שאלתיאל. פון דודס קעניגלעכן הויז האָט ער אָפּגעשטאַמט, אַן אייניקל פון דעם לעצטן יידישן קעניג, און קעניגלעך איז געווען זיין אויסזען. הויך אין וואוקס און ברייט אין די שולטערן, אין זיינע טיפע שוואַרצע אויגן איז געלעגן דער בליק פון אַ הערשער, אין זיינע לאַנגע שוואַרצע האָר אין דעם נאַקן האָבן עדות געזאָגט פון זיין קראַפט. ווער עס האָט אים געזען, האָט אים ליב געקראָגן און אָפּשיי געהאַט פאַר אים, און די יידן זיינען געווען שטאָלץ מיט אים. זייער זעלבסטשטענדיקייט, די נאָך

נישט לאנג פארלארענע, האט ער זיי דערמאנט, און געוועקט אין זיי געדאנקען וועגן א בעסערער, זעלבסשטענדיקער צו־קונפט. און א יונג יידיש מיידל איז געוועזן אין שושן, און זי האט געהייסן שושנה, און מער פאר אלץ האט זי געליבט זרבבל. זיין שפילצייג איז זי געוועזן און זיין לאסקע, זיין טרייסט אין שווערע מינוטן און זיין אפרו נאך הארטער ארבעט. קליין און צארט, ווייס דאס געזיכט און שווארץ די האר. איר גאנצע נשמה איז געלעגן אויפגעדעקט אין אירע שווארצע אויגן אונטער די שווארצע זיידענע פעדימלעך פון די ברעמען און דאס איז געוועזן די ליבלעכקייט אליין. העל איז געוועזן איר לאכן און האט געגלעט די אויערן פון אלע אירע הערער ווי זיידנס פון דמשק. און שטענדיק האט גע־לאכט איר מויל, און פון אירע האלב אפענע ליפן האבן ארויסגעפינקלט וואונדערזאם ווייסע קליינע ציינדעלעך.

און עס איז געוועזן, ווען אחשורש האט באפוילן צו זיך די שיינע טעכטער פון זיינע אונטערטאנען אויף אויסצוקלייבן פון זיי א ווייב פאר זיך אנשטאט ושתין, האט זרבבל גע־וואוסט, אז זיין שושנה וועט זיין די אויסגעוויילטע. און ער האט זי באהאלטן אין אן ארט, וואו דעם קעניגס דינער זאלן זי נישט קאנען דערגרייכן, און איז נישט אפגעטראטן פון איר, ווי א לייב גרייט אנצופאלן אויף יעדן, ווער עס וועט שיקן נאך איר זיין האנט. אבער צוערשט האט ער איר געזאגט:

„שיין ביזט דו, שושנה, און עס איז נישטא קיין גלייכן צו דיר אונטער דער זון. פון אלע טעכטער יהודהס ביזט דו די שענסטע, און אומזיסט וועט מען זוכן נאך איינע צו דיר צווישן אנדערע פעלקער. דער בליק פון דיינע אויגן איז די זיסטע באריהרונג, און דער קוש פון דיין מויל איז די אייביקייט. ווי א הויך פון א בלום איז דיין קערפער און געלייטערט און זעליק איז זיין געניסער. צו ווילסטו נישט, זאג מיר, שושנה, גענומען ווערן אין דעם קעניגס הויז? און עס וועט זיין, אז ווען אחשורוש וועט דיך דערזען, וועט ער ארפלאזן זיך פאר דיר אויף די קני, גלייך

ווי די געטין עשתרות וואָלט זיך אים באוויזן אין איר שענסטער געשטאַלט. און דו וועסט ווערן דעם קעניגס ווייב, אַ קעניגין פון הודו ביז כוש, פון הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות. און גרוים און מעכטיק וועסט דו ווערן, אַ הערשערין איבער לעבן און טויט פון אַלע דעם קעניגס אונטערטאַנען, און אַלע וועלן ציטערן פאַר דיר. זאָג מיר, שושנה, און דו ביזט גלייך פריי, איך אַליין עפן אויף די טיר פאַר דיר..."

אָבער נישט געלאָזן ענדיקן האָט זי אים, און אַרויפגעלייגט איר ווייכע קליינע האַנט אויף זיין מויל. זי האָט זיך צוגע־דריקט צו אים מיט איר צאַרטן בלומען־קערפּער און איר קאָפּ אַרויפגעלייגט אויף זיין שטאַרקער ברוסט, און וויינענ־דיק און דערשראָקן איז געוועזן איר שטימע:

„וואָס שרעקסט דו דיין שושנה, דו בייזער זרובבל? מאָל מיר דעם טויט אויס און פאַרניכטונג, רעד מיר פון שקלאַ־פעריי און שווערע קייטן, זאָג מיר, אַז העסלעך וועל איך ווערן, מיט אַ געזיכט פון אַ מצורעת, און דו וועסט דיין שושנה אַזוי נישט דערשרעקן, ווי מיט דיינע רייד פון דעם קעניג און זיין קעניגרייך. און ווי האָסטו געקענט אַזוי רעדן, זאָג מיר, מיט וואָס האָב איך מיך אַזוי פאַרזינדיקט? ווייסט דו דען נאָך נישט, ווי שטאַרק מיין ליבע איז צו דיר? זאָג מיר, מיט וואָס זאָל איך עס דיר נאָך באַווייזן, און איך וועל עס טאָן. מיט פאַרשיידענע שפּראַכן רעדט די ליבע, און האָב איך דען נישט אויף זיי אַלע צו דיר געשפּראָכן? האָב איך נישט געוואָרעט ווי אַ טויב צו דיר און האָב איך נישט געשריען מיט פלאַמען־צונגען פון ליידנשאַפט? האָב איך נישט געלאַכט אין דיינע אומאַרמונגען מיט מיין העלסטן לאַכן, און האָב איך דען נישט געוויינט פאַר אויפגיין אין דער זיסקייט פון מיין ליבע? דו בייזער זרבבל, דו איינציקער מיינער! ווי אַ קראַנקע טויב איז יעצט מיין ליבע, אַראָפּ־געלאָזן האָט זי אירע פליגלען און אין טיפער טרויער פאַר־וואָרפן איר מידן קאָפּ, און דו האָסט דאָס זי פאַרוואונדעט!"

שטאַרק צוגעדריקט צו זיך האָט זי זרבבל, און זיין האַרץ

האָט אין אים געשריען פאַר אַנטציקונג. ער האָט זי נישט אָפּגעשטעלט אין אירע רייד, און יעדעס וואָרט פון אירע פּורפּור־ליפּן האָט שווערער געמאַכט זיין אָטעם. ער האָט נישט געקאָנט רעדן, שווער געהויבן האָט זיך זיין ברוסט און מיט זיינע לייכטנדיקע אויגן האָט ער געטרונקען פון איר ליבע, און זיי זיינען געווען ווי אַ ים, וועלכן מען קאָן נישט אָנפילן.

און שושנה האָט אַרויפגעוואָרפן אַרום זיין נאַקן אירע נאַקעטע ווייכע אָרעמס און זי האָט געשעפּטשעט צו אים, און איר קול איז געווען ווי דער קול פון אַ ווייטער פידל:

„דו ביזט מיין קעניג און מיין קעניגרייך איז דיין ליבע. גרעסער און רייכער איז עס ווי דעם קעניג אחשורשעס. עס פאַרגייט די זון קיינמאָל נישט אין מיין קעניגרייך, און איך געוועלטיק אין אים אומבאַגרענעצט. דיין שטאַרקע ברוסט איז מיין פעסט לאַנד, אויף איר בוי איך מיינע הערלעכסטע פּאַלאַצן. דיינע אויגן זיינען מיינע ימים, איך טונק מיך אין זיי ווי די אונטערגייענדיקע זון און ווי די אויפגייענדיקע קום איך פון זיי אַרויס און מיין וועלט איז הערלעך און ליכטיק. דיינע מעכטיקע אָרעמס זיינען מיינע אַרמייען און זיכער פיל איך מיך אונטער זייער שוץ. איך וויל קיין אַנדער קעניגרייך נישט און די גאַנצע וועלט אָן דיר וועט מיר זיין צו ענג און צו עלנד. מיין ליבער, מיין איינציקער, מיין פעסטונג און מיין זון, באַשיץ דיין שושנה, באַהיט דיין קעניגין!"

פעסטער צוגעדריקט צו זיך האָט זי זרבבל, און זיין שטימע האָט געציטערט פאַר אויפרעגונג, און דאָך האָט זי געהערט פון גרויסער קראַפט:

„מיט דיר איז זרבבל, און וויי צו יענעם, ווער וועט אויסשטרעקן נאָך דיר די האַנט, און זאָל עס זיין דער קעניג אַליין. אָבער רעד צו מיר, שושנה, רעד צו מיר, מיין הערלעכע. עפן מיר אויף דעם גן עדן מיט דיינע ווערטער, און איך בין דער גאָט, וועלכער וואוינט אין אים. וואָרקע מיר, מיין טייבעלע, און פיל אָן מיין האַרץ מיט זעליקייט."

און שושנה האָט אויפגעלאַכט מיט איר העלסטן לאַכן און דאַן האָט זי געפּליסטערט:

„קליין איז שושנה, אָבער גרויס איז איר ליבע, און ווי דער ים האָט זי קיין ברעג. אָבער שושנה וויל באַצאָלט זיין, און זי לעכצט נאָך אַ קוש!"

פייערדיק האָט זיך זרבבל צוגעדריקט צו איר און נאָך פייערדיקער איז געווען זיין קוש. לאַנג האָט ער זיינע ליפּן נישט אַוועקגענומען פון אירע ליפּן, און עס איז געווען ווי ער וואָלט אויסגעלעבט אין דעם קוש זיין גאַנץ לעבן. און ווידער און ווידער האָבן זיי זיך צונויפגעגאָסן אין זייערע קושן, און שושנה האָט געלאַכט מיט איר העלסטן לאַכן. און פּלוצלונג האָט זי פאַרוואָרפן איר קאָפּ און אויפגעהויבן צו אים איר בליק פול מיט חן, און שטיפעריש און זעליק־זיס איז געווען איר שטימע:

„און וואָס וואָלט זרבבל געטאָן, ווען שושנה וואָלט אַוועק צום קעניג אחשורש?"

אַ ציטער האָט געטאָן זרבבל מיטן גאַנצן קערפּער און צוגעמאַכט זיינע אויגן. באַלד האָט ער זיי אויפגעעפנט און פינסטער איז געוואָרן זיין בליק, און ער האָט זי פעסט אַרומ־גענומען ווי צו שיצן זי, אַז קיינער זאָל זי נישט אַוועק־נעמען, און זיין אָטעם איז געווען שווער, און ער האָט גע־זאָגט, און זיין שטימע איז געווען האַרט:

„איך קען אַ גרויסן פעלזן, הויך איבער אַ טיפן אָפּגרונט. אויף אים וואָלט זרבבל אַרויפגעקלעטערט און דאָרטן אויבן וואָלט ער אויסגעשריען זיין אומענדלעכן ווייטיק. און אין שטויב וואָלט צופאַלן דער פעלזן פון זיין אויפשריי און וואָלט פאַרשוואונדן אין דעם אָפּגרונט מיט זרבבלן."

און שושנה האָט געציטערט מיטן גאַנצן קערפּער, בלייך איז געוואָרן איר געזיכט און אירע ליפּן האָבן זיך קוים באַוועגט:

„זיי מוחל מיר, וואָס איך האָב דאָס געזאָגט."

און זרבבל האָט זי צוגעדריקט צו זיך מיט דער גאַנ־צער מאַכט פון זיין ליידנשאַפט, און זיינע אויגן האָבן געברענט, און ער האָט אַרויפגעדריקט אויף איר זיין פייערדיקן קוש:

„מיינע ביסטו, אַליין און איינציק, אין אַלע אייביקייטן!"

ב.

נאָך דער דאָזיקער געשיכטע האָט דער קעניג אחשורש אויסגעקליבן זיך פאַר א ווייב אסתר, דאָס שוועסטערקינד און די אָנגענומענע טאָכטער פון דעם ייד מרדכי, דעם זון פון יאיר. און המן דער זון פון המדתא, דער אגגי, האָט אויסגענומען ביים קעניג אחשורש און זיין שטול איז געטאָן געוואָרן איבער אַלע מיניסטאָרן. און אַלע, וועלכע האָבן געדינט אין דעם קעניגס הויף, האָבן זיך געבויגט און געבוקט פאַר אים, נאָר דער ייד מרדכי נישט. און דאָס האָט פאַרדראָסן דעם זון פון המדתא, און זיין האַרץ איז פול געוואָרן מיט צאָרן. אָבער עס איז אים נישט אָנגעשטאַנען נקמה צו נעמען אין מרדכין אליין. זיין כעס איז געווען ווי א ים, וועלכער גיסט זיך אַריבער איבער זיינע ברעגן, און אין אים האָט ער געוואָלט פאַרטרינקען און אומברענגען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. דאַן איז ער געקומען פאַר דעם קעניג און האָט אויסגעבעטן ביי אים די דערלויבניש צו פאַרניכטן די יידן. געלט האָט ער אים אָנגעבאָטן, צען טויזנט צענטנער זילבער, און מיט גלאַטע ווערטער האָט ער גערעדט.

„פאַראַן א פאָלק, צווייט און צושפּרייט צווישן די פעלקער אין אַלע מדינות פון דיין קעניגרייך, און זייערע געזעצן זיינען פאַרשיידענע פון די געזעצן פון יעדן אַנדערן פאָלק, און די געזעצן פון דעם קעניג היטן זיי נישט אָפּ, און דעם קעניג לוינט זיך נישט צו לאָזן זיי אַזוי ווייטער.“

גיפט איז עס געווען אין די אויערן פון דעם קעניג, גיפט אין זיין הארצן, און ער האט זיך אפגעזאגט אפילו פון דעם געלט. ער האט אראפגענומען פון זיך זיין רינג און איבערגעגעבן אים צו דעם אגגי, צו טאן מיט די יידן, ווי זיין הארץ גלוסט. און המן האט פונאנדערגעשיקט א באפעל אין דעם קעניגס נאמען, געשטעמפלט מיט דעם קעניגס רינג, אין אלע הונדערט און זיבן און צוואנציק מדינות פון דעם קעניג אחשורש, אויסצוהרגענען און צו פארניכטן און צו פארטיליקן אלע יידן, יונג און אלט, קינדער און פרויען, אין איין טאג, דעם דרייצנטן פון דעם צוועלפטן חדש, דאס איז דער חדש אדר.

און די יידן האבן זיך דערוואוסט פון אלץ, וואס איז געטאן געווארן, און א גרויסע אימה איז אנגעפאלן אויף זיי, אומענדלעך איז געווען זייער שרעק. זיי האבן אויפגעהויבן א געשריי, א גרויסן און ביטערן, די קליידער אויף זיך צו־ריסן, און אין ועק זיך אנגעטאן און מיט אש באדעקט די קעפ. זיי האבן געזוכט נאך עצות און נישט געפונען זיי. ווער וועט זיי אפראטעווען פון דעם זיכערן טויט? וואו זאלן זיי זיך קערן און וואוהין זאלן זיי זיך ווענדן, וואו זאלן זיי זיך באהאלטן און וואוהין זאלן זיי אנטלויפן? און אין זייער גרויסן אומגליק האבן זיי אויפגעהויבן זייערע אויגן צו דער קעניגין. אסתר מוז העלפן, די יידישע טאכטער אויף דעם קעניגלעכן טראן. און מרדכי, איר שוועסטערקינד, האט זיך געווענדט צו איר, זי זאל קומען פארן קעניג און בעטן אים פאר איר פאלק. נישט אנטשליסן האט זיך געקאנט אסתר, ווייל ווער עס קומט פאר דעם קעניג נישט גערופענערהייט מוז געטויט ווערן, און זי איז נישט גערופן געווארן שוין דרייסיק טעג. שארפע ווערטער האט איר אנגעזאגט מרדכי: „דו זאלסט נישט מיינען, אז דו פון אלע יידן וועסט גע־ראטעוועט ווערן, ווייל דו ביסט אין קעניגלעכן הויז. דען ווען דו וועסט אין דער איצטיקער צייט שווייגן, וועט הילף און רעטונג קומען צו די יידן פון אן אנדער ארט, און דו און דיין גאנצע משפחה וועט פארלארן גיין; און ווער ווייס,

צי ביסטו נישט געקומען צו מלוכה נאָר צוליב דער צייט."
און אסתר האָט געלאָזן ענטפערן צו מרדכין: „גיי און זאַמל צונויף אַלע יידן, וועלכע געפינען זיך אין שושן און פאַסט פאַר מיר און איר זאָלט נישט עסן און נישט טרינקען דריי טעג, טאָג און נאַכט, אויך איך מיט מיינע מיידלעך וועלן אַזוי פאַסטן. און דאַן וועל איך קומען פאַרן קעניג נישט נאָך דעם געזעץ, און בין איך פאַרלאָרן, דאַן בין איך פאַרלאָרן."
און מרדכי איז געגאַנגען און האָט געטאָן ווי אסתר האָט אים אָנגעזאָגט. און די יידן האָבן זיך פאַרקליבן אין זייער זאַמל־הויז אין שושן, און געוויינט און געפאַסט און געיאָמערט און געהאָפט אויף אסתרן. און עס איז געווען, אַז ווען איינער האָט אויפגעעפנט די טיר און איז אריינגעקומען, האָט מען אים באַגעגנט מיט פון טרערן פאַרשטיקטע שטימען: וואָס זאָגט אסתר? וואָס טוט אסתר? וואָס הערט זיך פון אסתרן?

ג.

און זרבבל, ווען ער האָט זיך דערוואוסט פון המנס גזרה, האָט זיינע קליידער נישט צוריסן און זיין קאָפּ מיט אַש נישט באַדעקט. זיינע לאָקן האָבן זיך נאָך מוטיקער צו־וואָרפן אויף זיין נאַקן און זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ ווילדן כעס. זיינע הענט האָבן זיך צונויפגעדריקט אין אייזערנע פויסטן און ער האָט זיי געטרייסלט אין דער לופטן ווי די פליגלען פון אַן אָדלער, און ער האָט אויפגעהויבן זיין שטימע, און זי איז געווען ווי די שטימע פון אַ דונער:

„אָ, זיין ווען חרטה האָבן! אַ צוזאַמענגעלאָפענער הויפן איז זיי דאָס יידישע פאָלק, לייכט צו פארניכטן און צו פארטיליקן, אַ רעכטלאָזע מאַסע, מיט וועלכער יעדער קאָן טאָן, וואָס ער וויל. אָבער זיי וועלן זען, אַז עס איז נישט אַזוי, ווי זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט. צו טייער וועלן זיי באַ־צאָלן פאַר יעדעם יידישע לעבן, און אונזער אונטערגאַנג וועט זיין זייער גרעסטער בראָך. זיי וועלן חרטה האָבן! זיי וועלן חרטה האָבן!"

און ווי ער האָט אַזוי גערעדט מיט אַ שטאָלץ אויפגע־הויבענעם קאָפּ און מיט פויסטן, צו שטאָל און אייזן געוואָ־רענע, איז אָנגעקומען אַ שליח און האָט אים איבערגעבראַכט דאָס געשפּרעך צווישן מרדכין און אסתרן און גערופן אים אין דאָס זאַמלהויז, וואו אַלע יידן האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרקלייבן צו פאַסטן פאַר אסתרן דריי טעג און דריי נעכט.

זרבבלס אויגן האָבן אויפגעפלאַקערט מיט א גרימצאָרן און ער האָט געזאָגט צום שליח:

„גיי זאָג צו דעם, ווער עס האָט דיך געשיקט, אז דאָס שיקזאַל פון א פאָלק קאָן נישט אָפּהענגען פון א פרוי און פון דעם, ווי ווייט זי קאָן געפעלן איר מאַן. גיי זאָג אים, אז נישט צו פאסטן איז יעצט די צייט און נישט צו וויינען. מיט געווער אין די הענט וויל מען די יידן פארניכטן, מיט געווער אין די הענט דארפן די יידן שטיין פאר זיך."

און צו די, וואָס ארום אים, האָט ער זיך געווענדט:

„איר האָט געהערט, וואָס איך האָב געזאָגט, גייט און טראָגט עס פונאנדער אין פאָלק, אז אזוי האָט געזאָגט זרבבל דער זון פון שאלתיאל דער זון פון יהויכין קעניג אין ירושלים: זאָל מען זיך צונויפקלייבן אין דעם זאמלהויז, אויב מען וויל, אָבער נישט אויף צו פאסטן און צו וויינען, נור אויף אָפּצוקלערן, ווי צו פארטיידיקן זיך."

אָבער די, וואָס ארום אים, האָבן אים נישט גערן גע־פאָלגט, און איינער האָט געזאָגט:

„זאָל מען אָפּוואַרטן און זען, וואָס וועט זיין מיט אסתרן."

און זרבבל איז רויט געוואָרן פאר כעס און האָט אויס־געשריען צו דעם זאָגער:

„מען זעט אין דיר, אז דו ביזט דער זון פון א דינסט און דיין נשמה איז די נשמה פון א געבוירענעם קנעכט. גיי פון מיינע אויגן און לאָז זיך נישט מער זען!"

און זיינע שליחים זיינען אוועקגעגאנגען פון אים, פונאנ־דערצוטראָגן זיינע ווערטער אין דעם פאָלק, אָבער מיט אקסלצוקן און מיט א פארבאָרגענעם לאַכן.

און זרבבל איז אויפגעשטאנען און איז אליין אוועק צום זאמלהויז, צו רופן די יידן צום קאמף און צו זעלבסט־פארטיידיקונג. אויפן וועג צום זאמלהויז האָט ער באזוכט א סך הייזער. אָבער אין דאָס רוב הייזער האָט ער געפונען בלויז פרויען און קינדער אָדער קראַנקע און אלטע, וועלכע האָבן פאר עלטער נישט געקאָנט רירן זייערע פיס. וואָרום

אַלע מענער, יונגע און אַלטע, וועלכע האָבן נאָר געהאַט קראַפט אין זייערע לענדן, זיינען געוועזן פאַרקליבן אין דעם זאַמלהויז. און אומעטום, וואו ער איז נאָר אַריינגעקומען, האָט ער געפונען טרערן און פאַרצווייפלונג, זעק אויף די לייבער און אַש אויף די קעפּ. און אומעטום האָט מען אים מיט יאָמער צוגעשטאַמלט: וואָס טוט אסתר? צי וויס ער נישט עפּעס פון אסתרן? צי האָט אפשר דער קעניג נישט באַשטעלט צו זיך אסתרן? און אַז ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן קאַמף און זעלבסטפאַרטיידיקונג, האָט מען אים אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט גערעדט אַן אומבאַקאַנטע שפּראַך. און אַ זייער אַלטער מאַן האָט אים געזאָגט מיט קוים באַ־וועגלעכע ליפּן און אַ שוואַכער שטימע:

„וועגן קאַמף רעדסט דו און זעלבסטפאַרטיידיקונג. יונגער מענטש, איך האָב נאָך געקאָנט דיין זיידע יהויכין און דיין עלטערפעטער צדקיה. די האָבן זיך אויך געריסן אין קאַמף און אויפגעהויבן זייער קאָפּ קעגן נבוכדנצר, און דער סוף איז געוועזן אונזער גלות. ניין, יונגער מענטש, רוף נישט צו קאַמף און זעלבסטפאַרטיידיקונג. פאַסטן דאַרף מען, נאָר פאַסטן, און אסתר המלכה וועט אונז שוין אַרויסהעלפן."

און זרבבל האָט באַגריפן, אַז דעם אַלטנס רייד זיינען דעם גאַנצן פאָלקס רייד, און ער איז אַוועק צום זאַמלהויז מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און לאַנגזאַמע טריט.

ד.

אין דער טיר פון דעם זאַמלהויז איז זרבבל געבליבן שטיין און האָט באַקוקט די גרויסע עדה. און ווען ער האָט דערזען די מענער מיט די פאַרוויינטע אויגן און מיט די הענט אויפן קאָפּ, האָבן זיינע אויגן געשאָסן מיט בליצן, און זיינע דינע ליפּן זיינען וויים געוואָרן פאַר כעס און פאַראַכ־טונג. און עס האָבן אים אַרומגערינגלט די פאַרזאַמלטע, די אַלטע פאַרויס און הינטער זיי די יונגע:

„וואָס האָסטו אונז געבראַכט, זרבבל?" האָבן אים די אַלטע געפרעגט, „עפן אויף דיינע ליפּן און זאָג אונז, וועלכע נייס, און וואָס הערט זיך און וואָס ווייסטו פון אסתרן?"

אָבער דאָס איז געווען צו זיין כעס, ווי בויםאייל צו אַ פייער, און ער האָט אויפגעטאָן זיין מויל צו רעדן שאַרפע ווערטער:

„וואָס פרעגט איר מיך וועגן אסתרן? וואָס ווילט איר, איר גרויבערדיקע, פון דער פרוי? און וואָס זאָל איך אייך זאָגן וועגן איר — בין איך דען איר געליבטער און איך זאָל אייך אויסדערציילן אירע שיינקייטן, די זיסקייט פון איר סערפּער און ווי רייצנד זי איז אין דער ליבע?"

דערשטווינט האָבן אים אָנגעקוקט די פאַרזאַמלטע, און די אַלטע האָבן אים ווידער געזאָגט:

„וואָס איז מיט דיר, זרבבל, און וואָס האָסטו דען אויף דיין האַרצן? אין כעס ביסטו און רעדסט צו אונז אַזוינע האַרבע ווערטער. אָדער ווייסט דו נישט, וואָס עס איז געשען?

אז א גרויס אומגליק שטייט פאַר די יידן, די פולשטענדיקע פאַרניכטונג? און ווער קאָן אונז העלפן, אויב נישט די קעניגין אסתר? אָדער ווייסט דו אַן אַנדער הילף? זאָג אונז, און מיר וועלן הערן."

און זרבבל האָט זיך אויסגעגלייכט אין זיין גאַנצער גרויס, זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן, און פון שטאָל און אייזן איז געווען זיין שטימע:

„יאָ, איך קען אַן אַנדער הילף, און איך בין געקומען זי אייך צו זאָגן. אין אייך ליגט זי, אין אייער מוט און אין אייערע אָרעמס!"

מיט אָפענע מיילער פאַר פאַרוואונדערונג און דערשטוינונג זיינען די פאַרזאַמלטע געבליבן שטיין, און זרבבל האָט ווייטער גערעדט, און זיין שטימע איז געווען פול ווארימקייט:

„וואָס קוקט איר מיך אזוי אָן? אָדער פאַרשטייט איר נישט, וואָס איך האָב געמיינט? אין אייך אַליין ליגט אייער הילף, אין אייער מוט און אין אייערע אָרעמס. וואָס האָט איר אייך אזוי פאַרלאָרן? און פאַרוואָס האָט איר אייך באַדעקט מיט אַש, און אייער פאַסטן צו וואָס? איר שוואַכט אָפּ אייער קערפּער און ווילט לייכטער מאַכן אייערע פיינט זייער אַרבעט? און איך זאָג אייך, באַוואָפנט אייך בעסער. גורט אָן אייערע לענדן און קרעפטיקט אייערע מוסקולן. אָנשטאָט צו פאַרברעכן די הענט אויפן קאָפּ אין פאַרצווייפלונג, לערנט זיי צו פירן א שווערד, און אָנשטאָט צו בלענדן אייערע אויגן מיט טרערן, לערנט זיי צו צילן מיט א פייל. נישט ווי די שעפסן וועלכע ווערן לייכט געטריבן צו דער שחיטה, נאָר ווי די לייבן זאָלט איר זיין, וועלכע טרעטן ארויס קעגן זייערע יעגער. א שפּיל איז עס אין די הענט פון יעדן איינציקן צו כאַפּן א שעפּס און קוילן עס, אָבער עס ציטערט דאָס האַרץ פון דעם לייבניעגער און איינער פון טויזנטער קאָן עס זיי. איר זיצט און וויינט און פאַסט און פייניקט אייך, און אונזערע פיינט וועלן שפּאָטן און לאַכן. מיר דאַרפן אונזערע שווערדן נישט שאַרפן, וועלן זיי זאָגן, און מיט אונזערע הונט-בייטשן וועלן מיר אָוועקלייגן טויט די פאַרהונגערטע

און דערשראָקענע יידן.. און זיי וועלן לויבן המנען פאַר דער דערלויבניש, וועלכע ער האָט באַקומען פון דעם קעניג, און פרייען זיך שוין אין פאָראויס אויף דאָס יידישע אייגנטום, וואָס וועט זיי אַזוי לייכט אָנקומען. אָבער ווען זיי וועלן ווייסן, אַז מיט גבורה וועט איר זיי באַגעגענען און מיט מוט, אַז אייערע הענט זיינען געלערנט צו פירן דאָס שווערד און אייערע אויגן צו צילן מיט אַ פייל, מיט כבוד וועלן זיי אויף אייך קוקן און מיט רעספּעקט. נישט לאַכן און שפּאָטן וועלן זיי, נאָר גוט זיך איבערלייגן. און זיי וועלן זאָגן, מיר האָבן די דערלויבניש פון המנען, אָבער ווער וועט דערנערן אונזערע אַלמנות און יתומים, ווען מיר וועלן פאַלן פון די יידישע הענט."

און ווען ער האָט אַזוי גערעדט און נאָך מער, האָבן געשאָקלט זייערע קעפּ די אַלטע, און די יונגע האָבן געקוקט צו דער ערד אין אַ פאַרלעגנהייט. און ענדלעך האָבן די אַלטע נישט אויסגעהאַלטן און איבערגעריסן אים אין זיינע רייד. און עס האָבן אים געזאָגט די אַלטע: „יונג אין יאָרן ביסט דו, זרבבל, און נאָך דיינע יאָרן נאָך אַזוי רעדסט דו."

אָבער זרבבל איז זיי אַריינגעפאַלן אין די רייד און זיין שטימע איז געווען פול מיט פאַראַכטונג:

„יונג אין יאָרן בין איך! ווי האָב איך נישט געזען, אַז דאָס וועט זיין אייער ענטפער! יונג אין יאָרן בין איך! אָבער וואָס טויגן אייך אייערע ווייסע האָר, ווען איר ווייסט אייך קיין עצה נישט און הענגט אייך אָן אָן דעם אונטערקלייד פון אַ פרוי? יונג אין יאָרן בין איך! אָבער יונג אין יאָרן און נאָך יינגער איז געווען מיין זיידע דוד און ער האָט דאָך אַרויסגעהאָלפן דעם פאָלק ישראל פון גליתן. אַזוי ווי איר יעצט, זיינען דאַמאָלסט אויך געשטאַנען אייערע מענער אין פאַרצווייפלונג. דערשראָקן זיינען זיי געווען און פאַרציטערט און האָבן נישט געוואוסט ווי צו העלפן זיך. דאַן איז געקומען דער יונגער דוד און האָט געבראַכט זיי די רעטונג. יונג אין יאָרן, אָבער ער האָט געוואוסט, אַז אַ קליין שטיינדל, גוט געצילט און גוט געטראָפן, איז שטאַרקער פון תעניתים, מעכטיקער

פאַר טרערן. דערפאַר זאָג איך אייך, וואָס צײַלט איר מיר די יאָרן, זעט, איך ברענג אייך די רעטונג. זייט נישט ווי די ווייבער, די וויינערקעס, וועלכע וויינען ביי אַלץ, וואָס עס מאַכט זיך מיט זיי. מענער זייט, וועלכע פילן די קראַפט פון זייערע אָרעמס און די מאַכט פון זייערע לענדן. קומט און לאָמיר אויסרופן אַן אויסרוף אין די גאַסן: „געקויפט האָט המן דאָס יידישע פאָלק און איבערגעגעבן עס צו פאַר־ניכטונג, אָבער נישט אַ חפץ איז דאָס יידישע פאָלק, וואָס קאָן געקויפט און פאַרקויפט ווערן, און נישט לייכט, וועט זיך איינגעבן זיין פאַרניכטונג. באַוואָפנט האָבן זיך די יידן און זייערע אָרעמס ווערן געלערנט צום קאַמף. און עס וועט זיין, אַז עס וועלן קומען זייערע פיינט צו פאַרניכטן זיי און צו פאַרטיליקן, וועלן זיי שטיין פאַר זייערע לעבנס, ווי די לייבינטעס פאַר זייערע קינדער, און יעדער געפאַלענער ייד וועט צוערשט אַוועקשיקן אין טויט צען פון זיינע קעגנער,״ קומט און לאָמיר אויסרופן דעם אויסרוף און איר וועט זען, ווי לענגער עס וועלן ווערן די פּנימער פון אונזערע קעגנער און ווי אָפּהענטיק זיי וועלן ווערן. וואַרפט אַראָפּ, זאָג איך אייך, די זעק, שיט אַראָפּ פון אייך די אַש און גלייכט אויס אייערע פּלייצעס. גורט אָן אייערע לענדן און נעמט שווערדן דאָפּלשניידיקע אין אייערע הענט. און איר וועט זען, אַז די ישועה וועט צו אייך קומען און אייער ברכה וועט פאַלן אויף זרבבלן.״

זיין געזיכט האָט געפלאַקערט און מיט אַ פירער־אויג האָט ער באַטראַכט די פאַרזאַמלטע. אָבער אַלע אויגן זיינען געווען אָפּגעווענדט פון אים און די אַלטע האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ. און אַז די טיר האָט זיך גראָד אויפגעעפנט און מרדכי איז אַריינגעקומען, האָבן זיך אַלע אַ לאָז געטאָן צו דעם ניי־אָנגעקומענעם און אַרומגערינגלט אים און פאַרשאָטן אים מיט זייערע פראַגן: וואָס זאָגט אסתר? וואָס טוט אסתר? וואָס הערט זיך פון אסתרן?

ה.

און מרדכי, דער זון פון יאיר, איז געווען אָנגעטאָן אין א זאַק און באַדעקט מיט אַש. זיין שטערן איז געווען דורכגעשניטן מיט טיפע קנייטשן און זיינע אויגן זיינען געווען פאַרזאָרגט, און עס איז געווען צו זען, אַז פיל געדאַנקען באַדריקן זיין מוח. און ער האָט אויפגעטאָן זיין מויל און געענטפערט צו די פרעגער:

„גאָרנישט הערט מען פון אסתרן. און וואָס ווילט איר דען פון איר הערן? ווייסט איר דען נישט, אַז דריי טעג האָט זי זיך אויסגעבעטן, און היינט איז ערשט דער ערשטער?"

און אַלע פאַרזאַמלטע האָבן אַראָפּגעלאָזן אין טרויער זייערע קעפּ, און געווישט זיך די אויגן. און אַז מרדכי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף א זיצבאַנק מיט א שווערן זיפץ, האָבן זיפצן און קרעכצן פון אַלע הערצער אָנגעפילט דאָס גאַנצע הויז.

און זרבבל איז געשטאַנען אַליין, און קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. ביטער איז אים געווען אויפן הארצן צום אויפשרייען, און מיט זיינע פויסטן וואָלט ער געשלאָגן רעכטס און לינקס, און ער האָט באַפרייט זיין געמיט מיט א ווילדן לאַכן. אַלע אויגן האָבן זיך אויפגעהויבן אויף אים אין פאַרוואונדערונג און מרדכי האָט געזאָגט:

„זרבבל, אויסגעפוצט אין זיינע שיינע קליידער, לאַכט מיט אַזאַ בייסענדן געלעכטער — וואָס איז מיט אים דאָס מער?"

און די אַלע, וואָס אַרום מרדכין, האָבן זיך פונאַנדער־גערוקט, ווי צו געבן זרבבלן אַ וועג, ער זאָל קאָנען צוגיין צו מרדכין. אָבער זרבבל איז געבליבן שטיין אויף זיין אָרט, און פול מיט פאַראַכטונג און ביטערקייט האָט ער אויסגע־רופן:

„זאָגט אים, וואָס מיט מיר איז דאָס מער!"

און אין קורצע ווערטער האָבן זיי איבערגעגעבן מרדכין זרבבלס רייד. אַז ער רופט צום קאַמף דאָס פאָלק, האָבן זיי דערציילט, און עצהט נישט צו פאַרלאָזן זיך אויף אסתרן.

און מרדכי האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן צו זרבבלן, און זיי האָבן זיך איינער דעם אַנדערן אָנגעקוקט, ווי צוויי פיינט־לעכע קעמפער, וועלכע מעסטן זיך מיט זייערע כחות. און דאַן האָט מרדכי געזאָגט און ער האָט געצויגן יעדעס וואָרט:

„אין יעדער צייט זיינען פאַראַן מענטשן, וועלכע מיינען, אַז די לייכטסטע זאַך דורכצוברעכן אַ וואַנט איז מיטן קאָפּ."

און זרבבל האָט אָפּגעענטפערט מיט עקל און שפּאָט:

„אָבער נישט יעדע צייט האָט דאָס אומגליק צו האָבן אַ פירער מיט דעם מוט פון אַ שוואַכער יידענע, וועלכע קאָן נאָר אויפהויבן די הענט אויפן קאָפּ און ביטער שרייען!"

און די פאַרזאַמלטע האָבן איבערגעטראָגן זייערע בליקן פון מרדכין אויף זרבבלן און פון זרבבלן אויף מרדכין. עס איז געווען, ווי צוויי קעמפער וואָלטן אַרויסגעטראָטן פאַר זיי צו ראַנגלען זיך און אומצוּוואַרפן איינער דעם אַנדערן. און זיי האָבן זיך אין גאַנצן פאַרטיפט אין דעם, וואָס דאַרף פאָרקו־מען פאַר זיי, און האָבן זייער גרויס אומגליק פאַרגעסן. אָבער דאָך האָבן זיי זיך אַלע ענגער אַרומגעקליבן אַרום מרדכין, און עס איז געווען, גלייך ווי זיי וואָלטן געוואָרט פון אים אויף שוץ קעגן זרבבלן.

און מרדכי האָט געפילט, אַז אַלע זיינען מיט אים און קיינער איז נישט מיט זרבבלן, און ער האָט געזאָגט די שטע־כעדיקע ווערטער:

„בעסער אַ שוואַכע יידענע אַלס פירערין ווי אַ משוגענער, וועלכער רייסט זיך אויף גלייכע ווענט. די שוואַכסטע יידענע

קאָן פאַרהיטן פון אַן אומגליק, אָבער דער קלענסטער משו־
גענער קאָן אָנברענגען די שווערסטע אומגליקן. נישט באַ־
ליידיקן וויל איך דיך, זרבבל, אָבער דאָס, וואָס דו ראַטסט,
איז משוגעת."

ביטער אײַסגערופן האָט זרבבל:

„ווי צו אַ פאָלק, וועלכן מען פּרעדיקט, אַז זעלבסט־
פאַרטיידיקונג איז משוגעת, און נאָך מער ווי צו אַ פאָלק,
ביי וועלכן אַזאַ פּרעדיק געפינט אָפענע אויערן. טויטע ביי־
נער איז אַזאַ פאָלק, פון וועלכע יעדער סימן פון לעבן איז
אַרויסגעפלויגן."

מרדכי איז אים אַרײַנגעפאַלן אין די רייד און זיין קול
איז געוועזן רואיק און זיכער:

„ויער זאָגט, אַז זעלבסטפאַרטיידיקונג איז משוגעת? בין
איך דען נישט פאַר זעלבסטפאַרטיידיקונג? וויל איך דען, אַז
מיר זאָלן אונז אַליין אויסמאָרדן נאָך אײדער אונזערע פיינט
וועלן אונז באַפאַלן? וויל איך דען, מיר זאָלן אויפהערן צו
זיין? וויל איך דען נישט אָפּראַטעווען אונזער פאָלק? אונ־
זער פאָלק זאָל זיך פאַרטיידיקן, אָבער די וועגן צו זעלבסט־
פאַרטיידיקונג זיינען פאַרשיידן, און דיין וועג, זרבבל, איז
משוגעת."

און זרבבל איז געשטאַנען און האָט געקוקט אויף מרדכי'ן
ווי ער וואָלט אים נישט פאַרשטאַנען, און געפרעגט אין גרוי־
סער פאַרוואונדערונג, און זיין שטימע האָט געציטערט:

„ווי לאַנג הייסט זעלבסטפאַרטיידיקונג פון אַ פאָלק
דאָס שיינע געזיכט פון אַ יונגער פרוי? איז אסתרס לייב
אונזער פאַרטיידיקונג?"

און ווידער האָט מרדכי רואיק און זיכער געזאָגט:

„דו רופסט אונז זעלבסטפאַרטיידיקונג נאָר די קראַפט
פון די אָרעמס, און איך רוף זעלבסטפאַרטיידיקונג אויך די
קראַפט פון שיינקייט און די קראַפט פון געלט. דו ביסט
יונג, זרבבל, און דו ווייסט זיכער די קראַפט פון שיינקייט.
זאָג, איז זי נישט דער זיכערסטער וועג? דעם קעניגס האַרץ
קאָן אונז געקויפט ווערן דורך שיינקייט, און אסתר מוז עס

טאָן. איז אסתר דען נישט מיין פעטערס טאָכטער? איז זי מיר אליין דען נישט געווען ווי א טאָכטער? איז זי דען נישט אונזער אַלעמענס פלייש און בלוט? און דאָך האָבן מיר איר אָנגעזאָגט, זי זאָל איינשטעלן איר לעבן און גיין צום קעניג נישט גערופענערהייט. און ווען איר שיינקייט וועט דעם קעניג נישט רירן און זי וועט אומקומען, וועלן מיר אויסקלייבן נאָך א שענערע יידישע טאָכטער. און ווען מיר זאָלן דארפן מקריב זיין אַלע אונזערע שיינע טעכטער און שוועסטער און פרויען, א גרויסער ווייטיק וועט עס אונז זיין און שווער וועט עס אונז פאַלן, אָבער טאָן וועלן מיר עס. איז עס דען נישט זעלבסטפאַרטיידיקונג? און ווען אונזער שיינקייט וועט נישט העלפן, וועלן מיר אונז פאַרטיידיקן מיט אונזער געלט, מיט אונזער האָב און גאָב. המן האָט אונז געקויפט מיט צען טויזנט צענטנער זילבער, וועלן מיר אונז אָפּקויפן מיט צוואַנציק, מיט דרייסיק און מיט פערציק. פון אייביק אָן זיינען דאָס געווען די זיכערסטע מיטלען צו זעלבסטפאַרטיידיקונג. איז יעקב אבינו נישט ניצול געוואָרן פון זיין ברודער עשו דורך זיין האָב און גאָב? האָט זיך נישט דער קעניג אָסאָ דיין עלטער-עלטער-זיידע אָפּגעראַטעוועט פון בעשא מלך ישראל דורך אָפּקויפן בן הדד דעם קעניג פון ארם? און האָט אונז יהודית נישט ארויסגעהאָלפן מיט איר שיינקייט פון האָלאָפערנוסן? אָבער דיין זעלבסטפאַרטיידיקונג איז זעלבסט-פאַרניכטונג. קליין און ווינציק זיינען מיר צווישן די פעלקער אין די הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות. ווער וועט מורא האָבן פאַר אונזער געווער? ווער וועט זיך אויס-מאַכן פון דער קראַפט פון אונזערע אָרעמס? און עס וועט נאָך זיין, אַז דער קעניג וועט דערהערן, אַז די יידן באַוואָפענען זיך, וועט ער נאָך אַרויפשיקן אויף אונז זיין שטאַרקן חיל, דעם צו מלחמה געלערנטן, און פון אונזער גאַנצן פאָלק וועט נישט בלייבן קיין שריד ופליט. געפעלט דאָס דיר אַזוי, זרבבל?"

אָבער זרבבל האָט אויסגעשריען הויך און ביטער:

„שאָם און שאַנד איבער דיך און איבער אַלע, וועלכע

גייען מיט דיר! שאַם און שאַנד איבער דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, וואָס זעט אין געלט זיין הילף און אין די שיינע לייבער פון זיינע טעכטער זיין זעלבסטפאַרטיידיקונג! יעצט וועל איך צורייסן מיינע קליידער און וועל אָנטאָן אַ זאַק און באַדעקן מיין קאָפּ מיט אַש! יעצט וועל איך וויינען און קלאָגן מיין ביטערסטן קלאָג! טויט איז מיין פאָלק, אַ צופוילטע נבלה איז מיין פאָלק. אַ פלאַץ איז עס נאָר פאַר ווערים, פאַר קריכער און פוילער, און אַלע לעבעדיקע גייסטער האָבן עס פאַרלאָזן. וואו נעם איך ווערטער, מיין עקל אויסצודריקן און וואו נעם איך דעם דונער, אויף אויסצודונערן מיין כעס? וואו זיינען דיינע גבורים, יהודה? וואו זיינען דיינע העלדן, ישראל? זע, ווער דיינע פירער זיינען, הער, וואָס זיי לערנען דיך! אין זייער געמיינקייט שטעלן זיי זיך נישט אָפּ אפילו פאַר דאָס הייליקסטע, און די ערע פון דיינע טעכטער איז ביי זיי וויניקער ווערט, ווי דאָס אומנוצלעכסטע לעבן! אַלטער לייב, אין אַ הונט ביסטו פאַרקערט געוואָרן!"

נאָך לופט האָט זרבבל געראַנגלט און עס האָבן אים ווערטער פאַרפעלט. און ער האָט צוריסן אויף זיך זיינע קליידער, און געריסן זיך די האָר, און געשריען ווי און ביטער. ער האָט געטרייסלט די הענט אין דער לופט איבערן קאָפּ און אַלץ געחזרט: „שאַם און שאַנד! שאַם און שאַנד!" און ער איז אַרויס פון דעם זאַמלהויז מיט נישט פעסטע טריט, ווי אַ שכור.

גאַנץ דערשראָקן און נזדעזע האָבן אים נאָכגעקוקט די פאַרזאַמלטע און קיינעמס מויל האָט זיך נישט אויפגעטאָן אויף צו זאָגן אַ וואָרט. נאָר מרדכי האָט זיס אָפּגעשמייכלט און אַרויסגערעדט די געפליגלטע ווערטער:

„צי איז עס דען נישט ריכטיק? עס איז בעסער צו זיין אַ לעבעדיקער הונט אַלס אַ טויטער לייב?"

אָבער די פאַרזאַמלטע איז עס געוועזן, גלייך ווי עמיץ וואָלט זיי פאַראומרייניקט און באַשמוצט. און דאָך האָט קיינער נישט געפונען אין זיך דעם מוט אוועקצוגיין נאָך זרבבלן.

ו.

און זרבבל איז אַוועק צו שושנהן, אויסצורעדן פאַר איר זיין הארץ און אויסצושרייען זיין כעס. מיט שנעלע טריט איז ער געגאַנגען, האָט נישט געקוקט רעכטס און לינקס, און שווער געקרעכצט: „ווײ צו דער בושה! ווײ צו דער הרפה!" מיט רעש האָט ער אויפגעעפנט די טיר פון שושנהס הויז, און ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ער וועט זיך אַרויפוואַרפן אויף שושנהס ברוסט און אויסיאָמערן זיין גרויסן בראָך. אויף זיין פאָלק, וואָס ער האָט פאַרלאָרן, וועט ער וויינען, אויף דער אַכטונג צו אים און דעם גלויבן אין אים, וועלכע זיינען אַוועק און וועלן זיך קיינמאָל נישט אומקערן מער. אָבער ווען ער האָט דערזען שושנהן, איז ער געבליבן שטיין ווי צושמידט, און זיין מויל האָט נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין טאָן. אין אַ זאַק איז שושנה געווען אָנגעטאָן און בלייך, אירע אויגן רויט פון פיל וויינען, און איר קליינע געשטאַלט האָט אויסגעזען נאָך קלענער און ווי איינגעצויגן. און ווען זי האָט דערזען דעם אַריינקומענדיקן זרבבל, האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ גרויס געוויין, ווי ווען זי וואָלט עס לאַנג איינגעהאַלטן. און דאַן האָט זי געזאָגט, שלינגענדיק די טרערן:

„ענדלעך ביסטו דאָ! ענדלעך ביסטו דאָ! — אַז מיט דיר איז וואָס געשען, האָב איך געגלויבט, און איך האָב געשיקט נאָך דיר, און מיינע שלוחים האָבן דיך נישט געקאָנט געפינען. אָבער זיי האָבן מיר געבראַכט די ידיעה, אַז

געזונט ביסטו און גאנץ און דו לויפסט ארום אין פאלק און פאדערסט עס אויף צו א באוואפנטן ווידערשטאנד. איך האב נישט געוואלט גלויבן און איך האב זיי געזאגט, אז ליגן האבן זיי מיר געבראכט. דאך מער און מער זיינען אנגעקומען צו מיר די דאזיקע ידיעות און איך האב געמוזט גלויבן, און פינסטער און טרויעריק איז מיר געווארן מיין וועלט. דו בייזער זרבבל, ווי האסטו געקאנט פארגעסן מיך אין אזא שרעקלעכער צייט? ווי האסטו געקאנט מיך לאזן אליין אין א שעה פון געפאר? ווייסטו דען נישט, אז שרעקעדיק איז דיין שושנה, און ביי דער קלענסטער סכנה פארגייט איר געמיט? א, איך בין צום שטארבן! איך בין צום שטארבן!"

ווי פארגליווערט איז זרבבל געשטאנען, זיינע אויגן האבן געברענט, ווי אונטער הייסער אש, זיין בליק איז געווען שטרענג און צארנדיק און זיין שטימע שניידנדיק:

„דו ווייסט, וואס איך האב געטאן, און דו קאנסט צו מיר אזוי נאך רעדן? זרבבל איז געגאנגען אויפפאדערן דאס יידישע פאלק צו זעלבסטפארטיידיקונג, צו באוואפנטן ווידערשטאנד, און זיין שושנה האט זיך אנגעטאן אין א זאק, גאנץ פארלארן פאר שרעק! ביסטו דאס שושנה? ביסטו דאס מיין ליבע? איז דיין הארץ נישט אנגעפילט געווארן מיט מוט און האט עס אין דיר נישט געשריען פאר אנטציקונג, וואס נישט צווישן די שרעקעדיקע איז זרבבל און נישט צווישן די פארצווייפלטע איז זיין פלאץ?"

נאר ביטער געוויינט האט אלץ שושנה און אלץ געחזרט: „א, איך בין צום שטארבן! איך בין צום שטארבן!"

זיין קאפ האט זרבבל געשאקלט און ביטער געשמייכעלט:

„איך האב געמיינט א טרייסט וועל איך געפינען ביי דיר, א רפואה צו מיין אנגעווייטיקטן הארצן. שושנה וועט מיך פארשטיין און וועט זיין מיט מיר, האב איך געטראכט, און זי וועט מיך קרעפטיקן. אבער ווי צו מיין עלנט, וואס איז אזוי גרויס! מיט טרערן האט מיך שושנה באגעגנט, מיט

קליינמוטיקייט און הארבע אויסדרייד. און זי האט קיין אויערן נישט פאר מיר און קיין הארץ...״

אָבער שושנה האט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, די ליפּן צו־זאמענגעצויגן אין אַ בייזער מינע און אָנגערוקט געזאָגט:

„איך קאָן קיין אויערן נישט האָבן פאר דיר און קיין הארץ. ווייל וואָס דו ווילסט איז משוגעת, און דו ביסט צו שפּאָט אויף אַלע לעפצן. אַ פאנטאַזיאָר, זאָגט מען, איז זרבבל און אַ מענטש פון חלומות. ער וויל וואָס איז אוממעגלעך, און ראַט, וואָס איז געפערלעך. דאָס קליינע יידישע פאָלק וויל ער אויפהייבן קעגן דעם אומצייליקן פיינט און רופט עס זעלבסטפארטיידיקונג. פארוואָס ראַט ער נישט בעסער, אַז גרויס און קליין, מענער און פרויען, זאָל זיך דאָס יידישע פאָלק אריינוואַרפן אין די טייכן און ימים, וועלכע דורכפלייצן די הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות? אַזוי פרעגן אַלע און שאָקלען אויף דיר די קעפּ. זיינען זיי דען נישט גע־רעכט און זיינען דען זייערע רייד נישט ריכטיק? ווי האָב איך דאָ געקאָנט אַנטציקט זיין, און די פרייד פון וואַנען זאָל זי צו מיר קומען? ווייל דו האסט מיך פארגעסן, געלאָזן מיך אַליין און ביסט אוועק נאָך געפערלעכע חלומות?״

דערהעכערט זיין קול האט זרבבל און געזאָגט די שאַרפע ווערטער:

„ווען מיט דערנער וואָלסטו מיר געדראָשן מיין לייב און מיט עקדישן, וואָלסטו מיר נישט אַזוי ווי געטאָן ווי מיט דיינע רייד. ווען די אַלע שפּאָטער האָבן געלאַכט פון מיר, איז מיין הארץ געוואָרן אָנגעפילט מיט כעס און פאראַכטונג און איך האָב מיך געפילט שטאַרק אין מיין שנאה. אָבער ווען דו ביסט צוגעשטאַנען צו דעם שפּאָט און צוגעגעבן דיין קול צום געלעכטער, בין איך דער אומגליקלעכסטער און דער עלנדסטער אונטער דעם הימל. פרעמד ביסטו מיר געוואָרן, שושנה, מיט דיינע רייד האסטו אויסגעגראָבן אַן אָפּגרונט צווישן אונז, און ווען זרבבל, האט פארלאָרן שושנהן, האט ער פארלאָרן זיין לעבן.״

און מיט שרעק אין די אויגן האָט שושנה אויסגעשריען:
„אָ, ווי קאָנסטו אַזוי רעדן?"

און ווי זי האָט אים אַזוי אָנגעקוקט מיט אירע דער־שראָקענע אויגן און אירע באַקן האָבן געפֿלאַמט, איז גערירט און ווייך געוואָרן זרבבלס האַרץ, און ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו איר מיט ליבע און ליידנשאַפֿט, צוגעדריקט זי צו זיך מיט זיין גאַנצן ברען און לאַסקע און געשעפּטשעט:

„מיין איינציקע, מיין ליבע, זיי דו מיט זרבבלען, לאַך דו נישט אויס פֿון מיר, גלויב דו אין מיר. גלויב, אַז נישט משוגע בין איך געוואָרן און נישט קיין מענטש פֿון חלומות. גלויב, אַז צו גרויסע זאַכן בין איך געבאָרן געוואָרן און גרויסע זאַכן וועל איך אויספֿירן. איך וועל אויפֿנעמען אַ קאַמף מיט די שפּאָטער און פֿאָלקס־פֿאַרפֿירער און וועל זיי פֿאַרניכטן. איך וועל אויסלערנען מיין פֿאָלק שטאָלץ צו זיין און וועל אים פֿירן צום זיג. זיי דו מיר דער ברונעם, פֿון וועלכן איך זאָל שעפּן זאַפֿט פֿאַר מיין מאַרך, קראַפֿט פֿאַר מיינע אָדערן. גיב מוט אין מיר אַריין און מונטער אויף מיין מידע זעלע. זאָג מיר, אַז איך בין גערעכט און די, וואָס לאַכן פֿון מיר, זיינען געשלאָגן מיט בלענדעניש. זאָג מיר, אַז דו האָסט אַ טעות געהאַט און נאָר אויף אַ קליינער ווייל ביסטו אָפּ־געשטאַנען פֿון דיין זרבבל."

אָבער שושנה האָט געוויינט, דאָס געזיכט באַהאַלטן אין אירע הענט, און שטיל געמורמלט: „איך קאָן נישט! איך קאָן נישט!"

מיט גרעסטער ליידנשאַפֿט האָט זרבבל איבער איר גע־רעדט:

„זעסט, זיי ווילן זיך אויסקויפֿן פֿון דער סכנה מיט דעם לייב פֿון אסתרן. זיי שיקן זי, זי זאָל איינשטעלן איר לעבן און אַליין ווילן זיי יוצא זיין מיט פֿאַסטן. און ווען אסתרס לייב וועט נישט העלפֿן, וועלן זיי אָנווענדן געלט, אָדער אַן אַנדער שיינעם ווייבער־לייב, אָדער ביידע זאַכן אין איינעם. זאָג, איז עס נישט העסלעך, שושנה? איז עס נישט געמיין און פּחדניש? אַלץ שרייט אין מיר קעגן דעם, שרייט

אין דיר גאָר נישט קעגן דעם? מענער זאָלן שיקן אין פאָר־אוים אַ פּרויענלייב! שושנה, איך האָב קיין ווערטער נישט, ווי נידערטרעכטיק דאָס איז! פילסטו עס, שושנה? פילסטו דיך נישט, ווי באַשמוצט, דערנידעריקט, באַשפּייט? שושנה, זע, ווי עס ציען זיך אָן מיינע מוסקולן — פילסטו מיין קראַפט? מיינע הענט פיל איך ווי רײַזנפליגלען אויף אַריבער־צוטראָגן מיין פאָלק איבער אַלע תהומען און געפאַרן. פאַר־וואָס האָבן זיי מורא צו נעמען געוועהר אין זייערע הענט? זיגן אָדער פאַלן, אָבער נישט אָפּקויפן זיך. מענער, וועלכע באַהאַלטן זיך הינטער אַ פרויען־קליידל, האָבן קיין שום ערנ־געפיל נישט, און מיין גאַנץ פאָלק זאָל באַשטיין פון אַזעלכע מענער?! זרבבלס פאָלק זאָל קיין ערנגעפיל נישט האָבן? שרייט אין דיר גאָרנישט קעגן דעם, שושנה?״

נאָר שטיל איז געווען שושנה אין זיינע אָרעמס און האָט קיין וואָרט נישט געזאָגט. און ער האָט אַלץ געדרונגען אין איר און ליידנשאַפטלעך אַריינגעקוקט איר אין די אויגן און אַלץ געבעטן: „זאָג מיר, שושנה, זאָג מיר!״

און ענדלעך האָט שושנה שטיל אַרויסגערעדט: „דו בלייב מיט מיר, זאָלן זיי טאָן, ווי זיי פאַרשטייען.״

„צו שאַם און צו שאַנד פאַר דעם גאַנצן יידישן פאָלק?!״ זרבבל האָט עס אַרויסגעשריען און אַ גרויסער טרויער האָט אים פּלוצלונג אָנגעפילט.

דאַן האָט שושנה געזאָגט אירע אומפּאָרזיכטיקע ווער־טער: „זיי זיינען די מערהייט, דער רבים, זיי פאַרשטייען עס בעסער!״

און זרבבל איז אויפגעשפּרונגען, ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטאָן. ער האָט געוואָלט אויפשרייען מיט ביטערע קולות, אָבער ער האָט דערפילט, ווי אַ גרויסער כעס שטייגט אין אים אויף. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף זיין האַרץ און געריבן זיך די ברוסט, און פּלוצלונג האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו דער טיר. אָבער ביי דער טיר איז ער געבליבן שטיין און האָט אָנגעשפּאַרט זיך און געזאָגט, און זיין קול איז געווען הייזעריק:

„דו וועסט מיך מער נישט זען, שושנה!"

א שוידער איז דורכגעגאנגען שושנהן דורך אלע גלידער און פול שרעק און פארצווייפלונג האט זי אויסגעשריען:

„אבער, זרבבל!"

און ער האט ווידער ארויסגעשעפטשעט:

„דו וועסט מיך מער נישט זען, שושנה!"

דערשראקענער האט אויפגעשריען שושנה: „אבער, זרבבל!" און זי האט צוגעטראגן אירע ציטערדיקע בלייכע הענט צו אירע באקן און איר בליק איז געווען ווי פון א דערשראקענער פארוואונדעטער טויב.

און זרבבל האט גערעדט און זיין שטימע האט געצי־טערט:

„איך ליב דיך און שטארק ווי דער טויט איז מיין ליבע. ביינאכט אויף מיין געלעגער וועל איך דיין נאמען רופן, און מיין הארץ וועט פארגיין פאר בענקעניש. מיט די נעגל פון מיינע פינגער וועל איך מיר מיין לייב צוקראצן און מיינע אויגן וועלן ברענען אונטער זודיקע טרערן. אבער נישט דו קאנסט זיין זרבבלס ווייב, נישט דו די מוטער פון זיינע קינדער. דו וועסט מיך מער נישט זען, שושנה!"

שווער געווארפן האט זיך שושנהס ברוסט, איר שנע־לער אטעם איז געווען דורכגעווייקט מיט טרערן, און הארצ־רייסנדיק איז געווען איר אויסגעשריי: „זרבבל!"

אבער ער האט שוין אויפגעעפנט די טיר, און שטייענ־דיק אין איר, האט ער צוגעווענדט צו שושנהן זיין געזיכט און פעסט ארויסגערעדט: „גיי און לערן דיך צו זיין זרבבלס ווייב!" און דאן האט ער צוגעמאכט די טיר הינטער זיך.

זי האט אויפגעשריען און דאס איז געווען דער געשריי פון א פארוואונדעטער הירשין. זי איז צוגעשפרונגען צו דער טיר, אבער אירע פיס האבן זיך איר אונטערגעבויגט. זי האט אויסגעשפרייט די הענט אויף דער צוגעמאכטער טיר, און גע־קרעכצט און געוויינט אין איר גרויסן אומגליק. זי האט נישט גערעדט, איר האלז איז איר צוגעשנירט געווארן, און די צונג

האָט זיך נישט באַוועגט. ערשט שפּעטער האָט זי געקאָנט אַרויסשעפּטשען גאַנץ שטיל: „זרובבל, זרובבל, זרובבל!“ נאָר זיין נאָמען האָט זי שטיל געפּליסטערט און מער האָט זי נישט געקאָנט. דאַן האָט זי זיך אַרויפגעוואָרפן אויף איר געלעגער מיט די הענט אויפן געזיכט, גאַנץ צונויפגעקאָרטשעט, און עס איז איר געוועזן, ווי עמעץ וואָלט זי געפּאַטשט.

און זרובבל האָט געשפּרייזט דורך נאַכט און פינסטערניש, ווייט הינטער דער שטאָט, אין טיפער איינזאַמקייט, דאָרטן וואו א גרויסער פעלזן האָט זיך אויפגעהויבן איבער א טיפן אָפּגרונט.

1905

II.

אזוי האט עס געמוזט זײַן

דער מאַן האָט געלעבט אין דרום, די ווייב — אין צפון.

שוין עטלעכע יאָר אַזוי. זי מיט די קינדער אין דער צפון־שטאָט, וואו זייער הייזל איז געשטאַנען, וואו ער און זי זיינען געבאָרן געוואָרן, חתונה געהאַט און פינף קינדער אַרויסגעבראַכט אויף דער וועלט. ער — אין דער ווייטער דרום־שטאָט, וואוהין די ביטערע פּרנסה האָט אים פאַר־טריבן. עס האָט געזאָלט זיין נאָר אויף אַ קורצער צייט. אויף חדשים. עס האָט זיך אָבער אויסגעלאָזן יאָרן.

האָבן זיי זיך געשריבן בריוו. בענקענדיקע, אָפט מיט טרערן־פלעקן. צוגעוואונטשן זיך ביים סוף פון יעדן בריוו, אַז גאָט זאָל זיי שוין אין גיכן צוזאַמענברענגען.

צווישן דער צפון־שטאָדט און דער שטאָט אין דרום איז געפלאָסן אַ גרויסער טייך. הונדערטער און הונדערטער מיילן לאַנג. אָבער פאַר זיי איז ער געווען אַ דערנענטערונג, אַ פאַר־בינדונג. אַ שטענדיקער גרוס.

זי האָט געקאָנט שטיין אויף דער בריק אין צפון, נאָכ־קוקן די אַוועקלויפנדיקע וואַסערן, באַגלייטן זיי מיט בענקענ־דיקע בליקן, שיקן מיט זיי איר האַרץ. זיי גייען דאָך נאָך דרום. ער האָט געקאָנט שטיין אויף דער בריק אין דרום, קוקן אויף די אָנקומענדיקע וואַסערן, פרעגן מיט די אויגן. זיי קומען דאָך פון צפון.

איין מאָל אין אַ זומער האָט זי אים געשריבן:

„איך האָב זיך נעכטן געבאָדן. די וואַסערן זיינען אַרי־בער איבער מיין קערפּער און אַוועק צו דיר אין ווייטן דרום. באַפּ זיי איבער און באָד זיך אין זיי...״

דאָס איז געווען גאַנץ מערקווירדיק פאַר אַ פּערציק־יעריקער יידענע. די בענקעניש מאַכט פון די איינפאַכסטע מענטשן זעער און דיכטער.

זי איז געווען אַ פרומע פרוי. ווען זי האָט עס אויפגעשריבן, האָט זיך זיך פאַרשעמט. איז רויט געוואָרן, ארומגעקוקט זיך, צי האָבן די ווענט נישט געזען, וואָס זי האָט אָנגעשריבן. אָבער די פּאָר שורות זיינען איר זייער געפעלן געווען. עפּעס אַרויסגעקומען פון אַ ווייטער טיפקייט אין איר. זי האָט געקוקט אויף זיי, איבערגעלעבט זיי נאָך און נאָך, געפילט די באַרירונג, געזען די באַרירונג.

ווייט איז דער מהלך. די וואַסערן, וועלכע טראָגן זיך דורך צווישן די צפון־ברעגן, האָבן אַ סך צו דערציילן, ווען זיי גייען דורך צווישן די ברעגן אין דרום. שיפן, גרויסע און קליינע, זיינען אַריבער איבער זיי, פּאַראָמען, לייוועס, פּליטן... פאַרליבטע פאָרלעך האָבן זיך געוואָרפן... מענטשן האָבן זיך געבאָדן, מענער, פרויען, קינדער... עטלעכע דערטרונקען געוואָרן, עטלעכע דערטרונקען זיך... אָבער די וואַסערן, וועלכע זיינען אַריבער איבער איר, באַרירט זי, געקושט זי, זיי וועלן אָנקומען אין ווייטן דרום אומבאַרירט. וועלן ברעגן צו איר מאַן דעם אָפּדרוק פון איר נאַקעטן קערפּער...

אין די ווייטערדיקע בריוו פלעגט זי פאַרשעמטערהייט נאָר קורץ דערמאָנען: „נעכטן האָב איך זיך געבאָדן...” אָדער: „היינט גיי איך זיך באָדן...” נישט מער. ער וועט שוין פאַרשטיין. זי האָט געשאַפן אַ סוד צווישן זייביידן. און זי האָט זיך געפילט געהויבענער מיט דעם סוד.

און ער האָט נאָך האַרציקער און פרומער געבעטן ביים סוף פון זיינע בריוו, גאָט זאָל שוין רחמנות האָבן און צונויפברענגען זיי.

אַזוי אויך, און נאָך שטאַרקער, אין דעם בריוו, וועלכן ער האָט איר צוגעשיקט מיט זיינעם אַ באַקאַנטן. ער האָט איר דאָרטן פאַרגעשטעלט דעם איבערברענגער פון דעם בריוו. אַ מלמד. פון זייער געגנט טאַקע, פון אַרום זייער שטאָט. ער האָט פאַרזוכט זיין מזל אין דער דרום־שטאָט, אָבער האָט

דאָרטן גאָרנישט דערגרייכט, איצטער פאָרט ער צוריק צו פאַרזוכן זיין מזל אין זייער צפון־שטאָט. און ער האָט אים ווייטער פאַרגעשטעלט: אַ גרויסער למדן; איינער, וועלכער האָט געמעגט זיין מער ווי אַ מלמד. און אַ זייער פרומער ייד, אַן אמתער צדיק. און ער האָט איר פאַרגעשלאָגן: זאָל ער וואוינען ביי איר. סיווייסיי שטייט דער חדר ליידיק. דאָס צימער הינטער דער קיך. וועט זיין גוט, ווען דער מלמד וועט זיך אַהין אריינקלייבן. ער וועט זיין אַ גוטער מדריך פאַר דיביידע יינגערע יינגלעך. ביז גאָט וועט רחמנות האָבן און אַזוי ווייטער. דער פרומער קרעכץ, וועלכן ער האָט גע־געבן, בשעת ער האָט געשריבן זיינע לעצטע שורות, איז גע־לעגן אויף די ווערטער, האָט אראָפּגעשריען פון זיי, ארויס־געבליפּעט, ארויסגעשלוכצט.

און ארויסגערופן ביי איר פּונקט אַזאַ קרעכץ. מיט בי־טערע זודיקע טרערן. מוז ער נעבעך זיצן דאָרטן, און דאָ זאָל זי האָבן אַ ווילד־פרעמדן פאַר אַ מדריך פון אירע קינדער! ווען וועט שוין גאָט רחמנות האָבן?...

דער מלמד איז געבליבן וואוינען ביי איר. אריינגעקליבן זיך אין דעם צימער, וואָס איז געווען הינטער דער קיך. אַ גאַנץ אָפּגעזונדערט צימער, ווי עס וואָלט גאָר קיין שייכות נישט געהאַט מיט די אַנדערע חדרים. אַ דירה פאַר זיך. אָבער אויסער דעם האָט זי נאָך געהאַט אַ גרויסן זון אויסער די צוויי יונגערע. אַ גרויסער זון, וועלכער איז שוין געשטאַנען אין שידוכים. און צוויי אונטערגעוואַקסענע טעכטער, כלה־מייד־לען. קיין אחריות נישט, אַז דער פרעמדער ייד — אַ מלמד און אַ זייער פרומער, אַן אמתער צדיק — וועט פאַרנעמען דאָס צימער, וואָס שטייט ביי איר ליידיק.

אַך, זיי האָבן פאַרגעסן די לאַנגע ווינטער־אָוונטן, ווען דער גרויסער זון און די אונטערגעוואַקסענע טעכטער וועלן אַוועקגיין צו פריינט אָדער אין טעאַטער, צו טאַנץ און פריי־לעכקייט, און די יינגערע יינגלעך וועלן שלאָפן אין זייער צימער דעם געזונטן שטאַרקן שלאָף, וועלכן יוגנט שלאָפט.

דאָס איז טאָקע באַלד געווען אַזוי, איינמאָל אין אַ לאַנ־

נער קאַלטער ווינטערנאַכט. די עלטערע קינדער זיינען אין דער היים נישט געוועזן. די יינגערע האָבן שטאַרק געשלאָפן. דער מלמד איז ערשט נישט לאַנג געקומען פון בית מדרש און זיין בלאַט גמרא, האָט אָפּגעגעסן וועטשערע, אָפּגעבענטשט. געבליבן אַ ווײַלע רואיק זיצן אויף דער קאַנאַפּע ביים עס־טיש אין דעם גוט אָנגעהייצטן עס־צימער. געכאַפּט אַ פּאָר ווערטער מיט איר, ווען זי האָט אָפּגערייניקט פון טיש. אַרויף אויף אַ קורצן געשפּרעך וועגן איר מאַן אין דער ווייטער דרום־שטאָט. ביידע האָבן גערעדט אין אַ טאָן פון שווערן גע־מיט, פון פריידלאָזיקייט.

אַ ווײַלע נאָר האָבן זיי אַזוי גערעדט. באַלד איז עס געוואָרן זייער שטיל. נאָר די גריל אונטערן אויוון האָט נישט אויפגעהערט איר גרילצן, און פון אַ שלאָפצימער האָט זיך געהערט דאָס שטאַרקע סאָפּען פון די שלאָפנדיקע יינגעלעך.

פּלוצלונג איז זיי קלאָר געוואָרן, אַז זיי זיינען אַליין. זיי גאַנץ אַליין מיט דער שטילקייט, וועלכע האָט געדריקט אויף זיי פון אַלע זייטן, און מיט דער גריל און דעם אָטעמען פון די שלאָפנדיקע קינדער. און — מיט זייער פרומקייט. אָבער זיי האָבן זיך ביידע פאַרלאָרן, אומרואיק געוואָרן. די היץ אין צימער איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. כאַטש נעם און רייס אויף די טיר און פענסטער און לאָז אַריין אין שטוב דעם גאַנצן פראָסט. זיי האָבן פאַרגעסן וועגן וואָס זיי האָבן גע־רעדט, איידער זיי זיינען אַנטשוויגן געוואָרן, נישט געפונען קיין ווערטער פאַר אַ נייעם געשפּרעך.

זי איז געשטאַנען פאַר דער טיר פון דעם גרעסערן צי־מער, וואָס זיי האָבן גערופן זאַל און וואָס איז געוועזן אַ דורכגאַנג צו איר שלאָפצימער, האָט זי זיך אַרויסגעשאַרט דורך דער טיר, אַרויסגעגנבעט. פאַרמאַכט זי הינטער זיך. די שלאָפצימער־טיר אפילו פאַרשלאָסן הינטער זיך. אויסגעטאָן זיך מיט גרויסער אומרואיקייט, אַריינגעקראָכן אונטער דער קאָלדרע ווי צו באַהאַלטן זיך פון עפּעס.

און ער האָט זיך דערשראָקן אויפגעהויבן פון זיין זיץ

ביים טיש. ווי געטריבן דורכגעגאַנגען דאָס עס־צימער און דורך דער קיך אין זיין צימער אריין. לאַנג און פרום געלייענט קריאַת־שמע. פאַררעדט, פאַרשריען עפּעס אין זיך. מורא גע־ האַט אויפצוהערן די קריאַת־שמע.

ביידע זיינען זיי שווער איינגעשלאָפן. —

דערנאָך זיינען געקומען אָוונטן, ווען זי האָט געבעטן די אונטערגעוואַקסענע טעכטער, זיי זאָלן בלייבן אין דער היים, נישט אוועקגיין. א פּאָר מאָל האָט זי זיי פאַרבאָטן אוועקצו־ גיין. מיידלעך דאַרפן זיך נישט אַרומשלעפּן ביי דער נאַכט! מיט דעם עלטערן זון האָט נישט געהאָלפן נישט קיין בעטן נישט קיין פאַרבאָטן. אָבער אויך מיט די אונטערגעוואַקסענע טעכטער האָט עס נישט שטענדיק געהאָלפן. און עס זיינען געווען אָוונטן, ווען זיי האָבן געמוזט שפּעט אַרבעטן. זיי זיינען געווען שניידערקעס, און דער עולם האָט חתונה. און נישט שטענדיק האָט מען געקאָנט בעטן אָדער פאַרבאָטן. די קינדער האָבן געקאָנט פרעגן: וואָס איז עס פאַר א נייעס? וואָס עפּעס פּלוצלונג זאָלן זיי נישט דאַרפן אָדער נישט טאָרן אַרויסגיין פון שטוב? זיי קאָנען נאָך חס ושלום אַנהייבן צו פאַרשטיין!...

גאַנץ אָפט אין אַזעלכע איינזאַמע אָוונטן פלעגט דער מלמד אַנטאָן זיין אָרעם, אָפּגעטראָגן פוטערל און פאַרלאָזן זיין וואַרעם, ליכטיק צימערל, מיט א קרעכץ און אַן אַנגע־ רוקטן געזיכט. אין בייסנדיקן פראָסט און פינסטערער נאַכט טאָפּטשען זיך אין טיפן שניי, אוועקראַטעווען זיך אין קאַלטן פינסטערן בית מדרש.

אָבער אַז ער פלעגט בלייבן אין דער היים, איז געלעגן איבערן הויז אומרואיקייט, און האַרצקלאַפּעניש, און א לויערנ־ דיקער שרעק. כאָטש ער איז געזעסן איינגעשפּאַרט אין זיין צימער איבער א בלאַט גמרא. —

איינמאָל אין אַזא אָוונט, ווען זי איז שוין געלעגן אין בעט, אַן אומרואיקע, נערוועזע, דערשראָקענע פאַר זיך אַליין, האָט זי זיך דערמאָנט, אַז זי האָט פאַרגעסן אויפן אויוון דעם גרויסן זונג קאַלדרע. צופעליק אויסגעגאָסן אויף איר א קענדל

וואסער, האָט זי זי אַוועקגעלייגט אויסצוטריקענען. ווען ער וועט קומען, וועט ער זוכן, אין כעס ווערן, זי אויפוועקן. איז זי אַרויס פון בעט, אַוועק צום אויוון. געגאַנגען איינגעוויקלט אין דער דיקער פינסטערניש פון די חדרים. נישט אָנגעצונדן קיין ליכט, ווייל אין ליכטיקן וואָלט זי דערזען די אומרואי־קייט און דעם לויערנדיקן שרעק.

דער מלמד האָט אויך שוין לאַנג געענדיקט זיין בלאַט גמרא, אויסגלאָשן זיין לאָמפּ און אַריין אין בעט. אָבער עס האָט אים עפּעס געטרייסלט אַ צאָן אָן אַ צאָן. האָט ער באַשלאָסן, ער וועט אַרויפקריכן אויפן הייסן אויוון.

ביים אויוון האָט די פינסטערניש זיי אָנגעשלאָגן איינס אָן אַנדערן. צוויי כמעט נאַקעטע קערפּער פון אַ מאַן און אַ פרוי. אַ שרעק, כמעט אַן אויפגעשריי. אַן אַרומטאַפּן אין שרעק און שוואַרצן חשך. דאָס אַרומטאַפּן איז געוואָרן אַן אומאַרמונג. אַן אַרויסקריכן פון אַ באַפרייטן לאַנג־איינ־געהאַלטענעם באַגער. און פאַרגעסנקייט.

נאָך דער פאַרגעסנקייט איז געקומען שרעק און פאַר־צווייפלונג. אַ טאָג שפּעטער איז דער מלמד אַוועקגעפאָרן פון שטאָט. אפשר אַוועק אָפּצוריכטן גלות. געהייסן האָט עס: אַ שלעכטער בריוו פון דער היים.

זי אָבער האָט געמוזט באַהאַלטן איר שרעק און פאַר־צווייפלונג. זי וואָלט אָפּגעוויינט גאַנצענע טעג, אָבער טרערן זיינען פאַררעטער. זי האָט נישט געטאָרט בלייך ווערן. נישט געטאָרט אַראָפּ פון געזיכט. די עלטערע קינדער זאָלן גאָר־נישט באַמערקן, זאָלן גאָרנישט פרעגן, זאָלן נישט קוקן אויף איר מיט פאַרוואונדערונג.

איז איר געזיכט געוואָרן אַ מאַסקע. ווען זי איז געוועזן אַליין, האָט זי זיך געריסן די האָר, געקלאַפּט אין קאָפּ, גע־קניפּן דעם לייב, בייז, אכזריותדיק געקניפּן זיך דעם לייב. אָבער נישט געוויינט, און אירע קינדער פלעגט זי באַגעגענען מיט דער געוויינלעכער רואיקייט.

ווען גאָט וואָלט נאָר אַזוי נישט געזען, ווי אירע קינ־דער האָבן גאָרנישט געזען! זי האָט נישט אויפגעהערט צו

רעדן צו גאָט. אין הארצן, שטיל, אָן א באַוועגונג פון די ליפּן. ער זאָל פאַרגעסן, וואָס ער האָט געזען אין דער פינס־טערניש פון דער נאַכט. ער זאָל איר מוחל זיין. ער זאָל זי נישט באַשטראָפן, זאָל עס בלייבן אין דער פינסטער. זי האָט געציילט די טעג און געלעבט אין האָפענונג.

און ווען זי האָט אָנגעציילט א געוויסע צאָל טעג, איז א שוידער דורך איבער איר לייב, און די האָר האָבן זיך איר אָנגעצונדן אויפן קאָפּ הארט ביי די וואָרצלען. טאָג איז אריי־בער נאָך טאָג, און דער שוידער איז געשטיגן. האָט זי אין די קומענדיקע טעג געפּרואווט עטלעכע מאָל אויפהויבן די שווערע קאָמאָד, כמעט אויפגעריסן זיך. און איין טאָג איז זי שיר נישט געפאַלן אין חלשות פון אַרויפקריכן און אַראָפּשפּרינגען פון א שטול, און אפילו פון טיש.

אין יענעם טאָג האָבן די קינדער באַמערקט, אז זי זעט שלעכט אויס. שטארק אראָפּ פון געזיכט. וואָס איז מיט איר?

אָבער דאָס איז געווען קורץ פאַר פּסח. האָט זי געהאַט א גוטן תירוץ, ערב פּסח. זי האָט א סך צו טאָן.

די קינדער האָבן זיך בלויז געוואונדערט, וואָס אַרבעט זי דעם ערב פּסח שווערער ווי אַלע ערב פּסח. און די ייִנגערע טאָכטער האָט אומפאַרזיכטיק אַרויסגערעדט:

„דער טאַטע וועט דאָך נישט קומען!"

דאָס זיינען געווען רעטונגסווערטער פאַר איר. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן זיי. איצטער האָט זי געקאָנט אויפשרייען, אַרויסיאָמערן. זי איז געוואָרן היסטעריש, געוויינט לאַנג און ביטער. א געוויין פון אַן אומבאַגרייפלעכן אומגליק. די קינ־דער האָבן געמיינט, אז זיי האָבן אָנגערירט דער מאַמעס וואונד און האָבן מיטגעוויינט. געהאָלפן דער מאַמען אַרויס־צוּוויינען די בענקעניש נאָכן טאַטן.

פון דעם טאָג אָן האָבן זיי זי געזען אָפט מיט פאַר־וויינטע אויגן, אָבער האָבן קיין קשיות נישט געפרעגט. קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. מורא געהאַט ווידער אָנצורירן די וואונד.

און ווען זי האָט אָנגעציילט זעקס חדשים, איז עס

געוועזן דער חדש אב, מיטזומער און זייער הייס, און זי איז געגאַנגען באָדן זיך.

יונג איז דער טייך ביי דער צפון־שטאָט. נאָך נישט ווייט פון זיין אָנהויב, אָבער שוין ברייט און טיף און זייער געפערלעך, דער עיקר, ווייל ער האָט קעסלגריבער, טיפע אָפּגרונטן, וועלכע פאַרשלינגען די מענטשן, וועלכע פאַלן אין זיי אריין. אַ סך אַזעלכע קעסלגריבער, הויפּטזעכלעך ביים פּלאַץ, וואו מען באָדט פערד, און וואו עס באָדן זיך גוטע שווימער.

איז זי אַוועק באָדן זיך אין דעם פּלאַץ, וואו עס באָדן זיך גוטע שווימער, ווייל זי איז געוועזן גאָר אַ גוטע שווימערין.

זי איז אריין אין וואַסער מיט לאַנגזאַמע שריט. די אָרעמס צוגעדריקט צום לייב, האַנט אַרויפגעלייגט אויף האַנט, ווי זי וואָלט איר נאַקעטן בויך פאַרשטעלט. געגאַנגען און צוגעהערט זיך צו דעם, וואָס אונטער אירע פיס. געזוכט מיט אירע פיס, אָבער איר גאַנץ וועזן איז געוועזן ביי איר מאַן אין וויטן דרום. זי האָט שווער געאָטעמט, און טרערן האָבן פאַרבלענדט אירע אויגן, געקייקלט זיך אַראָפּ די באַקן, געפאַלן ווי רעגנטראָפּן אין טייך אריין. און איר גאַנץ וועזן האָט גערעדט, געשריען:

„איך גיי זיך באָדן, מיין מאַן...”

אַ טראָט — און זי האָט דערפילט, אַז דער גרונט איז פאַרשוואונדן פון אונטער איר פוס. עס האָט איר אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן. זי האָט שיר נישט אַ כאַפּ געטאָן זיך אויף צוריק. שיר נישט אַוועקגעריסן די הענט פון בויך און אויסגעשפּרייט זיי צום שווימען. זי האָט דאָך נאָך געוואָלט דערדערן צו איר מאַן, אָנזאָגן אים וועגן די וואַסערן, וועלכע וועלן אַריבער איבער איר נאַקעטן קערפּער און דערטראָגן זיך צו אים. אָבער זי האָט שטאַרקער צוגעדריקט די אָרעמס צום לייב, צוגעמאַכט די אויגן, געמאַכט נאָך אַ טריט און איז פאַרשוואונדן. זי איז געפאַלן אַראָפּ, ווי זי וואָלט זיך געצויגן אַראָפּ מיט כוח. ווי אין איר בויך וואָלט געלעגן אַ שווערער שטיין...

1925.

זי איז געווען העסלעך

.1

זי איז געווען העסלעך, אומברחמנותדיק העסלעך.

א פּאָקנגעזיכט, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן ארבעס־זיפּ. א ברייטער, פלאַטשיקער נאָז, וועלכער איז ארויפגעזעצט געוואָרן אויף איר פּנים מיט אזא קראַפט, אַז ער איז איינגעזונקען מיט זיין קנאָכן טיף צווישן אירע אויגן און איבערגעלאָזן אויבן צווישן די באַקן א ברייט שטיק פלייש און צוויי לאַנגע ברייטע נאָזלעכער. דער קאַטאַסטראָפאַלער צוזאַמענשטויס פון דעם נאָז מיטן געזיכט האָט מסתמא אויך צורטרייסלט די ציינער אין איר מויל. זיי זיינען איר אויסגעוואַקסן אין מגושמדיקער אומאָרדענונג, קריכנדיק איינע איבער די אַנדערע, שטופּנדיק איינע די אַנדערע, פאַרלויפנדיק איינע די אַנדערע דעם וועג.

אָבער איר קערפּער איז געווען שיין, שלאַנק און גראַציעז, מוסקולדיק און בויגזאַם, איבערגעצויגן מיט א פּראַכטפול ווייסער הויט, וועלכע וואָלט אַזוי תאווהדיק געגלעט געוואָרן פון א מאַנס האַנט. באַצירט מיט צוויי שטייפע בריסטלעך — ווייסע טויבן בריסטלעך, און באַטורמט מיט א האַלז, וואָס איז געווען ווי פון אַלאַבאַסטער — אויף דיכטערלשון.

.2

פון הינטן געזען, זיינען איר מענער נאָכגעלאָפן. מיט באַוואונדערונג, מיט התפעלותדיקער דערוואַרטונג, גרייט הנאה

צו האָבן פון דעם געזיכט, וואָס די אויגן וועלן דערזען. ביים אָניאָגן זי, האָבן זיי אויפגעשווידערט. אַ צי געטאָן זיך פון איר, ווי זיי וואָלטן אָפּגעשטופּט געוואָרן. פּיס האָבן זיך אונ־טערגעבראָכן, אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט עקל, אויף די ליפּן האָט זיך געבעטן אַ קללה.

זי האָט געהערט די אייליקע באַוואונדערנדיקע מענער־טריט הינטער זיך און געזען די גרויזאַמע אנטוישונג ביים אָניאָגן זי. אין אָנהויב האָט עס זי געטריבן צו פאַרצווייפלונג, שיִר נישט צו זעלבסטמאָרד, באַלד האָט זי אָנגעהויבן צו פאַרשנעלערן אירע טריט, אום נישט אָנגעיאָגט צו ווערן. איר גאַנג אין די גאַסן איז געוואָרן אַן אַנטלויפן און אַ גע־יעג. דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן צו באַהאַלטן איר געזיכט, שפּעטער האָט זי צוגעגעבן צו איר העסלעכקייט אַ בייזן גיפ־טיקן בליק, וועלכער האָט פאַרגרעסערט די שרעק פון דעם אָניאָגער.

נאָך שפּעטער האָט זי געוואָלט ווערן גלייכגילטיק, אָבער דאָס איז איר נישט געלונגען. איר שיינער געזונטער קערפּער האָט געבענקט נאָך פרייד — נאָך דער פרייד פון ליבע, פון אומאַרמונג, פון מענער־לאַסקע. ביי דער נאַכט אויף איר געלעגער פלעגט זי זיך ציען און ווינדן און קרימען, מיט קלאַפּנדיקע פולסן און ברענענדיקע אויגן. האָט זי געוואָלט די נאָכלויפנדיקע טריט, געוואַרט אויף זיי, צוגעהערט זיך צו זיי.

ביז ענדלעך האָט זי געהאַט פאַר דעם אָניאָגער אַ שמייכל אויף אירע ליפּן. אפשר וועט דער שמייכל פאַר־שטעלן איר העסלעכקייט, אָפּשוואַכן די שרעק, דערהאַלטן אין דעם אָניאָגער עפּעס פון זיין פריערדיקער באַוואונדערנ־דיקער נייגיריקייט. דער שמייכל האָט געדאַרפט הייסן, אַז זי לאַכט איבער זיין אַנטוישונג און לאַדט אים איין מיט־צולאַכן.

.3

ווען זי וואָלט געווען רייך, וואָלט זי זיך מסתמא גע־קויפט א מאַן. עס איז נישטאָ קיין מיאוסקייט, אָן וועלכער מען זאָל זיך נישט אָנכאַפּן, אויב זי איז נאָר איבערגעדעקט מיט גאָלד.

אָבער זי איז געווען אַן אָרעמע לוינשקלאַפּין, וועלבע האָט אָפּט אָפּגעשפּאָרט פון מויל און אויסגעגעבן אויף קליי־דער, ווייל דער שיינער קערפּער האָט עס געפאָדערט. נאָר אין וואָכן פון ארבעטסלאָזיקייט פלעגט זי טראַכטן, אַז ווען זי וואָלט געהאַט ארבעט, וואָלט זי אָנגעהויבן צו קלייבן אויף נדן...

אָדער ווען די מורא פאַר זינד וואָלט זי נישט ארומגע־נומען ווי מיט שטעכיקן דראָט, דעמאָלט וואָלט זי געווים גע־קריגן א בעלן אויף זיך. א צייטווייליקן בעלן, וועלכער וואָלט אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט פאַרגעסן איר העס־לעכקייט און געדענקט נאָר די צאַרטקייט און הערלעכקייט פון איר יונגן קערפּער. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי זי וואָלט דאָס דערגרייכט. זי וואָלט זיך פאַרדעקט דאָס געזיכט, וואָלט ארוים ביי דער נאַכט אין גאַס... אָבער זי האָט זיך פאַרשעמט פאַר אירע געדאַנקען, אויסגעשפּיים... איר האַרץ האָט איר געקלאַפּט. אָ, ניין, זי וועט עס קיינמאָל נישט טאָן!

האָט זי געוואוינט אין א הויז אויף דער מערב־זייט פון דער דריטער עוועניו, איין שטאָק איבער דעם עלעוויי־טער. אין גערויש פון אָן און אויפהער לויפנדיקע צוגן, טראַמוואַיס, אויטאָמאָבילס, וואָגנס אויף האַרטן שטיינער־ברוק, דורכגע־מישט מיט מענטשלעכע קולות. איבער דעם דאָזיקן גערויש האָט זי אין איר צימער, וואָס איז ארוים צו דער גאַס, נישט געהערט איר אייגענעם קול, אָבער אויך נישט — די איי־גענע געדאַנקען, און אויך נישט די אייגענע בענקעניש נאָך פרייד, דעם אייגענעם רוף צום לעבן.

.4

איז געווען אַ נאַכט אין פרילינג, ווען דער געשריי נאָך פרייד האָט אריבערגעשריען אין איר דעם טומעל פון באַן און גאַס, אַ שלאָפלאָזע אויסמאַטערנדיקע נאַכט. איר קערפּער איז איר געווען אַזוי זיס און אַזוי שווער. זי האָט אים געגלעט און געלאַסטשעט און — געוואָלט פּטור ווערן פון אים, באַפרייען זיך פון אים. אַ גאַנצע נאַכט אַזוי. געדרייט, גע־קרימט זיך, נישט געפונען זיך קיין אָרט, נישט געהאַט קיין רו.

אין דער פרי איז זי נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט. קיין כוח נישט געהאַט, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: זאָל זיין!

זי איז געזעסן אין איין העמדביים פענסטער, געקוקט אויף די לויפנדיקע צוגן, געדראַנקענלאָז, מיד, פאַרשלאָפן. די צוגן זיינען געווען געפּאַקט מיט מענטשן, וועלכע האָבן גע־איילט צו זייערע באַשעפטיקונגען. פּנימער האָבן זיך גע־טראָגן פאַרביי איר, אומצייליקע פּנימער פון מענער און פרויען, און זי איז געווען פאַראינטערעסירט. זי האָט גאָר־נישט געקלערט, נאָר געקוקט, און איז מיט עפּעס אויסגעפילט געוואָרן. ווי גוט, ווען זי וואָלט געקאָנט אַזוי אָפּזיצן איר גאַנץ לעבן!

אַ יונגער מענטש אויף דער פּלאַטפאָרם פון אַ פאַרביי־לויפנדיקן צוג האָט באַמערקט די כמעט נאַקעטע פרויען־געשטאַלט ביים פענסטער און אויפגעצוקט. ער האָט איר העסלעכקייט נישט געזען, אַ שמייכל געטאָן צו איר, עפּעס צוגעשריען און צוגעוואָרפן אַ קוש.

אַ סעקונדע בלויז.

דער צוג האָט אים שנעל אַוועקגעטראָגן ווייטער, אָבער אין דער לופט הינטער אים זיינען געבליבן הענגען אַ שמייכל, אַ צורוף און אַ קוש. זי האָט זיי געזען פאַר זיך, זיי האָבן זיך געהוידעט אין דער לופט אונטן איבער דער אייזערנער

פֿאַרענטשע פֿון דער הויבבאַן אויפֿן וועג צו איר פֿענסטער. אַ שמייכל און אַ וואָרט און אַ קוש.

זי האָט האַרט צוגעדריקט דעם קאָפּ צו דער שויב, דער־נאָך אויפֿגעהויבן דאָס פֿענסטער, אַרויסגערוקט דעם קאָפּ און נאָכגעקוקט דעם פֿאַרשווינדנדיקן צוג. ווען זי האָט אים מער נישט געקאָנט זען, האָט זי אומגעקערט איר בליק צום אָרט, וואו עס זיינען געבליבן הענגען אין דער לופֿט דער שמייכל און דאָס וואָרט און דער קוש. אַ מילדער שמייכל האָט אַרויפֿ־געשוועבט אויף אירע ליפּן. די מידע נשמה אין דעם מידן קערפּער האָט הנאה געהאַט.

אַ צוג איז אָנגעלאָפֿן. זי האָט געקוקט אויף די פּנימער און געזוכט אַ בליק. אפֿשר ווידער אַ שמייכל, און אַ וואָרט, און אַ קוש... זי האָט אַראָפּגעלאָזן דאָס פֿענסטער. הינטער די שויבן וועט מען זען איר נאַקעטקייט, אָבער נישט איר העס־לעכקייט...

.5

איר איז וואָס איינגעפֿאַלן. אַ הייסע בלוטכוואַליע האָט זיך צוגאָסן איבער איר קערפּער. אירע אויגן האָבן געברענט. אַ ווײַלע נאָר איבערגעלייגט און — אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דאָס העמד. געבליבן מוטער־נאַקעט.

אַ צוג פֿון פֿינף וואַגאָנען איז אָנגעלאָפֿן, פֿאַרבייגעלאָפֿן, אָנגעפּאַקט מיט מענטשן אינעווייניק און דרויסן אויף די פּלאַטפֿאָרמען. מען האָט באַמערקט אַ נאַקעטן פֿרויענקערפּער האַרט ביים פֿענסטער. אין דעם ערשטן וואַגאָן, אין דעם צווייטן וואַגאָן, אין דעם דריטן, דעם פֿערטן, דעם פֿינפֿטן... אַ דורכצוקונג דורך אַלע מענערקערפּער. אַן אויפֿ־געשריי, אַן אויפֿאָטעמען, אַ דרייעניש מיט די קעפּ, אַן אַרויסבויגעניש פֿון די פֿענסטער, אַן אַריבערבויגעניש איבער די טירלעך פֿון די פּלאַטפֿאָרמען, אַ קריכעניש איינער איבער דעם אַנדערן אין דעם ערשטן וואַגאָן, אין דעם צווייטן, דעם דריטן, דעם פֿערטן, דעם פֿינפֿטן... איינהאַלטן דעם צוג...

אָפּשטעלן אים... שטופּן אים צוריק... אַ באַדויערן, וואָס דער צוג גייט אַזוי שנעל... אין ערשטן וואַגאָן האָט מען באַדויערט, וואָס מען איז נישט גלייכצייטיק אין צווייטן, אין צווייטן האָט מען באַדויערט, וואָס מען איז נישט גלייכצייטיק אין דריטן און אַזוי ווייטער.

אויף דער הינטערשטער פּלאַטפאָרם פון דעם פינפטן וואַגאָן איז געווען אַ געדראַנג, אַ שטופּעניש, וועלכע האָט זיך שיר נישט געענדיקט מיט אַ קאַטאַסטראָפע.

מען האָט זי שוין לאַנג נישט געקאָנט זען, אָבער די אויגן זיינען געווען ווי צוגעהעפט צו דעם פּלאַץ פון דעם פענסטער. באַלד איז אויך דאָס פינפשטאָקיקע הויז פאַרשוואונדן אין דעם געמיש פון די הייזער. אָבער מען האָט נישט אויפגעהערט אַרויסצובויגן זיך, אויסצולינקען זיך די קעפּ, אויסצוקוקן זיך די אויגן...

.6

זי האָט געזען די באַוועגונג, וועלכע זי האָט אַרויסגערופן, די אַרויסבויגעניש און אַריבערבויגעניש, געפילט דעם געשריי און די אויפצוקונג, אויפגעכאַפּט די אומצייליקע בליקן, און איז געשטאַנען ווי צוגעקלעפּט, דערביי געציטערט אין אַלע אברים.

ווען דער צוג איז פאַרשוואונדן, האָט זי זיך קוים געקאָנט אָפּרייסן פון פענסטער. אַ מידע אַריינגעוואָרפן זיך אין בעט, מידער נאָך ווי פריער, אָבער מיט דעם מערקווירדיקן געפיל פון באַפרידיקונג, דערפילונג.

מענער, אַ סך מענער, אין וואַגאָן נאָך וואַגאָן, האָבן געוואָרפן אויף איר הונגעריקע, גיריקע בליקן, געשטופּט און געריסן זיך צו כאַפּן אויף איר אַ קוק. זיי האָבן אַוועקגעפירט איר נאַקעטן קערפּער מיט זיך. זיי וועלן אים אַרומטראָגן מיט זיך דעם גאַנצן טאָג. ווען זיי וועלן פאָרן פאַרנאַכט אַהיים, וועלן זיי זי זוכן אין די פענסטער. און מאָרגן אין דער פרי וועלן זיי זי ווידער זוכן, וועלן זי דערוואַרטן, וועלן זיך פילן

אנטוישט, ווען זיי וועלן זי נישט זען, וועלן דערציילן און רעדן, וועלן דערציילן זי ווי א וואונדער. זי וועט ווערן א לעגענדע.

אָבער אויך איר קערפּער וועט געדענקען. וועט געדענקען די אומציייליקע בליקן, דעם נייגער אין זיי, און דעם הונגער אין זיי.

איר קערפּער האָט זיך אָנגעגאָסן מיט פרייד.

זי קאָן לאַכן, לאַכן.

אָבער זי האָט באהאַלטן דעם קאָפּ אין קישן און ביטער געוויינט.

1931.

די שווארצע קאץ

עס רעגנט שוין צוויי טעג. א שטילער, פאמעלעכדיקער רעגן, אָבער אָן אן אויפהער. אָפטמאָל שטאַרקט ער זיך. ער הויבט אָן צו קלאַפּן איבער מיין דאַך מיט גרויסן כעס און שנעלקייט. דאַן דוכט זיך, ער וועט יעצט נעמען אַ סוף. יעצט וועלן זיך די גרויסע גערעכטע וואָלקנס אויסליידיקן, און דער רעגן וועט אויפהערן. אָבער דער גרויסער כעס לייגט זיך, אויף מיין דאַך ווערט שטילער און שטילער, דאָך דער רעגן גייט און גייט, שטיל און פאמעלעך. אָפטמאָל אַזוי שטיל, אַז עס דוכט זיך, ער האָט אויפגעהערט. דעמאָלט קוק איך אַרויס אין פענסטער, מיט אַ קליינעם שטראַל פון האָפענונג, אַז איך וועל דערזען אַ קלערערן הימל. אָבער אָן די אָפּטע, נישט־אויפהערנדיקע רעדעלעך אויפן טראָטואַר פאַר מיין הויז, דערקען איך דעם אייביקן רעגן. דעם גײַביקן...

איך לאָז אַראָפּ די פאַרהאַנגען און צינד אָן די עלעקטרי. זאָל זיין נאַכט. און איך וועל זיך אַוועקזעצן אויף מיין גרויסן שטול ביי מיין שרייבטיש און נאָכגיין נאָך מיינע געדאַנקען און טראַכטן און טראַכטן פון — — —

פון מיין גליק — אָדער מיין אומגליק?

דאָס איז אַזוי פלוצלונג איבער מיר געקומען און איך ווייס נישט, ווי איך זאָל עס נעמען. אייערנעכטן האָט עס גע־יובלט אין מיר, אָבער היינט איז מיר מיין האַרץ אַזוי שווער, אַזוי שווער... איך ווייס, דאָס לאָזט אויף מיר אָן דער איי־ביקער רעגן, דאָס ווייַנענדיקע און יאָמערנדיקע גרויע, שוואַרץ־גרויע דרויסן. אָבער דאָך בין איך אַזוי אומרואיק. פון אינע־

ווייניק ארויס, טיף פון הארצן און דער נשמה קומט עס איבער מיר. און מיר דאכט, אז איך דארף אומרואיק זיין, און איך באגרייף נישט, ווי אזוי האב איך אייערנעכטן גע־קאנט אזוי פריילעך זיין — און מיך פארדריסט, וואס איך קאן נישט מער אזוי פריילעך זיין.

גאנץ פלוצלונג. גאנץ פלוצלונג...

זאל עס זיין בלויז מיט צען טעג צוריק?

בלויז מיט צען טעג צוריק.

ז י האט מיר געבראכט א מאנוסקריפט, איך זאל עס איבערלייענען און זאגן איר מיין מיינונג.

יונג — אפשר צוואנציק און אפשר גאר אכצן.

און שיין. — שיין? — יא, אפילו זייער שיין. ווי איך האב איר נאר אויפגעמאכט די טיר און דערזען זי, איז מיר עפעס גאנץ מאדנע געווארן ביים הארצן.

די אויגן! די טיפע שווארצע אויגן אונטער די גרויסע שווארצע ברעמען! זיי האבן מיך גלייך דורכגעדרונגען. איך האב זיך פון זיי נישט געקאנט אפרייסן. און נאר אזוי זיך, אין האלב־באוואוסטזיין, האב איך געהאט אן אנונג, אז די אויגן זיצן אין א לענגלעכן, שווארצחנעוודיקן, זייער יונגן געזיכט, און אז איבער א נידעריקן, צירלעכן שטערן שטיפן עטלעכע שווארצע לעקלעך, און אז די גאנצע געשטאלט איז זייער שלאנק און בויגיק, כמעט יינגליש.

און איר שטימע! ווי אירע אויגן. טיף און פון א טונקעלן קלאנג, און אזוי ווארים. שוין ווען זי האט געפרעגט, צי וואוינט דא נישט הער זא־און־זא און צי בין איך עס נישט אליין? — מיינע אויגן און מיינע אויערן זיינען געווארן אזוי פול פון איר, אז איך האב כמעט פארגעסן, אז איך דארף זי נישט האלטן אין דער טיר, אז איך דארף זי בעטן ארייננצו־קומען.

זי האט עס אליין געטאן. איז אריין אין מיין צימער, ביז ווייט אין מיטן און איך האב לאנגזאם צוגעמאכט די טיר, נישט אפווענדנדיק פון איר די אויגן, און געבליבן שטיין ווי היפנאטיזירט, און נישט געוואוסט, צי דארף איך עפעס

פרעגן צי וואַרטן, ביז זי אַליין וועט מיר זאָגן, ווער זי איז און וואָס זי וויל פון מיר.

זי האָט אויפגעלאַכט. טיף און וואַרים און קלאַנגפול. פאַרוואָס בעט איך זי נישט זיצן?

אָך, יאָ. אַנטשולדיקט. און איך, דער פאָטער פון אַ טאָכ־טער באַלד אין אירע יאָרן, בין דאַכט זיך רויט געוואָרן פון פאַרלעגנהייט. איך האָב זיך אַ וואָרף געטאָן אונטערצוטראָגן איר אַ שטול, אָבער זי האָט זיך שוין אַליין אויסגעקליבן איינ־נעם און אַוועקגעזעצט.

זי רעדט אויך ווייטער, ווערליק איך האָב זיך אַוועק־געזעצט אויף מיין גרויסן שטול ביי מיין שרייב־טיש און גע־קוקט, געקוקט אויף איר, און מיינע אויערן האָבן דורשטיק און פאַרוואונדערט געזויגן אין זיך דעם קלאַנג פון איר שטימע.

זי זאָגט מיר, זי האָט זיך מיך פאָרגעשטעלט פונקט ווי איך בין. זי האָט געלייענט אַלץ, וואָס איך האָב געשריבן, זי קען זייער גוט אַלע מיינע שריפטן, און אויסגעמאַכט זיך אַ בילד פון מיר. און דאָס בילד איז ריכטיק. נאָר האָט זי נישט געדענקט, אַז איך האָב אַזויפיל גרויע האָר. אָבער דאָס מאַכט נישט אויס. איך בין דאָך יונג. דאָס ווייס זי גאַנץ באַשטימט. נאָר זי האָט נישט קיין באַגריף פון מיין שטימע. דאָס גיט זי מיר אָן אַנצוהערעניש, אַז איך האָב נאָך גאָר־נישט גערעדט, און זי לאַכט.

איך לאַך מיט, אין געפין נישט וואָס צו זאָגן. איך האָב דאָס געפיל, אַז איך דאַרף זאָגן עפּעס באַדייטנדעס, אַז דאָס יונגע מיידלשע וועזן מיט דער שיינער ייִנגלישער פיגור, וואָס קען אַלע מיינע שריפטן און האָט אַ פולשטענדיק בילד פון מיר, וואַרט יעצט פון מיין מויל זאָלן אַרויסקומען באַדייטונגספולע און קלאַנגפולע ווערטער. און איך וויל נישט זיין אומבאַדייטנד. איך וויל נישט אַרויסרעדן פּשוטע, גע־וויינטלעכע, בשר ודמישע ווערטער. שמייכל איך און שווייג און וואַרט, זי זאָל ווייטער רעדן.

זי קוקט זיך אַרום אין צימער, שטעלט אַ מאָמענט אָפּ אירע בליקן אויף די בילדער, וועלכע הענגען אויף די ווענט

פון מיין צימער. און באַלד טראָגט זי זיי ווידער אַריבער אויף מיר: שאַרפע, טיפע בליקן, מיט אַ גרויסער פראַגע אין זיי. און אָט העלט דאָרטן אויף אַ פיינער איראָניע־שמייכל.

ווייל איך פרעג נישט, זאָגט זי מיט איר טיפער שטימע, מוז זי מיר שוין אליין זאָגן. פאַרוואָס קומט מען צו אַ באַרימטן שריפטשטעלער? נאַטירלעך, זי האָט שוין לאַנג געוואָלט מיך קענען, אָבער דאָך גלאָט אַזוי זיך, וואָלט זי נישט געוואָגט צו קומען. איצט אָבער איז זי געקומען ווי צו אַ דאָקטאָר אָדער אַן אַדוואָקאַט, פּראָפעסיאָנעל, נאָך אַ מיינונג, נאָך אַן עצה. זי האָט עפּעס אויפגעשריבן און וויל האָבן די קריטיק פון אַן אויטאָריטעט. וויל איך זיך מטריח זיין?

איך ענטפער העפלעך, העפלעך: געוויס, מיטן גרעסטן פאַרגעניגען.

זי לאַכט. אָ, זי גלויבט נישט, אַז איר געשרייב וועט מיר מאַכן פאַרגעניגן. שוין די האַנטשריפט אַליין — עט־וואָס אוממעגלעכס. זאָל זי מיר פּיליכט איבערלייענען?

איך וואָלט געוואָלט הערן דעם קלאַנג פון איר שטימע. אָבער דאַן וועט זי קוקן די גאַנצע צייט אין דעם מאַנוס־קריפּט און איך וועל אירע אויגן נישט זען.

און זי גיט צו: „איך לייען אָבער שלעכט. מיין פאַר־לייענען איז נאָך ערגער ווי מיין שריפט." און זי לאַכט: זי וויל אויך גאָרנישט פאַרלייענען. לייענט זי איצט פאַר, וועל איך גלייך אַרויסקומען מיט מיין מיינונג, און זי וועט מוזן אויפשטיין און זאָגן „אַ גוטן טאָג" און מער נישט קומען. זי וועט בעסער איבערלאָזן דעם מאַנוסקריפּט, און דאַן וועט זי קומען — זי וויל דווקא קומען און הערן דעם ענטפער, זי וויל אים נישט שריפטלעך. זי וועט געוויס האָבן אַ סך פראַגן צו שטעלן, וועט זי ליבער קו־מען — און איך וועל נאַטירלעך נישט האָבן איבערגע־לייענט, וועט זי מוזן קומען נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל...

זי ליינט־אַרויף אַ קליינעם מאַנוסקריפּט אויף מיין טיש

און איך דערזע צום ערשטן מאָל איר האַנט. אַ קליין, שמאָל הענטל, אַ ווייסע צאַרטע הויט, דורך וועלכער עס זעען זיך אַרויס די קנאָכן־ליניעס, — פיינע, ליבע קנאָכן־ליניעס.

איך נעם דעם מאַנוסקריפּט, באַקוק דאָס טיטלבלאַט, קוק אַריין אין אָנהויב, קוק אַריין אינמיטן, און פיל אירע טיפע שוואַרצע אויגן אויף מיר. און הויב איך אויף מיינע אויגן, טרעף איך זיך מיט אירע בליקן און מיט דער גרויסער פראַגע אין זיי און מיט דער לייכטער איראָניע.

— — — — — — — —

עמיץ האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין מיין פענסטער. איצט האָט עס אויך אָפּגעמויאַוקעט. איך ווייס, אַז אַ קאַץ האָט זיך עס פאַרקליבן אויפן געזימס פון מיין פענסטער, כדי צו באַהאַלטן זיך פון דעם נישט אויפהערנדיקן רעגן. איך ווייס עס באַשטימט און דאָך שטיי איך אויף פון מיין שטול און גיי אַ קוק טאָן. דאָס איז אַ ביסל צושטרייאונג אין מיינע געדאַנקען. און גלאַט אַ ביסל באַוועגונג. מיינע פיס זענען מיר ווי אייז. —

איך הייב אויף דעם פאָרהאַנג און שוידער אויף, דערשרעק זיך. אַ גרויסע שוואַרצע קאַץ קוקט אַרויף צו מיר פון דער שוואַרצקייט פונם דרויסן מיט אירע פאַספאָרירנדיקע, ברענענדיקע אויגן. איך האָס אַ שוואַרצע קאַץ. איך בין נישט אָבערגלויבעריש, אָבער דאָך ליגט אין מיין זכרון און אין מיינע נערוון אַלץ, וואָס דער אָבערגלויבן האָט באַשאַפן וועגן אַ שוואַרצער קאַץ. איך קלאַפּ אָן אין פענסטער, זי זאָל אַוועק. אָבער זי מאַכט זיך נישט אויס פון מיין קלאַפּן. זי דרייט זיך אום, זוכט אויס אַ באַקוועמען פלאַץ און לייגט זיך אַוועק. איך בין אין באַגריף אויפצורעפענען דאָס פענסטער און אַראָפּוואַרפן זי אין גאַס אַריין. אָבער איך וויל זיך אָן איר נישט אָנרירן. און איך האָב אויך רחמנות. דרויסן רעגנט עס, רעגנט עס. זאָל זי ליגן און רוען אין טרוקענעם פלאַץ. וועמען אַרט עס.

איך לאָז אראָפּ דעם פאָרהאַנג און קער זיך אום צו מיין שרייב־טיש.

— — — — — — — — —

נאָר א ביסל באַרואיקן זיך וועגן דער שוואַרצער קאַץ אינדרויסן, און איך וועל ווייטער נאָכגיין נאָך מיינע געדאַנקען. —

אלזאָ — פון מיין גליק און מיין אומגליק. — האָב איך נישט פריער געטראַכט: אָ ד ע ר מיין אומגליק? — —

איך האָב איר געזאָגט: גוט. זי קאָן מיר לאָזן דעם מאַנוסקריפּט. איך וועל אים איבערלייענען, אויפמערקזאַם איבערלייענען און זאָגן איר די מיינונג.

דעם גאַנצן אמת?

געוויס.

ווען דאַרף זי קומען נאָך דעם ענטפער?

איך זאָג איר: אין עטלעכע טעג אַרום.

פאַרוואָס אין עטלעכע טעג אַרום? פאַרוואָס נישט מאָרגן? זי וועט קומען מאָרגן. דאָס ווערקל איז א קליינס, מען קאָן עס איבערלייענען אין ווייניקער ווי א האַלבע שעה.

גיב איך איר נאָך. גוט, זאָל זי קומען מאָרגן. —

מיין פרוי איז אַריינגעקומען אין צימער. איך שטעל זיי פאָר. מיין פרוי איז פריינטלעך און שמייכלט, אָבער זי איז אָנגערוקט און טרוקן און האַרט.

זי שטייט אויף פון אָרט. איצט וועט זי גיין.

מיין פרוי לאַכט: „פאַרטרייב איך אייך?"

זי ענטפערט ווי אָן א זייט: ניין. נאָר זי איז שוין געגנוג געזעסן.

און אין דער טיר זאָגט זי באַליידיקנד: „דעם מאַנוסקריפּט וועט איר דאָך לייענען אַליין?"

א מאָמענט פיל איך ווי אוועקצוגעבן איר דעם מאַנוסקריפּט, נקמה צו נעמען אָן איר פאַר מיין ווייב.

אָבער זי האָט צוגעמאַכט די טיר און איז אַוועק, נישט אָפּוואַרטנדיק אויף קיין ענטפער. אפשר האָט זי באַמערקט

דאָס אומאָנגענעמע פייערל, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן אין מיינע אויגן.

„וואָס איז דאָס פאַר אַ פרעמדע קאַץ?" פרעגט מיך מיין פרוי.

איך צולאַך זיך. — — —

זי איז אויף מאָרגן נישט געקומען. און אויך נישט אויף איבערמאָרגן. אָבער איך האָב יעדע טעג געדענקט, אַז זי איז נישט געקומען. איך האָב נישט געוואָלט פון דעם טראַכטן, אָבער דאָס איז געלעגן אין מיר, האָט מיך אומרואיק געמאַכט. אַז זי האָט פאַרשפּראָכן צו קומען, דאַרף זי האַלטן וואָרט.

איך האָב איר מאַנוסקריפּט איבערגעלייענט. אַ זייער שלעכטע דערציילונג. עס זאָל געשילדערט ווערן די בענקעניש פון אַן איינזאַמער נאָך אַן אומבאַקאַנטן. אָבער די ווערטער זיינען געווען שוואַך און די פאַרבן בלאַס. און איך ווער נישט פריי פון דעם געדאַנק, אַז אפשר האָט זי זיי אָנגעשריבן, אום אַן אויסרייד צו האָבן צו מיר צו קומען: „די פרעמדע קאַץ!"

אויפן דריטן טאָג איז זי געקומען. אין מיר לאַכט זי צו מיר מיט איר טיפן, קורצן לאַכן:

„געוואָרט?"

איך כאַפּ און דערצייל דיר, דו קאַץ!

איך לאָז זי אַריין אין צימער. זי טרעט אַריין ביז אינ־מיטן, קוקט זיך אַרום, קוקט אַהין, פון וואַנען מיין פרוי איז אייערנעכטן אַריינגעקומען, ווענדט איר טיפן בליק אויף מיר, נעמענדיק זיך אַ שטול, און רעדט אַרויס מיט איר טיפער, ווי מיט סאַמעט־באַצויגענער שטימע: „האָט איר איבערגעלייענט מיין מאַנוסקריפּט?"

איך וויל איר זאָגן דעם אמת, אָבער איך דערפיל, אַז איך קאָן זי נישט אַוועקשיקן פון מיר אויף שטענדיק, אַז איך וויל, זי זאָל נאָכאַמאָל קומען צו מיר, און איך ענטפער: „גע־לייענט, אָבער נישט איבערגעלייענט. איר וועט מיר מוזן אַנט־שולדיקן."

„וואו זייט איר שטיין געבליבן?"

יאָ, וואו זאָגט מען איר, בין איך שטיין געבליבן?

„איר האָט נאָך אפשר נישט אָנגעהויבן צו לייענען?״ פרעגט זי, ווען איך ענטפער איר נישט גלייך.

איך פאַרזיכער איר, אַז איך האָב יאָ געלייענט, הייב איר אָן צו דערציילן דעם אינהאַלט און פאַרראַט זיך מיט קענטשאַפט פון דעם סוף.

„האָט איר דאָך אינגאַנצן שוין איבערגעלייענט!״ לאַכט זי.

איך פאַרענטפער: יאָ, אויבערפלעכלעך, מער דורכגעבלע־טערט.

און זי זאָגט מיט איר טיפער, טיפער שטימע:

„אָ, אַזוי טיף איז מיין ווערקל נישט, אַז איר זאָלט עס דאַרפן לייענען צוויי מאָל. איך קאָנט מיר זאָגן אייער מיינונג. איך וועל נישט וויינען, ווען מיין ווערקל טויג נישט. איך ווייס אַליין, אַז עס איז נישט פיל ווערט. און ווען מיין נאָכאַמאָל קומען צו אייך, דאַרפט איר זיך נישט זאָרגן. איך האָב גע־בראַכט נאָך אַ מאַנוסקריפּט, אויפגעשריבן פאַר די צוויי טעג.״

— — — — — — — — —

גאָט, וואָס איז עס?! פוי, ווי איך האָב זיך דערשראָקן! די שווארצע קאַץ איז אריינגעשפּרונגען אין צימער.

איך קוק זי אָן מיט שרעק. און נאָר ביסלעכווייז קומט אין מיר אויף די פאַרוואונדערונג: ווי אַזוי איז זי אריינגע־שפּרונגען? דאָס פענסטער איז דאָך צוגעמאַכט!

איך גיי צו צום פענסטער. די קאַץ דריקט זיך צו דער וואַנט אונטן ביים פענסטער און קוקט צו מיר אַרויף, ווי זי וואָלט זיך געבעטן, איך זאָל זי נישט אַרויסוואַרפן. איך הויב אויף דעם פאָרהאַנג. באַטראַכט דאָס פענסטער. דאָס איז צוגע־מאַכט און צוגעשלאָסן. איך באַטראַכט די שויב, יאָ, אונטן אין לינקן ווינקל איז אַ שטיקל אויסגעבראָכן. אַ קליין שטיקל, בילדנדיק מיט דער ראַם אַ דרייעק. און דאָס גלאָז אויפן צו־בראָכענעם פלאַץ איז מיט אַ סך אומגלייכע און שאַרפע, קראַ־צעדיקע שפּיצן.

ווען איז די שויב צובראָכן געוואָרן? פאַרוואָס האָב איך

עס פריער נישט באַמערקט? פאַרוואָס האָט עס קיינער אין שטוב נישט באַמערקט?

און ווי איז די קאַץ דורכגעקראָכן? די גרויסע, דיקע שוואַרצע קאַץ דורך דאָס קליינע לעכל? זי האָט זיך געמוזט צוקראַצן די גאַנצע הויט. איך וויל זי באַקוקן און ווער אויף איר מלא רציחה. איך וויל איר געבן מיטן פוס און באַשלים אַרויסוואַרפן זי צוריק אין רעגן און פינסטערניש. כאָטש צוליב דעם קליינעם געלן זינגער, וואָס זיצט ביי מיר אין מעשענעם שטייגל אין אַן אַנדער צימער. אָבער איך אַליין וויל עס נישט טאָן. איך וויל זיך נישט אָנרירן אָן דער נאַסער קאַץ, און איך בין זיכער, אַז איך וועל מיינע הענט איינריכטן אין בלוט.

איך רוף אַריין די דינסט און הייס אַרויסוואַרפן די קאַץ. זי פרעגט נישט, ווי איז די קאַץ אַריינגעקומען. זי איז זיכער, אַז עמיצער האָט אַריינגעלאָזן די קאַץ און וואָלט געוואָלט וויסן, ווער איז דאָס אַזוי אומפאַרזיכטיק געווען. איר ערשטער געדאַנק און גרויסע זאָרג איז דער קליינער געלער זינגער, וועלכן אַלע אין שטוב האָבן אַזוי ליב. זי כאַפּט די קאַץ און לויפט מיט איר אַרויס. זי עפנט אויף די טיר און שמייסט אַרויס די קאַץ מיט אַ קללה. איך וויל וויסן, צי זעגען אירע הענט איינגעריבט מיט בלוט. אָבער זי באַווייזט זיך נישט. זי איז אַוועק צוריק צו איר אַרבעט. איך בין צופרידן. עס וואָלט זיך פאַרפירט אַ לאַנגער געשפּרעך, און איך וויל זיין אַליין און אומגעשטערט. שפּעטער וועל איך אונטערזוכן...

— — — — — — — — —

ווייטער.

זי איז לאַנג געזעסן און גערעדט. זי איז אויך אויפגעשטאַנען פון איר אָרט און צוגעגאַנגען צו מיר, נאָנט צו מיר, אַז איך האָב איר אָטעם געפילט און אַ גערוך, ווי פון פרישאָפּגעשניטענעם היי האָט מיך אַרומגענומען און אַ וואַרעמקייט האָט אַרויסגעשטראָמט פון איר און אַריינגעוואָרפן מיך אין היץ. זי האָט אַ פּאָר מאָל אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף

מיינע מער גרויע ווי שווארצע האָר — די פרעכע קאַץ! ווי אזוי האָט זי זיך דערוועגט? ווי, ווען מיין פרוי וועט אריינ־קומען און וועט עס דערזען.

זי האָט באַמערקט מיין פאַרגנבעטן בליק צו דער טיר און אויפגעלאַכט. זי האָט געזען מיין פרוי אוועקגיין, האָט זי געזאָגט, מיט אַ יונגער מיידל. איז עס מיין טאָכטער? זי האָט מיר דערביי געגלעט מיינע גרויע האָר און געקוקט אויף מיר מיט אירע טיפע אויגן, פול לאַסקע און פול באַגער. און זי גיט צו מיט איר טיפער, סאַמעט־באַצויגענער שטימע: „איך האָב פיינט שריפטשטעלער־פרויען!"

און זי זאָגט: „אַ קינסטלער דאַרף נישט זיין פאַרהיי־ראַט. ער דאַרף זיין פריי — פאַר אַלעמען און פאַר יעדער..."

איך שווייג באַדייטונגספול. וואָס זאָל איך איר זאָגן? איך מוז זיין פאָרזיכטיק מיט איר.

זי האָט אָנגענומען מיין האַנט און באַטראַכט מיינע פינ־גער. זי האָט זיי געהאַלטן לאַנג און צערטלעך, געלאַשטשעט זיי מיט אירע לאַנגע און וואַרעמע פינגער.

איך האָב איר דאַן געמוזט רעדן וועגן מיין שאַפן, און אירע באַרירונגען זיינען מיר ריזיק אָנגענעם געווען, און איך האָב גערעדט וואַרעמער און פריינטלעכער, כדי זי זאָל מיין האַנט נישט אָפּלאָזן.

פּלוצלונג האָט זי זיך איינגעבויגן און אַ קוש געטאָן מיך אויף די ליפּן, אינמיטן פון אַ זאַץ, אינמיטן פון אַ וואָרט, און ווי אַ בליץ איז זי פאַרשוואונדן פון צימער.

— — — — — — — —

די קאַץ! — די קאַץ איז ווידער אריינגעשפּרונגען אין צימער. ווידער, נאַטירלעך, דורך דעם קליינעם לאָך אין דער שויב. איך שילט און פלוך. איצט אָבער וועל איך די דינסט נישט אריינרופן מער. איך מאַך־אויף דאָס פענסטער, כאַפּ אָן די קאַץ פאַרן האַלז און שמייס זי אַרויס אין גאַס מיטן גאַנצן כוח. איך זע נישט ווי זי פליט, אָבער איך הער איר פאַל, ווייט ערגעץ, אויף די האַרטע שטיינער. נאַ, איצט וועט

זי פאַרזאָגן אַ צענטן צו קומען, אויב זי וועט זיך נאָך איבער־הויפּט באַוועגן.

איך שליס צו דאָס פענסטער און אָטעם פריי אויף. אָבער דאָס לאָך אין דער שויב מוז מען דאָך פאַרשטאָפּן. ווען עס וואָלט נישט געווען אַזאַ דרויסן און ווען עס וואָלט שוין נישט געווען שפּעט,' וואָלט איך געשיקט נאָך אַ גלעזער. אָבער איצט מוז מען עס מיט עפּעס פאַרשטאָפּן. איך קוק זיך אַרום אין צימער, געפין אַ צייטונגס־בלאַט און פאַרשטאָפּ דאָס לאָך.

איצט קאָן איך ווייטער רואיק זיך אָפּגעבן מיינע געדאַנקען.

— — — — — — — —

אַ קוש, אַ שפּרונג, פאַרשוואונדן. —

זי איז געקומען אויף מאָרגן. מיט אירע טיפע אויגן און איר טיפן קול און איר זינגענדיקער יוגנטלעכקייט.

איך האָב מורא געהאַט פאַר איר קומען, געוואָלט האָפן, אַז זי וועט נישט קומען, און מיין האַרץ האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן, ווי איך האָב זי נאָר דערזען.

זי איז ווידער געקומען, ווען מיין פרוי איז ערשט אַרויס פון שטוב. האָט זי זי אָפּגעוואַרט? ווי לאַנג האָט זי זיך אַרומגעדרייט פאַרן הויז? איך פרעג עס זי, און זי לאַכט.

אָ, וואָס מאַכט עס אויס! זי האָט נאָך פיל מער געוואַרט, ביז זי איז צום ערשטן מאָל געקומען צו מיר. דער געדאַנק מיטן מאַנוסקריפּט איז איר נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען.

אָבער — צי וואָלט איך נישט בעסער געוואָלט קומען צו איר? זי האָט אַ צימער פאַר זיך. זי קאָן אויפנעמען ווען זי וויל, זי איז אומגעשטערט.

זי האָט עס געזאָגט אַזוי פּשוט, אַזוי זיס, אַזוי אומשולדיק און נאַטירלעך, מיט איר טיפער סאַמעט־שטימע, און אירע טיפע אויגן, און איר גרויסער יוגנטלעכקייט.

איך האָב געוואָלט זאָגן: ניין! איך האָב געפילט מיט מיין גאַנצן וועזן, אַז איך דאַרף זאָגן: ניין. אָבער אין דער

איינענער צייט האָב איך געוואוסט, אז דער קאמף איז אן אומזיסטער.

זי האָט עטוואָס אָנגעצונדן אין מיר, און איך בין גאַנץ פייער, און ברען, און ברען.

איך האָב איר צוגעזאָגט צו קומען.

זי האָט מיך אַרומגעכאַפּט און אַרויפגעדריקט מיר אויף די ליפּן אַ לאַנגן, ליידנשאַפטלעכן קוש. און אין מיר האָט עס אויפגעשריען, אויפגעזונגען און אויפגעיובלט. איך בין ווידער יונג! ווידער יונג! ווי האָבן מירביידע געלאַכט — — —

מאָרגן דאַרף איך ביי איר זיין. ביז היינט האָב איך געבענקט נאָך מאָרגן. היינט האָב איך פאַר אים מורא. היינט וויל איך אים נישט. איך ציטער, אז איך וועל דאָך גיין צו איר. וואוהין וועט עס פירן? ווער איז זי? וואָס איז זי? צו וואָס איז עס מיר? איך האָב שוין גרויע האָר, און אַ גרויסע טאָכטער כמעט אין איין עלטער מיט איר. — — —

— — — — — — — —

רוישט נישט דאָס פּאַפּיר, מיט וועלכן איך האָב דאָס פענסטער פאַרשטאָפּט?

אמת, עמיצער ציט און צופּט עס.

צי איז דאָס נישט די שווארצע קאַץ?! איך שפּרינג אויף און לויף צום פענסטער. יאָ, די שווארצע קאַץ האָט אַרויסגעשלעפּט דאָס פּאַפּיר און שוין אַריינגעשטופּט איר קאָפּ אין דאָס לאָך.

אָ, איצט וועסטו נישט אַריינקריכן! איך לייג אָהין מיין האַנט אויף איר קאָפּ און דריק און דריק מיט מיין גאַנצן כוח. אָ, איך וועל זיכער אַרויסדריקן פון איר דאָס ביסל קעציש לעבן!...

דאָך... דאָך... ווי שטאַרק זי איז!... זי שפּאַרט זיך אָן אויף אירע פיסלעך און שטופּט זיך אַלץ ווייטער דורך דעם לאָך און אונטער מיין האַנט. אָט האָט זי שוין אירע פאָדער־שטע פיסלעך אויף ד ע ר זייט שויב... אַ שרעק פאַלט אויף

מיר אָן... עס ווערט מיר קאַלט און וואַרעם... איך הויב אָן צו רופן...

— — — — — — — — — — — — — — — —

פוי, וואָס פאַר אַ שווערער חלום! ווי עס קלאַפּט מיר מיין האַרץ! איך גיי צו צום פענסטער. אינדרויסן רעגנט עס נאָך אַלץ, און עס איז שוואַרצע נאַכט, און אויפן געזימס ליגט רואיק צונויפגעדרייט די שוואַרצע קאַץ.

איך לייג צו מיין הייסן קאָפּ צו דער קאַלטער שויב און בין אָנגעפילט פון איין הייסן וואונטש: זאָל אויך דאָס אַנדערע זיין בלויז אַ שווערער חלום. און איך שוידער.

אָ! אָ!...

מאָרגן—מאָרגן—מאָרגן!...

.1915

געקרויצטע דראטן

דער שרייבער האָט אראָפּגענומען דאָס טעלעפאָן־טרייבל, צוגעטראָגן צום אויער, אָנגעגעבן דעם נומער. אָבער קוים האָט ער אים ארויסגערעדט, האָט ער דערהערט א שטימע.

צוערשט האָט ער געוואָלט צוריק אויפהענגען דאָס טרייבל, אָנזאָגן דער טעלעפאָן־מיידל וועגן דעם דראָט־קאַפּריז און בעטן א בעסערע פארבינדונג. אָבער א שמייכל האָט אויפגעהעלט זיין געזיכט, אין זיינע אויגן האָט אויפגעלויכטן נייגער, און דאָס טרייבל איז געבליבן ביים אויער.

א מענער־שטימע. לאַשטשענדיק־ווייך און צאַרט, בענקעניש־פול און פארלאַנגענדיק. און איינגעהאַלטן־שטיל — ווי אין מורא נישט געהערט צו ווערן פון זייטיקע.

„איצטער, טייערסטע, הער די נייעס: א גנבה!"

א פרויען־שטימע האָט פאַרוואונדערט אויסגערופן:

„וואָס?!"

אויך אזוי איינגעהאַלטן־שטיל און פאַרזיכטיק. און מיט דעם ציטער פון ליידנשאַפט.

און דער מאַן האָט געענטפערט:

„די שווארצע, וואָס דיינעקט מיין צימער, האָט אוועקגענומען עטלעכע פון דיינע זאַכן... דו ווייסט..."

„אָ!"

און אין איר שטימע איז געווען א לאַך־קיצל.

„אָבער איך האָב שוין אָפּגעקויפט נייע. וואָלסט מיך געזען קויפן זיי! ווי א ספּעציאַליסט אין פרויען־אונטערוועש..."

די פרוי האָט שטיל אויפגעלאַכט, און דער מאַן האָט ווייטער גערעדט:

„ווילסט נישט אריבערקומען און זען?"

„געווים."

„נאָך היינט?"

„אָ, ניין!"

„פאַרוואָס ניין?"

„אוממעגלעך."

„איך וועל זיין היינט אליין דעם גאַנצן טאָג. איך דער־וואַרט קיינעם נישט."

„אָ, ניין, ניין, ניין!"

„פאַרוואָס ניין?"

„אָ, איך ווייס נישט... פאַרזיכטיקער..."

„עס איז נאָך זייער פרי. דער געזעצלעכער קומט ערשט אין אָוונט".

„ניין, ניין! בעט נישט!"

„וואָס איז דער טעם?"

„צו אָפט קאָן ווערן געפערלעך — און צו אָפט קאָן איך דיר שנעל נמאס ווערן..."

„איצטער רעדסטו אומזין, מיין זיסטע!..."

דעם שרייבער איז איינגעפאַלן, אַז ער דאַרף זיי געבן צו וויסן, אַז מ'הערט, וואָס זיי רעדן. ער האָט אריינגעברומט אין טעלעפאָן עס האָט זיך אָנגעהערט, ווי האַלב אַ קרעכץ, האַלב אַ בייזער.

דער מאַן האָט איבערגעריסן אין מיטן אַ וואָרט, די פרוי האָט ארויסגעלאָזן אַ קליינעם קוויטש. און שטיל. דער שריי־בער האָט געפילט פאַרגליווערונג. געזען דעם שרעק אויף דער פרוים געזיכט, געהערט איר האַרצקלאַפּן. ער האָט זיך שטאַרק איינגעהערט, געפילט זייער איינגעהאַלטענעם אָטעם. און ענד־לעך הערט ער דעם מאַנס שטים, פאַרזיכטיקער נאָך, איינגע־האַלטענער:

„האָסט געהערט?"

זי עטעמט קוים ארויס:

„עמיצער איז אויפן טעלעפאָן. רעד נאָך נישט".

אַ ווײַלע איז ווידער שטיל. באַלד זאָגט זי:

„אָ, איך בין אַזוי דערשראָקן!"

„וואָס דאַרפֿסטו זײַן אַזוי דערשראָקן? צוויי שטימען פֿון זיבן מיליאָן אין גרויס ניו־יאָרק..."

„מיינסט, ער האָט אַלץ געהערט?"

„און אַז געהערט, איז וואָס? אָבער ווער וועט זײַן אַזוי געמיין..."

דער שרײַבער האָט זיך ווי פֿאַרשעמט און אויפֿגעהאַנגען דאָס טרײַבל. אָן חשק, געררייצט פֿון נײַגער, אָבער שמייכלענדיק, כמעט לאַכנדיק איבער דער איבערלעבונג. ער האָט פֿאַרגעסן, אַז ער האָט געוואָלט אויפֿרופֿן. האָט פֿאַררויכערט און איבערגעלעבט דאָס געהערטע. און דאָ איז עס געקומען איבער אים.

ער האָט דערזען אַ קאַטאַסטראָפֿע.

די יונגע פֿרוי איז אַוועק פֿון טעלעפֿאָן אויפֿגערעגט, דערשראָקן, פֿאַרלאָרן. זי האָט קוים געקאָנט הערן, וואָס יענער האָט גערעדט, קוים געקאָנט זאָגן אַ וואָרט. עס האָט זי געטרייסלט און מיט ציטערנדיקער האַנט האָט זי אויפֿגעהאַנגען דאָס טעלעפֿאָן־טרײַבל.

אַ שרעקלעכער געדאַנק איז איר אײַנגעפֿאַלן. דאָס איז געוועזן זײַן שטימע — איר מאַנס שטימע! דאָס האָט ער אַרײַנגעקרעכצט אָדער אַרײַנגעבייזערט אין טעלעפֿאָן.

ער האָט זי גראָד אויפֿגערופֿן און אונטערגעהערט דערווײַל דעם גאַנצן געשפּרעך. ביז ער האָט נישט געקאָנט מער הערן. פֿאַר כּעס אָדער ווייטיק. עס איז דאָך געלעגן ווייטיק אין דעם אויסגעשריי. און כּעס. אָ, יאָ... אָ, ווײ!...

זי האָט אַרויפֿגעלייגט בײדע הענט אויף איר אָפֿענעם מויל, ווי זי וואָלט געוואָלט פֿאַרהאַלטן דעם געשריי, וואָס האָט זיך געריסן פֿון איר. געקוקט מיט גרויסע אויסגעגלאָצטע אויגן אין ערגעץ אין אָפּגרונט און שווער געאָטעמט.

ער ווייס איצטער, אַז זי איז אים אומגעטריי. וואָס וועט ער טאָן? אָ!... געקומען — אַ סוף! פֿילייכט — אָ, גאָט!

זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום טעלעפאָן. זי וועט אויפ־רופן אים, דעם אַנדערן. זאָגן אים, וואָס זי דענקט, ארויס־ציטערן איר שרעק, פרעגן ביי אים אַן עצה. זי האָט אַראָפּ־גענומען דאָס טרייבל און גלייך אויפגעהאַנגען עס צוריק, ווי זי וואָלט איר האַנט אָפּגעברענט. ניין! נישט אָפּרופן פון דער היים! ווער ווייס!... עס איז געווען אומפּאַרזיכטיק, וואָס זי האָט פריער גערעדט פון דאַנען.

זי האָט זיך שנעל אָנגעטאָן און איז איילים ארויס פון שטוב. ווען זי האָט צוגעשלאָסן איר טיר, האָט זי געהערט איר טעלעפאָן קלינגען. איר האַרץ איז איר איינגעפאַלן. געוויס איר מאַן. ער וויל עפּעס אויסגעפינען, אויספּרובירן... ער האָט עפּעס פּאַר... אָ, עס הייבט זיך שוין אָן!

זי האָט געלאָזן איר טעלעפאָן קלינגען און איז אוועק צו זוכן אַ ביידל, פון וואַנען זי וועט טעלעפאָנירן צום אַנדערן. די אַפּטייק ביים עק גאַס האָט עטלעכע ביידלעך. אָבער זי וועט אהער נישט אריין. מ'קען זי. מ'קען זי אפשר אין דעם גאַנצן ארום. מ'זעט זי אָפּט פאַרבייגיין. זי וועט נישט קאָנען צי שטיל רעדן. מ'עט זי זיכער הערן. זי וועט דאָ אין קיין פּלאַץ נישט אריין...

קווארטאַלן און קווארטאַלן אויסגעגאַנגען. ענדלעך. אָט־אָ־דאָ... אהער וועט זי אריין. דאָ קען מען זי געוויס נישט. אָבער זי איז אריין אין דער ליגעט־אַפּטייק, ווי זי וואָלט זיך אריינגע־גנבעט. אוועקגעדרייט דעם קאָפּ פון די מענטשן אין קראָם, מען זאָל זי נישט גוט זען, אריינגעכאַפּט זיך שנעל אין דעם ביידל, צוגעמאַכט די טיר שטארק, שטארק און אָנגעגעבן דעם געווינטשטן נומער מיט קלאַפּנדיקן האַרץ. גערעדט ווי מעגלעך שטיל, געפּרוּווט אפילו צו פאַרמאַסקירן דעם געפּליסטער. ער האָט טאַקע נישט דערקענט די שטימע. זי האָט געמוזט זיך אָנרופן: „איך... עליזאַ...”

„אָ!” — ער האָט זיך דערפרייט — „קומסטו?”

„אָ, ניין!... הער!...”

זי האָט אים אריינגעאָטעמט אין אויער איר חשש און מורא.

„דו קענסט נישט זיין שטים, איך האָב זי אויך נישט דערקענט. אָבער איז עס נישט געווען בעם און וויטיק?״

ער האָט געלאַכט, באַמיט זיך צו פאַרלאַכן איר חשד און שרעק, אָבער איז אַליין נישט געווען זיכער, און זי האָט גע־פילט זיין אומזיכערקייט. זי איז נאָך אומרואיקער געוואָרן.

„אָ, לאַך נישט!״ האָט זי זיך געבעטן.

„אָבער דו דאַרפסט נישט אַזוי ציטערן״.

„ווי קאָנסטו עס זאָגן?!״

„אפילו אַז דאָס איז געווען ע ר — געזען האָט ער דיך דאָך נישט, דיין נאָמען האָט ער נישט געהערט, וועסטו לייקענען שטיין און ביין. מאַך זיך נישט ווייסנדיק. מאַך אַ פאַרוואונדערט, באַליידיקט געזיכט. בייטל צו אים אויס אַלע חלומות. דו ביסט גאָר אין דער היים נישט געווען... אָ, דו וועסט שוין אַליין וויסן! קום בעסער אַריבער צו מיר...״

דאָס האָט זי נישט געקאָנט ברענגען איבער זיך. זי איז צו אויפגערעגט. האָט מורא פאַר דעם אייגענעם שאָטן, און זעט מסתמא אויס ווי דער טייוול.

„אָ, קום אַריבער, איך וועל דיך מאַכן שיין!״

ניין, ניין. זי וויס. זי איז איצטער נישט קיין געליבטע, נאָר אַ דערשראָקן ווייב. זי קאָן איצט אפילו וויינען. אָ, גלייבער נישט! גלייבער נישט! זי וועט איצטער מאַכן אַ גרויסן שפּאַציר־גאַנג, אָפּטראַכטן אַלץ, איבערלייגן, און קומען אַהיים און זיין דאָרטן אַ גוטע באַלעבאָסטע. פאַרצירעווען זאַכן, אייננייען קנעפּלעך, אויספּרעסן זיינע קראַוואַטן...

ער האָט געלאַכט, און זי האָט אויך געלאַכט, איז אַביסל מוטיקער געוואָרן. דאָס, וואָס זי האָט געזאָגט, איז טאַקע זייער גוט און קאָן אַ סך אַרויסהעלפן. זי וועט נאָך לאַכן אַ גוטע וועטשערע...

אָבער אויף איר גאַנג אַהיים האָט זי דערפילט, אַז עס וואָלט געווען גוט, ווען עמיצער איז מיט איר אין דער היים, ווען איר מאַן וועט קומען...

זי איז פאַרגאַנגען צו איר פריינדין ליוסי. זי וועט פאַרברענגען ביי איר אַ ווײַלע, איינלאָדן זי צו באַגלייטן זי, פאַר־

פירן זי צו זיך אהיים, פארהאלטן זי, ביז איר מאַן וועט קו־מען. אָבער די פריינדין האָט געהאַט אַן אָנפאַל פון מיגרען, איז געלעגן מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ. אַ שטיק צער בעלי חיים...

עלזאַ האָט געמאַכט אַ רחמנותדיק פּנים. דאָס האָט זי רחמנות געהאַט אויף זיך. עס איז געווען אַזאַ גוטער פּלאַן! מוז די נעמען און אוועקלייגן זיך.

ליוסי האָט זיך דערפרייט מיט איר. גאָט אַליין האָט זי צוגעשיקט. זי האָט טאַקע געוואָלט איר טעלעפאָנירן. זי דאַרף עפּעס וויכטיקס באַזאָרגן.

עלזאַן איז געוואָרן ליכטיק אין די אויגן. זי וועט איצ־טער האָבן אַ גוטן תירוץ. זי איז גאָר אין דער היים נישט געווען! זי איז גאָר געווען ביי ליוסין, וועלכע ליגט נעבעך קראַנק, געדאַרפט עפּעס באַזאָרגן פאַר איר...

ווען נישט ליוסיס ליידנדיק געזיכט, וואָלט זי זיך צו־לאַכט!

שפּעטער, ווען זי האָט געוואָלט אויפשליסן איר הויז־טיר, האָט זי זיך פאַרוואונדערט, וואָס דער שלאָס איז שוין אויפגעשלאָסן געווען. האָט זי דען פאַרגעסן צו פאַרשליסן די טיר? זי וואָלט געשוואָרן, אַז זי האָט פאַרשלאָסן. גראָד דע־מאָלט האָט דאָך דער טעלעפאָן זיך צוקלונגען. ווען זי האָט אויפגעעפנט די טיר, איז איר פינסטער געוואָרן אין די אויגן. זי איז שיר נישט אומגעפאַלן.

איר מאַן איז געווען אין דער היים. צוויי שעה פאַר דער צייט.

זי איז געוואָרן בלייך, רויט, האָט קוים געקאָנט אַ שטעל טאָן אַ פּוס און מאַדנע אַזוי אויפגעלאַכט, ווי איינע, וואָס וויל פאַרלאַכן איר טויט־שרעק פאַר אַן אָנגעשטעלטן רעוואָלווער.

איר מאַן, מיט שפּורן פון אומגעדולד אויף זיין געזיכט און אין זיין רויכערן, האָט זי פאַרוואונדערט אָנגעקוקט.

„וואָס איז? וואָס ביסטו אַזוי דערשראָקן?"

זי האָט נערוועז געלאַכט, אָט־אָט וועט זי זיך צעוויינען. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט, קוים אַרויסגערעדט:

„דו האָסט מיך איבערגעשראָקן."

„ווי אַזוי?"

„איך עפן אויף די טיר און זע אַ מאַן..."

„האָסט דאָך געזען, אַז דאָס בין איך."

„אָבער אין ערשטן מאָמענט... געמיינט אַ גנבֿ."

„אַזאַ שרעקעוודיקע ביסטו?"

„דו וואָלסט נישט געווען בעסער."

זי האָט זיך דערשלעפּט צו אַ שטול, אָוועקגעזעצט זיך, פונאַנדערגעעפנט דעם מאַנטל, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויפן ווענטל פון שטול, נישט אַראָפּנעמענדיק דאָס היטעלע.

„איך באַדויער שטאַרק. איך האָב דיך נישט געוואָלט איבערשרעקן. ווען דו וואָלסט אָבער געווען אין דער היים..."

זיין שטימע אַזוי טרוקן — אָדער דוכט זיך עס איר בלויז אויס? דער סקאַנדאַל איז אויפן וועג, רוקט זיך אָן... און זי פרעגט מיט אַ מידער, שוואַכער שטימע:

„וואָס איז געשען? פאַרוואָס אַזוי פרי אַהיים? פאַרוואָס האָסטו נישט טעלעפאָנירט, אַז דו קומסט?"

„איך האָב טעלעפאָנירט, אָבער דער טעלעפאָן איז ביי דיר געווען אַזוי לאַנג באַזעצט, פאַרנומען..."

זי האָט שיר נישט אויפגעשריען, האָט נאָר שווער אויפגעאָטעמט, מיט אַ גרויסן שרעק אין האַרצן. און איר מאַן ענדיקט:

„דריי מאָל האָב איך פאַרזוכט, און דיין טעלעפאָן איז אַלץ געווען פאַרנומען. צום פערטן מאָל ביסטו שוין נישט געווען אין דער היים... קיינער ענטפערט נישט..."

עס שטימט. דאָס איז געווען דאָס טעלעפאָן־קלינגען, ווען זי האָט פאַרשלאָסן די טיר. עס איז איר צום חלשן!

זי האָט צוגעמאַכט די אויגן, ווידער אויפגעעפנט זיי, אַ וואָרף געטאָן אויפן מאַן אַ בליק פול שרעק. ער גייט אַרום, רויכערט, האָט עטוואָס אויפן האַרצן. אָ, זי טאָר נישט זיין שוואַך! זי מוז זיין גרייט אויף פראַגן און ענטפערס, לייקענען שטיין און ביין... זי הויבט אָן אַראָפּצונעמען פון זיך דעם מאַנטל און היטעלע, און דער מאַן פרעגט דערווייַלע אַזוי זיך, און איר דוכט זיך אויס, אַז זיין שטימע איז אפילו האַרט:

„מיט וועמען האָסטו דאָס אַזוי לאַנג גערעדט?"

איר האַרץ גיט אַ פאַל. אָבער זי פאַסט זיך גלייך און רעדט קוים אַרויס:

„האָב איך?"

„נאָך ווי! דריי מאָל געפּרואווט..."

„איך ווייס גאָר נישט, אַז איך האָב אַזוי לאַנג גערעדט."

„מסתמא אַ זייער אָנגענעמער געשפּרעך..."

איז נישט איראָניע אין זיין שטים? קוקט ער נישט אויף איר מיט אַ דורכדרינגענדיקן, פאַרשנדיקן בליק? אָ, ער האָט אונטערגעהערט! ער האָט אונטערגעהערט! זי עוסקט זיך מיט אויפהענגען איר מאַנטל, קוקט נישט אין איר מאַנס זייט און רעדט אַרויס:

„מוז עס דווקא זיין אַן אָנגענעמער געשפּרעך?"

און ער פרעגט — איר דאַכט זיך — בייז און שטרענג:

„מיט וועמען האָסטו דאָס גערעדט?"

אָ, זי מוז ליגן, ליגן! לייקענען שטיין און ביין... און זי ענטפערט דיפּלאָמאַטיש: ליוסי האָט אַזאַ שרעקלעכן אָנפאַל פון מיגרען. איז מער טויט ווי לעבעדיק. זי קומט דאָס פון איר. געמוזט עפּעס באַזאָרגן פאַר איר.

זי זאָגט עס אַזוי, אַז דער מאַן מוז אָננעמען, אַז דאָס האָט ליוסי מיט איר גערעדט אין טעלעפאָן, אָנגעזאָגט איר וועגן איר קאָפּווייטיק און געבעטן זי אַריבערצוקימען, און ער פרעגט טאַקע:

„„האָט דאָס ליוסי אַזוי לאַנג גערעדט מיט קאָפּווייטיק?"

וואָס זאָל זי דערויף ענטפערן? זי וועט בעסער גאָרנישט ענטפערן. אַז ער נעמט אָן, אַז ליוסי האָט דאָס גערעדט, זאָל ער אויך אָננעמען, אַז זי האָט עס גערעדט אַזוי לאַנג אפילו מיט קאָפּווייטיק.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן סאָפאַ, די פיס אונטער זיך, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן אויפן ווענטל, מיד און אָפּגעמאַטערט פון איר קראַנקער פריינדין ליוסי, איבערגעשראָקן פון איר מאַנס אָנוועזנהייט, ווען זי האָט זיך נישט געריבט אויף אים, געדריקט זיך דעם שטערן — אַ קאַנדידאַטין אויף אַ

קאַפּ־ווייטיק, אַ מיגרען־אַנפֿאַל — און קראַנק, קוים־רעדנדיק געפֿרעגט:

„איז וואָס האָט דיך געבראַכט אַזוי פֿרי?"

זי האָט געקוקט אויף אים מיט האַלב אָפֿענע אויגן. געפּאַרשט אים, געוואָלט עפּעס אָפּלערנען פֿון זיין געזיכט. ער איז אומצופֿרידן, אומגעדולדיק. איר פֿראַגע פֿאַרהערט אָדער געוואָלט פֿאַרהערן, און גייט אַרום, גייט אַרום. אָ, זאָל ער אַרויסקומען מיט לשון! זי האָט נאָך נידריקער אַראָפּגעלאָזט די אויגנדעקלעך, אָבער געזען אים. אַ דערווייטערטן, אומגעדולדיקן, בייזן.

ער איז טאַקע געווען בייז. פֿאַרוואָס האָט זי אים נישט געענטפֿערט? ער איז גאָרנישט חושד, אָבער מאָדנע איז עס דאָך. ניין, ער וועט איר נישט ענטפֿערן, ביז זי וועט אים נישט ענטפֿערן. ער האָט אָפּגעטרייסלט די אַש פֿון זיין פּאַפּיראָס און געזאָגט:

„אוודאי צוואַנציק מינוטן גערעדט."

איצטער האָט זי געוואוסט: ער וועט פֿון דעם טעלעפֿאָן נישט אָפּלאָזן, און זי מוז זיין פֿאָרזיכטיק.

„איך האָב נישט געקוקט אויפֿן זייגער," האָט זי געענטפֿערט.

„מיט מיגרען אַזוי לאַנג רעדן אויפֿן טעלעפֿאָן!"

„איז וואָס זאָל איך טאָן? איך האָב דאָך נישט געהאַט קיין מיגרען."

„מאָדנע."

„אָ, לאָז דאָך צורו!" — האָט זי אויסגעשריען מיט האַרץ. „איך וויל דאָך וויסן, וואָס איז ביי דיר געשען? פֿאַרוואָס אַזוי פֿרי אַהיים?"

„איז עס שלעכט?"

„גרויסאַרטיק! אָבער וואָס איז געשען?"

„איך האָב דיך געוואָלט איבעררראַשן."

„אַז מען וויל איבעררראַשן, טעלעפֿאָנירט מען נישט פֿריער."

„איך האָב געוואָלט וויסן, צי ביסטו אין דער היים, צי וועסטו זיין אין דער היים."

„האָסטו דאָך געוואוסט, אז איך בין נישטאָ אין דער היים, איז וואָס ביסטו געקומען?"

„איך האָב געוואָלט וויסן, ווען דו וועסט קומען אַהיים."

„וואָלסטו עס דאָך געקאָנט אויסגעפינען דורך טעלעפאָנירן."

„און דער גאַנצער אָפיס זאָל וויסן, אז דו ביסט נישטאָ אין דער היים, און זען מיין אומגעדולד..."

א פארלעגנהייטס־פּאוזע, און זי האָט געפרעגט, מיט אומרו אין איר שטים:

„וואָס איז דיר פּלוצלונג איינגעפאַלן?"

און ער האָט געענטפערט, אַנקוקנדיק זי מיט אַן איראָניע־שמייכל:

„וואָס מאַכט עס אויס?"

זי האָט נישט געקאָנט פארטראָגן זיין בליק, זיין שמייכל. טיפער אראָפּגעלאָזן זיך אויפן סאָפע, כמעט מיט א קרעכץ, און צוגעמאַכט די אויגן. ער האָט באַשטימט אונטערגעהערט איר טעלעפאָן־געשפּרעך! פארוואָס קומט ער נישט ארויס מיט קלאָרע ווערטער? וואָס ציט ער? וואוהין צילט ער?

זי איז פול מיט שרעק. זי פילט זיךווירקלעך גאָר נישט גוט. זי מוז איצטער זייער בלאַס זיין...

ער האָט זיך צוגעקוקט צו איר, און א חשד איז אין אים געבאָרן געוואָרן. ער האָט געשפּאַסט, אָבער זי נעמט עס ערנסט. און אפשר איז עס טאַקע ערנסט! ער האָט דאַכט זיך עפּעס אָנגערירט, אָט אזוי נישט ווילנדיק און נישט וויסנדיק עפּעס אָנגעטאַפּט. אָ, ער מוז ווייטער טאַפּן!

„דו קומסט עס טאַקע פון ליוסין?"

„פון וועמען דען?"

„מאַלע פון וועמען!"

דאָס גיט איר א קלאַפּ אין הארצן. אָבער זי זעצט זיך שנעל אויף און שרייט אויס כמעט היסטעריש:

„ביסט עפּעס חושד, טיק זאָג ארויס!"

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט גרויסע בעס־אויגן. זאָל קו־מען, וואָס זאָל קומען. זאָל ער איצטער זאָגן, וואָס ער ווייס, און אַ מעשה מיט אַ סוף.

אָבער ער האָט גאָרנישט געוואוסט, נישט געהאַט וואָס צו זאָגן, פאַרלאָרן זיך אונטער איר אָנגעצונדענעם בליק און גע־ענטפערט, ווי אין אַנטשולדיקונג:

„ווער האָט דיר געזאָגט, אַז איך בין עפּעס חושד?״

און זי האָט גערעדט נאָך בעסדיקער:

„פאַרוואָס גלויבסטו נישט, אַז איך בין געוועזן ביי ליוסין? פאַרוואָס ביסטו געקומען אַזוי פרי אהיים? פאַרוואָס האָסטו מיך געוואָלט איבעררעשן?״

ער האָט זיך פאַרענטפערט, שמייכלענדיק:

„גלויבסטו טאַקע, אַז איך האָב געוואָלט איבעררעשן?״

„האָסט דאָך אַליין געזאָגט!״

„טאָר איך עס נישט זאָגן?״

„טאָרסט עס נישט זאָגן! אַפילו אין אַ וויץ נישט!״

זי האָט זיך צוריק אוועקגעלייגט, איז געוועזן אַ ביסל פאַר־חידושט. ווייס ער עפּעס אָדער ווייס ער גאָרנישט? ווען ער וואָלט עפּעס געוואוסט, האָט ער אַנדערש געדאַרפט רעדן...

אָבער ער איז דאָך געוועזן ביים טעלעפאָן!... ער איז דאָך געקומען פרי אהיים!... איז עס דאָך ביי אים עפּעס אַ טאַק־טיק אַזאַ...

אָ, זי וועט וווירקלעך זייער מיד!...

ער איז אַרומגעגאַנגען, געוואָרפן אויף איר בליקן, און געטראַכט, אַז ער איז אַראָפּ פון וועג. נישט געדאַרפט פאַר־לירן זיך, פאַרענטפערן זיך. אפשר איז איר שרייען גאָר אַ פאַר־שרייען, אַ פאַרטומלען, אַ נישט־צולאָזן צום אמת...

ער איז צוגעגאַנגען צום סאָפע, געשטעלט זיך איבער איר, אָנגעקוקט זי, געוואָלט אַרויסלייענען דעם אמת. אָבער דאָס איז נאָך קיינמאָל קיינעם נישט געלונגען. דאָרטן הינטער דעם דינעם שאַרבן ליגט דער אמת, אָבער דו קאָנסט אים נישט אַרויסלייענען, אַפילו ווען דו זאָלסט צוברעכן די מחיצה. אָט ליגט זי, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן, די אויגן צוגעמאַכט, אַ ברוגזע,

אַ באַליידיקטע. איז זי עס ווירקלעך אָדער שפּילט זי מיט אים?

ער איז געשטאַנען נאָנט איבער איר און האָט נישט גע־פילט אַ ציטער אין איר קערפּער, אַן אָנגעשפּאַנטקייט. זי האָט געוואַרט, אַז אָט וועט ער עפּעס טאָן, עפּעס זאָגן.

און ער האָט טאַקע אַ פרעג געטאָן:

„טאָר איך עס נישט זאָגן?"

ער האָט באַטאָנט דאָס וואָרט טאָר און שטאַרק אָנגע־קוקט זי.

זי האָט אַ ציטער געטאָן. עס איז געלעגן וויסן אין דעם טאָן, ווי ער האָט עס געפרעגט, אַן איינלאַדונג צו מודה זיין זיך. זי האָט אים צוגעוואָרפן אַ זייטיקן בייזן בליק — דאָס האָט זי געכאַפּט אַ קוק: ווי זעט ער איצטער אויס? — און האָט קורץ און שאַרף אָפּגעשניטן:

„טאָרסט נישט!... האָסט נישט קיין אורזאַך!..."

ער האָט דערפילט דעם ציטער, וואָס איז דורכגעגאַנגען דורך איר, געזען דאָס אויפציטערן. דאָס האָט געקאָנט קומען פון דעם, וואָס ער האָט פּלוצלונג אַ רעד געטאָן. דאָס האָט אָבער אויך געקאָנט קומען פון אַן אַנדער מורא — פון דער מורא פאַרן אמת.

ער האָט ווידער אָנגעהויבן אַרומצוגיין, געגרוּבערט, גע־וואָלט זיך עפּעס דערטראַכטן. אויב זיין פּלוצימדיקער חשד איז ריכטיק, מיט וועמען זאָל ער זי חושד זיין? ווער איז דער מאַן? געשטאַלטן און נעמען מישן זיך. אוממעגלעך אָפּצו־שטעלן זיך אויף איינעם. ער קאָן חושד זיין אַלע מענער פון זייער פאַרקער און געזעלשאַפט. און עס קאָן אויך זיין עפּעס אַן אומבאַקאַנטער. איינער, וועמען ער קען גאָר אַפילו נישט. אירע אַ צופעליקע באַגעגעניש, וואָס איז געוואָרן אַ גרויסע נאָנטקייט. זי איז שיין, און עס זיינען פאַראַן אַ סך בעלנים. יעדער מאַן, וואָס האָט נאָר לעבן אין זיך... זי איז אַליין. קיין קינדער זיינען נישטאָ. צייט האָט זי גענוג, ווייס נישט, וואָס צו טאָן מיט זיך. לייענט לייכטע ראָמאַנען, זעט זיך אָן מיט

ליכטע פּיעסן, הערט זיך אַן מיט ליכטזיניקן ראַדיאָ... איז פאַרוואָס נישט? פאַרוואָס נישט?

זיין שווייגן און אַרומגיין האָט זי נערוועז געמאַכט. ער פּלאַנט עפּעס אָפּ. ער באַרעכנט עפּעס. די אָנגעשטרענגטקייט איז צופיל פאַר איר. זי מוז זי איבעררייסן.

„אָ, הער אויף אַזוי אַרומצוגיין!" האָט זי קראַנק אַרויס־געבעטלט און צוגעגעבן: „גיב מיר אַ סיגאַרעט."

ער האָט איר צוגעטראָגן אַ פּאַפּיראָס, געגעבן איר פייער און ווידער שאַרף איינגעקוקט זיך אין איר.

זי האָט פאַררויכערט, אויפגעעפנט אויף אים אירע אויגן און ברוגזדיק געזאָגט:

„דו האָסט מיר נישט געגעבן קיין קוש און האָסט מיר נאָך נישט געזאָגט, פאַרוואָס דו ביסט געקומען אַזוי פרי אהיים."

ער האָט זיך נישט איינגעבויגן צו געבן איר אַ קוש, נאָר לאַנגזאַם געענטפערט, ציענדיק די ווערטער:

„און דו האָסט מיר נאָך נישט געזאָגט, מיט וועמען דו האָסט אַזוי לאַנג גערעדט אין טעלעפאָן."

„איך האָב — האָב איך נישט?"

דער באַגלייטנדיקער אויפלאַך אירער איז געווען — פאַרלעגנהייט.

ער האָט געענטפערט:

„דו האָסט — און האָסט נישט."

אַן אויפגעלעבטקייט איז אַריין אין איר, און זי האָט גע־זאָגט:

„דאָס הייבט מיר אָן צו געפעלן."

„וואָס?"

„דו ווערסט איפערזיכטיק."

„איז וואָס געפעלט דיר דאָ?"

„אינטערעסאַנט. אָט לאָמיך הערן, אויף וועמען ביסטו איפערזיכטיק."

„אויף דעם גרויסן אומבאַקאַנטן."

ער האָט גאָרנישט געטראַכט זיך מיט דעם וואָרט, אויף

קיינעם נישט אָפּגעצילט. געמיינט צו זאָגן, אַז ער ווייס נישט, אויף וועמען אייפערזיכטיק צו זיין. אָבער אין איר האָט עס אַ צאַפּל געטאָן.

דער, אויף וועמען ער דאַרף אייפערזיכטיק זיין, איז טאַקע אים אַן אומבאַקאַנטער. און אפשר איז ער טאַקע אַ גרויסער אומבאַקאַנטער. ער איז אַ מאָלער, וואָס וועט זיכער באַרימט ווערן.

זי האָט זיך מיט אים צופעליק געטראָפן. אויף אַ מאַטינע־פאָרשטעלונג פון איינער פון די לייכטע פּיעסן. זיי זיינען געזעסן איינס לעבן אַנדערן. זי האָט געדאַרפט דורכגיין פאַרביי אים צו איר זיץ. ער איז אויפגעשטאַנען, העפלעך דורכגעלאָזן זי. דערביי אָנגעקוקט זי מיט אַזאַ אָדלערבליק, אַז עס האָט זי דורכגענומען. עס איז איר געווען, ווי ער וואָלט זי אומאַרמט. זי האָט זיך פון דעם בליק און דעם אומאָרמונג־געפיל מער נישט געקאָנט באַפרייען. געמוזט אָפט אומקוקן זיך אויף דעם קינסטלער־קאָפּ מיט די טיפע ברוינע אויגן און דעם אָדלער־בליק. אָבער אויך ער האָט אָפט זי אָנגעקוקט און ענדלעך פאַרפירט אַ געשפּרעך. אומגעצוואונגען, פריי, ווי ער וואָלט זי געקענט. צווישן די אַקטן האָט ער זיך איר פאָרגעשטעלט. נאָך די אַקטן האָט ער ביי איר גענומען דאָס וואָרט, אַז זי וועט באַזוכן זיין סטודיאָ. אויב זי ליבט קונסט, וועט זי עס געוויס טאָן. און זי ליבט דאָך קונסט — אַזאַ איינע מיט אַזאַ געזיכט און אַזעלכע אויגן ליבט געוויס קונסט...

דאָס האָט ער נישט געטראָפן אָדער געזאָגט עס גלאַט אַזוי זיך. זי האָט זיך זייער ווייניק געאינטערעסירט מיט קונסט. זי געדענקט אפילו נישט די צייט, ווען זי איז געווען אין מעטראָפּאָליטאַן מוזעאום. אָבער זי האָט אים נישט דערקלערט זיין טעות, נאָר קאָקעטיש־שטיפעריש געזאָגט:

„מעג איך קומען מיט מיין מאַן?"

דערמיט געלאָזט אים וויסן, אַז זי איז פאַרהייראַט, און מיט אַ שמייכל צוגעקוקט, וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס האָט אויף אים געמאַכט.

איר פאַרהייראַט זיין האָט אים נישט אויסגעמאַכט, נאָר

איר מאַנס באַזוך האָט אים נישט אינטערעסירט. מיט זיין דורכנעמענדיקן בליק האָט ער געזאָגט:

„אויב ער וועט מיר נאָר נישט שטערן צו קוקן אויף אייך, מעגט איר אים ברענגען."

זי האָט פאַרגניגט אויפגעלאַכט, געפילט זיך שטאַרק גע־חנפעט. ווען זי איז געקומען אַהיים, האָט זי זיך באַזונדערס אָנגעקוקט אין שפיגל. אָ, געמאַכט אַן איינדרוק אויף אַ קינסט־לער!

זי האָט איר מאַן פון דער באַגעגעניש נישט דערציילט, כאָטש ער האָט יענעם אָוונט באַמערקט אַ באַזונדער אויפגע־לעבטקייט אין איר. עס איז געוועזן אַזוי אנגענעם איבער־צולעבן און איבערצולעבן אין זיך די דאָזיקע באַגעגעניש. און דאָך נישט געקאָנט פועלן ביי זיך צו באַזוכן זיין סטודיאָ. אַ וואָך איז אַריבער, און צוויי, און דריי. נישט געקאָנט אָנ־נעמען זיך מיט מוט.

אָבער וואָס באַשערט... איז זי געגאַנגען אין גאַס און האָט זיך מיט אים אָנגעטראָפן. אמת, זי האָט זיך געוואונטשן די באַגעגעניש. אמת, די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען נישט ווייט פון זיין סטודיאָ, כאָטש זי האָט אין יענע מקומות גאָרנישט נישט געהאַט וואָס צו טאָן. אָט, עס האָט זיך איר געוואָלט פאַרבייגיין פאַרביי דעם הויז פון זיין סטודיאָ, און טאָמער טאַקע וועלן זיי זיך באַגעגענען. און אָט איז ער טאַקע! זי האָט אים גלייך דערקענט — אפשר דערפאַר וואָס זי האָט אויסגעקוקט אויף אים די אויגן. אָבער ער איז געגאַנגען אַנט־קעגן איר, געקוקט אויף איר און נישט דערקענט, כאָטש זי האָט אים שוין צוגעשמייכלט. ערשט ווען ער איז צוגעקומען גאַנץ נאָענט, האָט ער זיך פריידיק אַ כאַפּ געטאָן.

„איר גייט צו מיר?!"

„ניין... עס איז נאָר צופעליק..."

„געבענטשט דער צופאַל! איצטער אָבער וועט איר אַרויף צו מיר."

גענומען זי אונטערן אָרעם, און זי איז אַרויף צו אים. אין יענעם ערשטן באַזוך האָט זי זיך געפילט נישט פריי,

עפּעס אַ מורא איז געלעגן אין איר, און זי איז געזעסן ווי ארומגעצוימט. ער האָט געפילט דעם ארומצוים, דעם ציטער אין איר, געוועזן זייער צאַרט און פיין, ביי איר אוועקגיין וואָרעם געקושט איר אָפּשייד־האַנט. אָבער אַ וואָך שפּעטער איז זי געקומען צו אים געטריבן פון אומגעדולד. דעמאָלט האָט ער זי גלייך אריינגענומען אין זיינע אָרעמס און געקושט זי אויף די ליפּן. זי איז נישט איבערראַשט געוואָרן. עס איז איר גע־ווען, ווי זי וואָלט דאָס דערוואַרט. עד היום קאָן זי נישט פאַרגעסן יענעם מאָמענט. פון דעמאָלט אָן האָט זי אים שוין אַ סך מאָל באַזוכט, אָבער זי מוז שטענדיק אומקערן זיך אין אירע געדאַנקען צו יענעם ערשטן מאָמענט, צו יענער ערשטער אומאַרמונג, צו יענע ערשטע קושן. זי וועט אַלט ווערן און יענעם ערשטן מאָמענט נישט פאַרגעסן. און זאָל עפּעס קומען אויף איר אַ צרה, וועט זי זוכן און געפינען פאַרגעסנקייט אין יענעם מאָמענט.

אָט איצטער... דער מאַן שטייט פאַר איר ווי אַ בייזע רעטעניש. עס קאָן זיין, אַז די לייזונג פון דער רעטעניש וועט זיין אַ קאַטאַסטראָפע. אָבער זי זעט פאַר זיך יענעם מאָמענט, לעבט אים איבער. ער גיט אריין אין איר מוט, און זי דער־לויבט זיך צו שפּילן מיט פייער.

„ווער איז דער ג ר ו י ס ע ר אומבאַקאַנטער?" פרעגט זי שטיפעריש.

„דאָס קאָנסטו זאָגן."

„ווי זעט ער אוים?"

„אדרבא, זאָג!"

„אינטערעסאַנט — ווי שטעלסטו זיך פאָר דעם מאַן, מיט וועמען דיין ווייב פירט אַ ליבע."

„ווען איך וואָלט געקאָנט לייענען געדאַנקען, וואָלט איך דיר געזאָגט. דו זעסט אים איצטער."

איר איז אומהיימלעך געוואָרן פון זיינע ווערטער. אַזוי זעריש זיינען זיי! אָבער זי האָט זיך גלייך געפונען.

„דו ביסט משוגע," האָט זי געזאָגט. „אָבער איך וויל ווימן, וואָס דו זעסט אין דיין משוגעת."

„פאַרשטייסטו דען נישט, אַז ווען איינער ווייס, אַז זיין פרוי פאַררעט אים, נאָר ער ווייס נאָך נישט מיט וועמען, זעט ער זי מיט יעדן מאַן — גרויס, קליין, שוואַרץ, בלאָנד און אפילו גרוי?"

„פוי!" האָט זי אויסגערעדט מיט עקל. „געגוג אַזוי צו רעדן!"

„דו האָסט אָנגעהויבן."

„דו האָסט אָנגעהויבן! מיט דיין איבעררעשן, דיין חשד."

„אָבער דו האָסט געוואָלט, איך זאָל דיר אויסמאָלן דיין געליבטן."

„איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט זיין קלוג גענוג און אויסמאָלן זיך אַליין."

„אַזאַ נאַר בין איך נישט."

„פאַרוואָס נישט?"

„פאַרוואָס בין איך נישט אַזאַ נאַר?"

„ניין, איך מיין, פאַרוואָס נישט אויסמאָלן זיך אַליין?"

„אונזער האָניק־חודש איז שוין לאַנג אַריבער. פון דיין פאַרליבטקייט איז שוין אפילו קיין דערינערונג נישט געבליבן."

„דאָס קאָנסטו אפשר זאָגן וועגן זיך אַליין, נישט וועגן מיר."

„וויל נישט נאַרן זיך און מיך. זאָג דעם אמת, דעם ריי־נעם אמת: טראַכסטו אַ מאָל וועגן אונזער ערשטער באַגעגעניש, אונזערע ערשטע טעג?"

„פאַרוואָס נישט? געוויס!"

„ווי פון אַ פאַרפלויגענעם שאָטן."

„ניין! דאָס טראַכסטו מסתמא אַזוי!"

„וויל מיר נישט איינרעדן. ווען דו וואָלסט ווען אַנדערש געטראַכט, איך וואָלט עס דערפילט: אין דיין באַגריסונג ביי מיין קומען אַהיים, אין דיין קוש, אין דיין אומאַרמונג..."

„זאָג מיר נישט, אַז דו האָסט עס נישט."

„זיכער נישט דעם לעצטן יאָר אָדער מער."

אַזויפיל טאַקע פאַרקערט זי מיט דעם קינסטלער. דער אָרעמער מאַן! ער האָט טאַקע ווירקלעך באַמערקט אַן אַנדערש

קייט, אַן אָפּגעקילטקייט אין איר באַציאונג צו אים. זי האָט עס נישט געוואָלט, אָבער, עס שיינט, זי האָט אַנדערש נישט געקאָנט. דער עיקר נאָך אין די טעג, ווען זי קומט פון איר באַזוך ביים קינסטלער. דעמאָלט איז ער, אָט דער דאָ, איר פּשוט צווידער, זיינע לאַסקעס אַן אָפּקומעניש. אין אַזוינע טעג וואָלט זי געוואָלט אים איינרעדן, אַז מענער זיינען חיות.

אָבער זי מאַכט זיך איצטער נישט וויסנדיק און זאָגט גאַנץ פאַרוואונדערט:

„וואָס איז? וואָס איז געשען אין לעצטן יאָר? בין איך צו דיר נישט גוט געוועזן?"

ער האָט אָפּגעלאַכט מיט חוזק.

„קום! קום צו מיר!" האָט זי געזאָגט. אויסגעצויגן צו אים אירע הענט, געלאָדן אין אירע אָרעמס. אירע אויגן האָבן אויפגעלויכטן, ווי צוויי ברענענדיקע ליכט הינטער אַ וואַסער־הייטל. אין דער האַלטונג פון איר קערפּער איז געוועזן ליידנ־שאַפט און באַגער.

עס האָט אויפגעפלאַקערט אין אים. אַ בייזקייט, אָבער נאָך מער אַ פאַרלאַנג נאָך איר. ער האָט זיך אַ באַוועג געטאָן צו איר. דער טעלעפאָן האָט זיך צוקלונגען און אָפּגעשטעלט אים.

זי האָט זיך שנעל אויפגעזעצט. ווידער שרעק און אומרו־איקייט אין איר. זי האָט בעסער געדאַרפט איצטער צוגיין צום טעלעפאָן. זי האָט אַ שטרעק געטאָן די הענט, געוואָלט עפּעס זאָגן, פאַרהאַלטן אים. אָבער ער איז שוין געווען ביים טעלעפאָן, אַראָפּגענומען דאָס טרייבל, אַריינגערופן „העלאָו!"

קיינער ענטפערט נישט.

„העלאָו!"

אַ שוואַכער, קוים־קוים צו הערנדיקער אָפּקלאַנג פון אַ פאַרזיכטיק אַראָפּגעלאָזענעם טרייבל.

ער האָט אַ ווײַלע אָפּגעוואַרט, לאַנגזאַם אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל, געקוקט אויף איר שאַרף און איינדרינגלעך.

עפּעס איז געשען! עפּעס, וואָס זי האָט געפילט, עס וועט

געשען, אויב ער וועט צוגיין צום טעלעפאָן. שטאַרק באַאומ־רואיקט האָט זי אויסגערופן:

„וואָס איז דאָס געווען?"

„אַ פאַלשע פאַרבינדונג."

„איז וואָס ביסטו אַזוי שטיין געבליבן?"

„ווייל דאָס איז נישט געווען קיין פאַלשע פאַרבינ־דונג."

„וואָס מיינט עס?"

„ווען דו וואָלסט צוגעקומען צום טעלעפאָן, וואָלט עס געווען אַ ריכטיקע פאַרבינדונג. אַ מאַן וואָלט געענטפערט „העלאָו!" און וואָלט אָנגעהויבן צו רעדן."

„פונוואַנען ווייסטו עס?"

„דאָס איז געווען אַ מאַן, און ער האָט געוואָלט דיך. ווען ער האָט דערהערט מיין שטימע, אַ מענערשטימע, האָט ער פאַרזיכטיק אויפגעהאַנגען דעם רעסיווער, אַוועקגעגנבט זיך, נישט אַרויסגעגעבן קיין טאָן."

„פונוואַנען ווייסטו דאָס אַלץ?!"

„איך קאָן שווערן."

„דו ווייסט נישט, וואָס דו רעדסט!"

זי האָט זיך צולאַכט.

„און דיין געלעכטער איצטער איז אַ פאַלשער, אַ גע־מאַכטער."

„אָ, דו וואַרפסט אויף מיר אָן אַ פחד! וועסט מיך באַלד אַריינטרייבן אין היסטעריקע מיט דיינע רייד!"

„איך באַגרייף."

„וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט? וואָס באַגרייפסטו? וואָס ווילסטו?"

„איך בין אויף דער שפּור."

„אויף וואָס פאַר אַ שפּור?!"

„פון דיין פאַרהעלטעניש מיט דעם מיר נאָך אומבאַ־קאַנטן."

זי האָט זיך צושריען מיט באַנומענע קולות:

„איך וויל עס נישט הערן, הערסטו! איך וויל עס נישט הערן!"

איצטער וועט זי ליקענען שטיין און ביין. וועט אים פארשרייען, פארטומלען. אָבער ער האָט קאַלטבלוטיק ווייטער גערעדט:

„איך ווייס, אַז דו ווילסט עס נישט הערן. אָבער דו וועסט די שפּור נישט מער פאַרווישן. איך וועל זי נישט אָפּלאָזן, ביז איך וועל אויסגעפינען."

„וועסט גאָרנישט אויסגעפינען! האָסט גאָרנישט וואָס אויסצוגעפינען!"

„וועסט מיר זאָגן, מיט וועמען דו האָסט היינט אַזוי לאַנג גערעדט אין טעלעפאָן."

„דו ווייסט עס שוין."

„איך ווייס עס נאָך נישט."

„דו ווייסט!"

„וועל איך אויפרופן ליוסין און זי פרעגן."

איר אָטעם איז איר שטיין געבליבן.

„דו וועסט עס נישט טאָן!" האָט עס אַרויסגעשריען פון איר מיט שרעק און פאַרצווייפלונג.

„איך וועל עס טאָן און גלייך. האָסט זיך דערשראָקן, וואָס?"

„איך וויל נישט די באַליידיקונג! איך וויל נישט, זי זאָל וויסן, אַז דו ביסט מיך חושד אין עפּעס און שפּיאָנירסט! איך וויל נישט אַריינפאַלן אין איר מויל!"

„ווער נישט אַזוי היסטעריש," האָט ער שאַרף אָפּגעשניטן.

„איך וועל ביי איר פרעגן, וואָס זי מאַכט, און וועל איר זאָגן, אַז זי פאַרדינט איר מיגרען, ווייל זי האָט גערעדט מיט דיר אַזוי לאַנג אין טעלעפאָן."

א גאַנץ קורצע פּאַוזע. א קליינע פּאַוזע אין א גרויסער פאַרלעגנהייט, אָבער זי האָט זיך גלייך געכאַפּט.

„איך וויל נישט די באַליידיקונג סיי־ווי־סיי. איך וויל זי נישט פון דיר," האָט זי געזאָגט. „דו וועסט זי אָפּרופן און וועסט דאָך אויסגעפינען, אַז זי האָט מיט מיר גערעדט, אָבער

איך וועל דיר קיינמאָל נישט מוחל זיין, וואָס דו האָסט מיר נישט געגלויבט... איך וועל דיך נישט קאָנען מער אָנקוקן..."

אָט. אַלץ שטייט איצטער אויף דער קאָרט. און זי האָט געוואונען.

ער האָט זיך פאַרלאָרן. עס איז געווען איבערצייגונג אין אירע ווערטער. און זין, און אמת. דאָס איז טאַקע אַ באַליידי־קונג. זי וועט זיין גערעכט, אויב זי וועט אים נישט וועלן מוחל זיין...

ער האָט זי אָנגעקוקט פון אונטערן שטערן. געוואָלט באַ־טראַכטן, וואָס ער זאָל ווייטער טאָן. אָבער ער האָט דערזען, אַז זי איז זייער שיין אין איר אויפרעגונג. דאָס פייער אין אירע אויגן איז געווען שרפענדיק, און עפּעס אין אים איז צור־שמאָלצן געוואָרן. ער האָט איר נישט געקאָנט מער ווי טאָן, געוואָלט זי ליבן, אין די אָרעמס אריינגעמען, קושן זי. ער האָט געקאָנט די היץ פון איר קערפּער אין מאָמענטן פון אויפ־רעגונג, געליבט עס אין איר. זאָל ער צו איר צוגיין, צוזעצן זיך, ארומנעמען זי? ער איז געשטאַנען, אָנגעקוקט זי, גע־קעמפט מיט זיך. ניין, עפּעס איז דאָך נישט ריכטיק, נאָר וויים ער נישט, ווי ארויסצוקריגן דעם אמת. אָבער ער טאָר נישט אָפּלאָזן.

„זיי זיך מודה, אַז דו האָסט מורא, איך זאָל זי אָפּרופן," האָט ער ווידער אָנגעהויבן.

בארואיקונג הייבט אָן אריינצוטרעטן אין איר — ער וועט ליוסין נישט אָפּרופן. און זי פילט אַ גרויסע שוואַכקייט, ווי נאָך אַן איבערגעלעבטן שרעק, און לייגט זיך ווידער אַוועק אויפן סאָפאַ.

„איך קאָן מיט דיר נישט רעדן," האָט זי קוים ארויסגערעדט.

זי איז געווען בלייך און מיד. ער האָט אויף איר רחמנות געקראָגן. איז צוגעקומען צו איר.

„זיי מיר מוחל," האָט ער געזאָגט, פול תשובה און חרטה, און אָנגעקוקט זי איבערבעטנדיק, אָבער אויך פאַרשנדיק. איז זי שוין מיט אים פאַרטיק, אָדער נישט? פאַרוואָס איז

ער געקומען אהיים אזוי פרי? פאַרוואָס וויל ער איר נישט זאָגן?

זי האָט געמאַכט אַ ברוגזדיק געזיכט, צונויפגעצויגן שטערן און ליפּן און געזאָגט מיט אַ טאָן פון באַליידיקטער אומשולד:

„ביסט געקומען אזוי פרי אהיים, זאָגסט נישט, פאַרוואָס דו ביסט געקומען, און טשעפּעסט זיך, טשעפּעסט זיך... פאַר־וואָס ביסטו געקומען אזוי פרי?"

„פרייסטו זיך נישט?"

„איך פריי זיך זייער שטאַרק, אָבער..."

„איך האָב געזען, ווי דו האָסט זיך דערפרייט."

„דו וואָלסט זיך פּונקט אזוי דערשראָקן. קומסט אריין אין דיין היים, וואו דו ערווארטסט קיינעם נישט, עפנסט אויף די טיר און דערזעעסט עמיצן... איך וואָלט געוואָלט זען, ווי דו וואָלסט זיך נישט דערשראָקן."

„אמת. און דאָך!"

„וואָס און דאָך?"

„קיין באַזונדער דערפרייטקייט האָב איך שפּעטער אויך נישט געזען."

„אז איך וויל וויסן, וואָס האָט דיך געבראַכט, און דו זאָגסט מיר נישט! וועסטו אמאָל זאָגן?"

„איך האָב געוואָלט זען, וואָס מיין פרוי טוט אין מיטן מיטוואָך."

„דו הייבסט שוין ווידער אָן! מער פרעג איך נישט."

„פאַרוואָס גלויבסטו נישט, אז איך האָב דאָס געוואָלט זען?"

„דו ווייסט געווי, וואָס איך טו. איך דערצייל דיר אַלץ."

„נאַטירלעך. דו דערציילסט מיר. אָבער..."

„דו גלויבסט מיר נישט."

„דאָס האָב איך נישט געזאָגט."

„איז וואָס האָסטו ווידער אָנגעהויבן אזוי צו רעדן?"

„איך וויל זיך צו עפּעס דעררעדן."

זי האָט אויפגעשריען:

„צו וואָס ווילסטו זיך דערערדן? ! זאָג עס אַרויס און פּאַרטיק!"

„איך בין נאָך נישט פּאַרטיק."

„ביסט מיך חושד! האָסט מיך געוואָלט איבעררא[שן]!"

„ניין."

„דו האָסט דאָך עס געזאָגט!"

„דאָס האָב איך גלאַט אַזוי גערעדט."

„אָ, דו מאַכסט מיך קראַנק! וואָס ווילסטו, וואָס? וואָס טשעפּעסטו זיך?"

ער האָט נישט געהאַט, וואָס צו זאָגן, אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט „אָפּטשעפּען". ער האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם נאָגנדיקן געפיל, אַז „עפּעס איז נישט גלאַט". דאָס האָט אים געעקבערט אין מוח, און ער האָט געזובט, גע־זובט... געדאַרפט אָפּרופן ליוסין. האָט זי דאָס גערעדט אין טע־לעפאָן, וועט אַראָפּ אַ באַרג פון אים, וועט ער פריי ווערן פון דעם עקבערן. האָט זי נישט גערעדט, וועט ער וויסן... וועט ער וויסן... זאָל ער עס טאָן? זאָל ער דאָך אָפּרופן ליוסין?

ער האָט זיך גענומען אַ פּאַפּיראָס און אונטערגעטראָגן איר זיין פּאַרטסיגאַר.

„לאָז מיך טעלעפאָנירן צו ליוסין."

זי האָט כעסדיק אָפּגעשטופּט זיין האַנט מיטן פּאַרטסיגאַר און איבערגעדרייט זיך צו אים מיטן רוקן.

ער האָט אָפּגעלאַכט, אַוועקגעזעצט זיך, פאַררויכערט, גע־לאָזן רויך־בויגעלעך און געטראַכט, געטראַכט.

ווען ער געפינט נאָר אויס דעם אמת וועגן טעלעפאָן! געוועזן אַזוי נאָענט... ווען ער איז פריער געוועזן ביים טעלעפאָן... גע־ווים געוועזן אַ מאַן... געוואָלט זי... אָדער אין דער פרי... „דער טעלעפאָן באַזעצט..." אַזוי נאָענט דאַכט זיך...

אָ, ער האָט עס! דאָס איז אַ פּלאַן! אויב ד ע ר וועט צו גאָרנישט דערפירן, וועט ער זיך אַנטשולדיקן. זי וועט מוזן פאַרשטיין, פאַרוואָס ער האָט דאָס געטאָן, פאַרוואָס ער האָט איר געזאָגט אַ ליגן...

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו איר און געזאָגט שאַרף, באַפוילעריש:

„עליזאַ!"

זי האָט געשוויגן. אָבער זי האָט אָנגעשפּיצט די אויערן. זיין טאָן זאָגט נישט אויף קיין גוטס. אָ, איצטער... איצטער וועט ער איר זאָגן!..

ער האָט איבערגעחזרט:

„עליזאַ!"

„וואָס ווילסטו?"

„דריי זיך איבער, קוק מיך אָן!"

„איך האָב נישט וואָס צו קוקן!"

„ווילסט דאָך נישט, איך זאָל צוגיין צו דיר און..."

„טו, וואָס דו ווילסט!"

ער איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צו איר. זי האָט געציטערט אין אַלע אברים, געוואָלט בלייבן ליגן, אָבער נישט אויסגעהאַלטן, האַלב אויפגעהויבן זיך און אָנגעקוקט אים מיט גרויסן שרעק, ווי אין דערוואַרטונג פון קלעפּ.

איצטער איז ער געוואָרן זיכער אין זיין זאַך. זיין האַרץ האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן, אין זיינע אויגן האָט אויפגעבליצט כעס, און זיין שטים איז געוועזן שאַרף שניידנדיק:

„ווי ווען איך האָב אויפגעכאַפּט דיין געשפּרעך אין טעלעפאָן?"

זי האָט אויפגעשריען, די הענט אויפגעהויבן אין פאַרטיידיקונג.

עס האָט אויפגעשטורמט אין אים. דער געמאַכטער כעס איז געוואָרן ווילדקייט, איז געוואָרן רציחה. אין קאָפּ האָט אים געברענט, די פינגער האָבן געקרעמפּט, און מיט צופּלאַצנדיקן האַרץ האָט ער ווילד־כעסדיק אַרויסגעציִשט:

„אהאַ! איך האָב דיך געכאַפּט! איצטער וועסטו מיר זאָגן, מיט וועמען דו האָסט גערעדט!"

זי איז אויסגעפּילט געוואָרן פון אַ טויטשרעק, האָט פאַרגעסן, אַז זי דאַרף לייקענען שטיין און ביין, פאַרלאָרן די מעגלעכקייט צו רעדן, נאָר געשטופּט זיך צום ווענטל פון סאָפאַ,

מיט דערשראָקענע אויגן געקוקט אויפֿן מאַן און רחמימדיק גע־שעפּטשעט:

„בעני! בעני!"

ער האָט זיך אָנגעבויגן צו איר, אָנגעשטעלט די הענט מיט צושפּרייצטע פינגער און נאָך ווילדער אַרויסגעבראַכט פון צווישן צונויפגעביסענע ציינער, מיט אַ פייער אין גאַנצן קערפּער:

„דו וועסט מיר זאָגן, מיט וועמען דו האָסט גערעדט!"

זי האָט אויפגעשריען ווי נישט מיט איר קול:

„בעני!"

ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַרן האַלז און אָנגעהויבן צו ווערגן:

„וועסט מיר זאָגן, מיט וועמען דו האָסט גערעדט!"

— — — — — — — —

דער שרייבער האָט זיך געריבן די הענט. אין זיינע אויגן האָט געפלאַמט דאָס פייער פון באַשאַפן.

דער צופאַל פון געקרויצטע דראָטן האָט אָנגערירט זיין פאַנטאַזיע, באַפרוכפּערט זי און עס איז באַשאַפן געוואָרן אַווירקלעכקייט, וואָס איז נישט ווייניקער ווירקלעך, ווי די, וואָס איז אינדערעמתן אָפּגעלאָפן.

די אשת איש איז אַוועק פון טעלעפאָן אַ ביסל אומרואיק, האָט זיך פאַרגעוואָרפן אומפאַרזיכטיקייט. נישט געדאַרפט רעדן פון דער היים, נישט געטאָרט זיך אָנפאַרטרויען דעם טעלעפאָן... דאָס איז געווען זייער נישט קלוג פון ז ײ ן זייט. און איר האַרץ האָט אַביסל געצאַפּלט ביים אָנקום פון איר מאַן. אָבער ער איז געקומען אַהיים ווי געוויינלעך, האָט גאָרנישט פאַרדעכטיקט. דיזעלביקע באַגריסונג, דערזעלביקער קוש. זי האָט אים פאַרזיכטיק אָנגעקוקט, געפאָרשט. אַ מאָמענט נאָר, און באַלד פאַרגעוויסערט זיך, אַז ער ווייס פון גאָרנישט. אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. זי איז געוואָרן אויפגעלעבט און פריילעך. געשיקט אין געדאַנק אַ שטיפערישן גרוס צו איר געליבטן און איז געווען גאַנץ באַזונדערס גוט און פריינטלעך צו איר מאַן.

ער דאַרף דאָך באַלוינט ווערן פאַר זיין זיסער אומוויסנהייט!

א קורצע מעשה, און ווייט נישט אזוי אינטערעסאַנט, ווי דיווירקלעכקייט, וואָס דער שרייבער האָט באשאפן. אגב וואָלט זי אים נישט אריינגעבראַכט אַזויפיל דאָלארס, ווי זיין פאַר־לענגערונג...

ער האָט געלאַכט. פאַר ווערמען א שרעק, פאַר ווערמען פרנסה! ער דאַרף זיך נאָר נאָך דערטראַכטן, פאַרוואָס איז דער מאַן דאָך געקומען אהיים פריער ווי שטענדיק. אָדער אפשר איז עס גאָרנישט נויטיק. יאָ, עס איז טאַקע נישט נויטיק!

ער האָט א דערציילונג! ער גייט גלייך אהיים און זעצט זיך שרייבן.

אהיים... האָט ער נישט געוואָלט פריער טעלעפאָנירן אהיים צו זיין ווייב? אָ, יאָ, ער האָט גאָר אין גאַנצן פארגעסן! ווען ער האָט אראָפּגענומען דאָס טעלעפאָן־טרייבל צו טעלע־פאָנירן איר, האָט ער דערהערט די שטימען. האָט ער שוין נעהאַט אָנגעגעבן די נומער אָדער נאָך נישט?

ער האָט זיך פלוצלונג דערפילט אומבאַקוועם. א מיאוסער געדאַנק איז אים דורכגעלאָפן.

האָט עס נישט צומאָל זיין ווייב גערעדט? דאָס איז נישט געווען איר קול, נישט איר אַרט צו רעדן... איז עס דאָך טאַקע געווען א פאַרשטעלטע שטימע... וואָלט זיין פרוי אזוי גע־קאָנט פאַרשטעלן איר שטימע, אז ער וואָלט זי אבסאָלוט נישט דערקענט?..

וויל זיך נישט ארויסדרייען, דו! טראַכט! טראַכט! טראַכט, אז דאָס איז געווען דיין ווייב... ווער אומרואיק... צאַפּל זיך... וואָס וועסטו טאָן? ווי גייסטו אויסגעפינען דעם אמת?... וועסטו איצטער אויספירן אין לעבן די טעמע, וואָס דו האָסט פאַר־טראַכט?... האָסטו מורא?

אַך, וואָס! דאָס איז נישט זי געווען! גאַנץ באַשטימט נישט זי!... ווי קאָן ער גאָר טראַכטן?!... ווי קאָן ער גאָר זי באַליידיקן?!... א, דו האָסט מורא! האָסט מורא!...

ער מוז שוין טראַכטן, ער מוז... ער קאָן דעם געדאַנק נישט פאַרטרייבן פון זיך... ער לאַכט פון זיך אליין. וואָס פאַר

אַ משוגעת! אָבער ער ווייס, אַז ווען ער וועט קומען אַהיים און זי נישט געפינען, וועט ער זיך אויפעסן. ער וועט זי זען ביי איר געליבטן, ביי דעם מאַן, וועמעס שטימע איז אים גע־ווען גאַנץ פרעמד, ביי דעם גרויסן אומבאַקאַנטן.

ער איז שוין כמעט זיכער, אַז ער וועט זי נישט געפינען אין דער היים, און הייבט זיך שוין אָן אויפצועסן. ער זוכט זי אַרום אין גרויסן ניו יאָרק. וואו קאָן זי נאָר זיין? ער גייט איבער אין קאָפּ פאַרשיידענע פריינט און באַקאַנטע. ווער איז דער געליבטער? ביי וועמען קאָן זי איצטער זיין? און ער מאָלט זיך בילדער, פון וועלכע עס וואַרפט אים.

פוי! ווערט ער נישט דער מאַן פון זיין אויסגעקלערטער ווירקלעכקייט?

ער לאַכט אָפּ צו זיך אַליין. אָבער זיין אויפלאַך האָט ווייטיק, שווערן האַרצשרעק.

יאָ, אָט איז ער, יענער מאַן. אָבער ער איז אין אַ בעסערער לאַגע. ער האָט געהערט דעם געשפּרעך. ער דאַרף נישט טאַפּן אין דער פינסטער, דערדערן זיך. ווען זי וועט זיין אין דער היים, ווען ער וועט קומען, וועט ער ווייסן, וואָס צו לייענען אין אירע אויגן...

ווען ער איז צוגעקומען צו דער טיר פון זיין דירה, האָט זיין האַרץ אים שטאַרק געקלעמט; און ווען ער האָט אויפגע־עפנט די טיר, איז ער געווען אָן אָטעם. אָבער זיין ווייב האָט אים באַגעגנט מיט אַ האַרציקן „העלאָו, טייערער!״ פול ליב־טיקייט און ליבע. דאָך גלייך זיך פאַרוואונדערט איבער זיין אויפגערעגטקייט און אָטעמלאָזיקייט.

„וואָס איז מיט דיר, געליבטער?״

אָ, אויפן וועג אַהיים האָט ער פאַרטראַכט אַ דערציילונג און אויסגעאַרבעט זי אין אַלע איינצלהייטן... דאָס האָט אים אַזוי אויפגערעגט. ווי געוויינלעך. דערצו איז ער פון דער כאָבוויי ביז דער היים מער געלאָפן, ווי געגאַנגען, ברענענדיק צו דערציילן זיין נייעם איינפאַל.

זי איז געווען אַנטציקט, האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי זיינע פיס, מיט לייכטנדיקע אויגן געקוקט אויף אים, מיט אַ גליק־

זעליקן שמייכל אויפגענומען די מעשה, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין איר מאַנס קאָפּ.

ער האָט אָנגעהויבן פון רעכטן אָנהייב. דעם אונטערגע־הערטן געשפּרעך פון די פאַרליבטע זינדיקע האָט ער איבערגע־געבן זייער לאַנגזאַם און דערביי געקוקט אויף איר שפּיאָניש, נאָכגעפאָלגט יעדן ווינק פון אירע אויגן.

זי אָבער האָט נישט אַ ווינק געטאָן מיט אַן אויג. האָט צו־געהערט מיט גרויסן אינטערעס, געלאַכט, נישט געוואָלט גלייבן, אַז ער האָט ווירקלעך אונטערגעהערט אַזאַ געשפּרעך, מיט אַ גוטמוטיקן פאַרוואורפספולן „אָ!" האָט זי פּראָטעסטירט קעגן זיין אַריינשרייען אין טעלעפאָן, צוגעגעבן, אַז עס איז טאַקע געווען געמיין אונטערצוהערן דעם געשפּרעך...

אבסאָלוט ריין און אומשולדיק. און דאָך גריבלט און קראַצט עס אין אים.

ווען ער האָט געענדיקט, האָט זי אים גוט און האַרציק אָנגעקוקט. געטוליעט זיך צו אים. און פּלוצלונג גיט זי אַ פרעג:

„האָסטו נישט געזאָגט, אַז דו האָסט געוואָלט מיר טעלע־פאָנירן?"

„יאָ."

„איז דיר נישט איינגעפאַלן, אַז דאָס האָב איך גערעדט?"

ער האָט שולדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

„טאַקע איינגעפאַלן."

„נו? איז וואָס גייסטו טאָן?"

זי האָט אויסגעשטרעקט דעם האַלז.

ער האָט אויפגעלאַכט און גלייך אויפגעזיפצט:

„וועל פאַרלענגערן מיין דערציילונג!"

1934.

א רעטעניש

מיין פריינטס געזיכט איז געוועזן פארקרימט פון אַ אינערן ווייטיק, געמישט פון עקל. ער האָט מיר דערציילט פון זיין ערשטער ליבע. נישט איינער האָט שוין פארלאָרן זיין געליבטע, אָבער אַזוי פארלירן, ווי ער!... דאָס עסט און עסט אין אים, כאָטש דאָס איז שוין געשען מיט אַ סך יאָרן צוריק.

אָט וואָס ער האָט מיר דערציילט:

איך און זי זיינען אין איין דאָרף אויפגעוואקסן, אין שכנות געוואוינט — אַ פענסטער קעגן אַ פענסטער, פון וועלכע מיר פלעגן זיך איבערוואַרפן מיט בליקן, ווען מיר זיינען נישט געוועזן צוזאַמען אין שטוב אָדער דרויסן. פאַר די פענסטער זיינען געוואַקסן צוויי יונגע ביימלעך — פאַרוואָס געדענק איך זיי יעצט אַזוי? — עס שיינט מיר, דאָס בין איך און זי. מיר זיינען געוואַקסן צוזאַמען מיט די ביימלעך לאַנגזאַם לאַנגזאַם, און אונזער ליבע איז געוואַקסן מיט אונזער וואוקס. די ביימלעך זיינען אויך נישטאָ שוין מער. איינס פון זיי האָט אַ חזיר אונטערגעגראָבן, דאָס אַנדערע האָט אַ דונער איינגעשלאָגן.

יאָ־יאָ!

אַלזאָ ווייטער. ווען איך דערצייל דיר פון „אונזער" ליבע, דאַרפסטו פארשטיין, אַז מיר האָבן אונז קיינמאָל נישט אויסגעשפּראָכן. דאָרף מען זאָגן טאָג, ווען עס איז טאָג, און נאַכט, ווען עס איז נאַכט? פאַרשטייסט — אונזער ליבע איז געוועזן אַ גאַנץ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך. זי איז געוואַקסן מיט אונז, און אַלע האָבן געקוקט אויף אונז ווי אויף חתן־כלה פון קליינערהייט אָן. אונזערע עלטערן זיינען געוועזן פון גלייכן יחוס,

גוט אין מעמד און אַלטע פריינט. און איך בין געווען אַ גע־ראָטן יינגל, אַ וואויללערנער און אַ פיין קעפּל אין מסחר, און זי איז געווען אַ געראָטן מיידל, שיין און קלוג און אַ גרויסע בריה. בקיצור — אַ גוט, פּאַסנד פּאָרל, ווי גאָט האָט געבאָטן.

מיר האָבן אונז דערפאַר קיינמאָל נישט דערקלערט אין ליבע, אָבער אויך צו קיין אומאַרמונג און קוש איז עס צווישן אונז נישט געקומען. מיר זיינען ביידע געווען פרום. זי — ווי אַ מיידל קאָן און דאַרף זיין פרום; דער עיקר שטיל, צנועה־דיק, פּאַרזיכטיק, און אָפּגעהיט צווישן מענער. איך אָבער בין געווען פרום ווי אַ שטעקן. אויסערלעך — אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע און מיט לאַנגע געקרייזלטע פּאות — און אינער־לעך: פרום אָן חכמות, פרום, ווייל איך האָב געמוזט זיין פרום, ווייל איך האָב געהאַט דערצו אַ גרויסע בעדערפעניש. וועל איך דאָך קיין מיידל נישט קושן, און אפילו מיין כלה. און פלעגט עס אַמאָל קומען איבער מיר, און עס פלעגט זיך מיר פאַר־וועלן ארומנעמען זי, און צודריקן זי צו מיר, און אויסקושן איר אַלע גלידער, איז דאָס „מען טאָר נישט" געזעסן מיר פעסט אין דער נשמה און צוגעהאַלטן מיך, ווי מיט אייזערנע צוואַנגען. איך האָב מיך געהאַלטן, ווי אַ גוט דיסציפּלינירטער סאָלדאַט. רואיק געשטאַנען! האַלט זיך! איך האָב אָפּגעלייגט אויף דער צייט, ווען איך וועל מעגן — אויף נאָך דער חתונה, און די חתונה האָט געזאָלט זיין נאָך מיין פּריזיוו.

גלויב מיר, עס איז מיר געווען זייער שווער. דערהויפּט נאָך, וואָס זי איז געווען צו מיר זייער צוגעלאָזן. זי פלעגט עס ליב האָבן צוצוטוליען זיך צו מיר, ארומלייגן די האַנט ארום מיר. צופעליק, ווי נישט געוואָלט, אָבער דאָך מיט אַ ציט־טער אין גאַנצן קערפּער, מיט אַ טרייסלעניש אין די הענט. אָבער איך בין געווען ווי איין אַלטער אָפּגעלעבטער פרוש. אָדער איך פלעג עס נישט מערקן, אָדער איך פלעג זי אָפּרוקן פון מיר. קאָנסטו אזוינס באַגרייפן אין אַ צוואַנציקיאָריקן גע־זונטן בחור?

דו שטעל דיר פאָר: איך האָב מיך איינמאָל געשיפּט מיט איר — אָזעלכע זאַכן האָב איך מיר דערלויבט; איך

פלעג אויך גיין מיט איר יאגדעס קלייבן אין וואלד, גאנץ אליין, און פיש כאפן און אזוי ווייטער — אלזא, מיר האבן אונז געשיפט. דאס איז געווען א זומער פארנאכט, ווען אלץ ארום דיר איז פול נגינה און דו ווערסט אנגעפילט פון אומ־צייליקע פארלאנגען, וועלכע טיילן זיך אפ צו דיר און דרינגען אין דיר אריין פון אלע די ארומיקע טענער — א גאנץ גע־פערלעכע צייט צו זיין דעמאלט אליין מיט א מיידל. אבער דאס וויים איך יעצט, דאמאלט האב איך עס נישט געוואוסט, איך בין ארומגעגאנגען ווי אין א פאנצער. איך האב מיך גע־שיפט, ווייל אויפן טייך איז געווען קיל, קילער ווי אין דארף, און ווייל איך האב בכלל ליב געהאט צו שיפן זיך. איך האב מיך געשיפט לשמיה ו׳שמה, פון דעם שיפן זיך יענן. איך בין שטארק פארטאן געווען אין מיין ארבעט, האב פלייסיק גע־ארבעט מיט די רודערס, אונטערגעזונגען, גערעדט, און ערגעץ־וואו ווייט אין מיר אויך הנאה געהאט, וואס זי איז דא מיט מיר — זי, וואס וועט זיין מיין ווייב נאך מיין פריזיוו, און צום פריזיוו זיינען מיר געבליבן נאר נאך עטלעכע חדשים.

פליצלינג האט זי זיך אויפגעגליטשט פון איר זיץ, צוגע־פויזעט צו מיר און ארויפגעלייגט דעם קאפ מיר אויפן שוים.

איך האב מיך עפעס, ווי דערשראקן, אבער מיין ערשטער געדאנק איז געווען, אז מיט איר קאפ ביי מיר אויפן שוים וועל איך נישט קאנען רודערן.

„טיק רודער נישט", האט זי מיר געזאגט. „לייג אוועק די רודערס."

דערפאר אבער האב איך מורא געהאט. איך האב גע־וואוסט, אז צווישן אונז וועט גארנישט געשען, אבער איך האב דעם קאמף נישט געוואלט. איך האב פארשפירט, אז עפעס רירט זיך אין מיר, און איך וועל מיך דארפן צונויפנעמען, וועל מיר דארפן אנטאן א כח. יא, ווען איך וואלט געקאנט רודערן, וואלט איך ווייטער גערודערט און געמאכט מיך נישט־וויסנדיק, אז זי האלט איר קאפ ביי מיר אויפן שוים, אבער אזוי... ניין, איך וועל בעסער אראפרוקן איר קאפ, צולייגן אים לעבן מיר

און זען, אַז איך זאָל קאָנען ווייטער רודערן. און פּלוצלונג זאָגט זי צו מיר:

„גיב מיר אַ קוש.”

זי האָט אַרויפגעקוקט צו מיר מיט פייער אין די אויגן, די ליפּן פונאַנדערגעעפנט, די ציינער צונויפגעפּרעסט און גע־וואַרט.

איך האָב מיך פאַרלאָרן, היים און קאַלט איז מיר גע־וואָרן. איך האָב דערפילט, אַז מיין פּאַנצער ווערט צופאַלן. איך קאָן איר נישט אָפּזאָגן. איך האָב מיך אָנגעהויבן אַרומ־צוקוקן, צי זעט נישט עמיצער. מיקיטאַ, אַ יונגער פויער, האָט זיך רואיק און לאַנגזאַם געשיפּט הינטער אונז, די אויגן גע־ווענדט אויף אונז. איך האָב געדאַרפט אויסשרייען: „נאַ־טירלעך!” איך האָב מיך געדאַרפט ריכטן, אַז ער וועט דאָ זיין. וואָרום וואו איך פלעג זיין מיט איר אַליין, פּלעגט ער עפּעס ווי פון דער ערד אויסוואַקסן. איך האָב מיך קיינמאָל דערפון נישט אויסגעמאַכט, מיר איז דאָס אַפילו נישט אויפגעפאַלן, יעצט אָבער האָט עס אויפגעקאָכט אין מיר קעגן אים.

איך האָב שנעל אַראָפּגערוקט איר קאָפּ פון מיין שויס.

„מיקיטאַ קוקט!”

זי האָט זיך אויפגעזעצט, לאַנגזאַם, מיד, מיט אַ בייזן אויסדרוק אויפן געזיכט. די גאַנצע צייט האָט זי מער קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. „ניין” האָט זי געענטפערט און „יאָ”, אָדער גאָרנישט געענטפערט. אויך אויפן וועג אַהיים האָט זי קוים אַ וואָרט אַרויסגערעדט, און איר „גוטע־נאַכט” איז אייז־קאַלט געווען.

זי איז ווי אומגעענדערט געוואָרן, האָט זיך גאַנץ געביטן. ווייניק געלאָזן זיך זען, ווייניק גערעדט מיט מיר. און טרוקן אַזוי, אָפט באַגלייטנדיק אירע ווערטער מיט אַ מאָדנעם האַרטן אויפלאַכן, וואָס איך האָב גאָר קיינמאָל נישט געהערט ביי איר. איך האָב נאַטירלעך באַמערקט די ענדערונג — נישט אַזוי שנעל, ווייל אויסערלעך איז דאָך אין אונזערע באַציאונגען קיינמאָל נישט געווען קיין סך ליבע. עס האָט מיך געקרענקט, וואָס זי האָט זיך פּלוצלונג אָנגעהויבן גאָר צו דערווייטערן.

אָבער איך האָב זי נישט געפרעגט, וואָס איז די אורזאַך, געמאַכט מיך נישט־באַמערקנדיק. סיי ווי סיי איז דאָך באַלד די חתונה. און טאַקע גוט צו זיין א ביסל דערווייטערט.

ענדלעך איז אָנגעקומען דער פריזיוו. איך בין אוועק אין שטאָט. עס האָט זיך אָנגעהויבן א סדרה באַהעלטעניש. איך האָב געהאַט אויסזיכטן אויף אויסצודרייען זיך פון דינסט, ווען איך וועל נאָר צייט געווינען. איך בין אוועק צו א מומען אין א ווייט שטעטל, געזעסן איינגעשפּאַרט און אויף דער גאַס נישט באַוויזן זיך. עס זיינען אוועק אַזוי זעקס וואָכן. פּלוצלונג באַקום איך א בריוו פון דער היים, איך זאָל אויף גאָרנישט קוקן און גלייך קומען. עטוואָס שרעקלעכעס האָט פּאַסירט, עטוואָס אומגלויבלעכעס.

אָן שאלות און מעלות בין איך אוועקגעפאָרן אַהיים — —

זי האָט זיך געשמדט און חתונה געהאַט מיט מיקיטאַן!

הערסט, איך קאָן דיר גאָר ווייטער נישט דערציילן. ווען דו וואָלסט געוואוסט, ווי מיר איז! שטענדיק, ווען איך טראַכט דערפון, איז מיר, ווי מיין קערפּער וואָלט מיט שפּילקעס געשטאָכן געוואָרן. שטייט מיר נישט מיין האָר אויפן קאָפּ? מיר דוכט, זיי זיינען מיר ווי די טשוועקעס. — גיב מיר א ביסל וואַסער. — אַזוי. —

און יעצט בקיצור.

זי האָט זיך געשמדט און חתונה געהאַט מיט מיקיטאַן, מיט דעם יונגן פּויער, וועלכער איז געוועזן אונזער שטומער באַגלייטער אויף אונזערע איינזאַמע וועגן. דאָס איז געקומען אויף אונזערעביידע פאַמיליעס, ווי א דונער פון א קלאָרן הימל. מען האָט זיך עס נישט געוואָלט גלויבן, איינער האָט אָנגעקוקט דעם צווייטן פאַרוואונדערט, קשהדיק. ווי איז עס מעגלעך? ווי אַזוי האָט עס געקאָנט טרעפן? איז עס נישט א חלום?

מען האָט קיינעם נישט צוגעלאָזן צו איר. מען האָט אָנגעזאָגט די יידן פון דאָרף, אַז אויב זייער לעבן איז זיי ליב, זאָל מען זי לאָזן צורו. אָבער די יידן האָבן אויף גאָרנישט נעקוקט און אָנגעווענדעט אַלע מיטלען אויף צו זען זיך מיט

איר. איר מוטער איז אָפּגעלעגן דריי טעג און דריי נעכט אונטער מיקיטאַס פּענסטער, געריסן אויף זיך די האָר און גע־שריען און געוויינט. אָבער אַלץ איז געווען אומזיסט. האָט מען מיך אַרויסגערופן. טאָמער וועל איך קאָנען אויף איר ווירקן.

איך בין נאָר אַריינגעפאַלן אין אַ היסטעריקע און אַוועק־געלייגט זיך אויף לאַנגע וואָכן און חדשים אין אַ פּיבער.

מען האָט געוואָלט אויסנוצן מיין קראַנקהייט אויף איבערצו־ענדערן איר זין, דערווייבן איר האַרץ. זע, גזלנטע, דו האָסט דאָך אַ מענטשן דערהרגעט. אָבער ווען מען האָט איר גערעדט פון מיר, איז איר געזיכט נאָך האַרטער און בייזער געוואָרן.

זי איז געבליבן אַ גויה און ביי איר מיקיטאַן. און ווי אויף צו להכעיס איז זי געבליבן וואוינען אין אונזער דאָרף און אומברחמנותדיק געשטאַנען אין די אויגן און הערצער פון אירע עלטערן און קרובים און פריינד. מען האָט זי נישט אויפגעהערט צו שעלטן און קללהן אונטער די אויגן און אין די אויגן. און אין דער אייגענער צייט איז זי געווען פאַר אַלעמען אַ שווערע רעטעניש. דאַכט זיך שטענדיק אַזאַ גוטע געווען. פון וואַנען קומט עס צו איר פּלוצלונג אַזאַ שטיינערן האַרץ? —

ווען איך האָב ווידער אָנגעהויבן אַרומצוגיין, האָב איך מיך די ערשטע זאַך אַוועקגעשלעפּט צו איר הויז. דאָס הייסט, צוערשט בין איך געזעסן פאַרנט פאַר אונזער הויז און געוואַרט, טאָמער וועט זי פאַרבייגיין; איך האָב מיר אויסגעקוקט מיינע אויגן. און ווען איך האָב מיך נישט געקאָנט דערוואַרטן, בין איך אויפגעשטאַנען און אַוועקגעגאַנגען. וואָס האָב איך געוואָלט פון איר? וואָס האָב איך געוואַרט? אויף וואָס האָב איך גע־האָפט? מיין האַרץ האָט געבלוט, און איך בין געגאַנגען. ווי עמיצער וואָלט מיך געשלעפּט. ביים פאַרקער אין געסל האָב איך זי אָנגעטראָפן, אויג אויף אויג, קיין איינציק נפש נישט אַרום אונז. עס האָט מיר אַ ריס געטאָן אין האַרצן און איך בין גע־פאַלן ווי אַן איבערגעזעגטער בוים פאַר אירע פיס.

ווען איך בין געקומען צו מיר, האָב איך מיך היסטעריש צעוויינט. זי איז געשטאַנען איבער מיר מיט אַ האַרטן, בייזן אויסדרוק אויפן געזיכט, ווי איר פּנים וואָלט צו שטיין געוואָרן,

און באַלד האָט זי שלאַנגיק־גיפטיק אַרויסגעשיפּעט פון צווישן די איינגעפּרעסטע ציינער:

„פאַרוואָס האָסטו מיך קיינמאָל נישט געקושט?!" — —

1912

.III

איר אויסקויף

די ציימונגען זיינען געוועזן פול מיט נייעס וועגן א נייער נאך קיינמאל נישט געזעענער ים־חיה. מ'האט געמיינט, אז די טיפ־קייטן פון ים האבן שוין מער קיין סודות נישט פאר אונז. און אט — דווקא: א ריזנפיש, א לויתן! און די וועלט איז איבער־ראשט, דערשטוינט...

און וואס עס טוט זיך ביי איר אונטער דער נאז, ווייס זי שוין אלץ? ווייס זי שוין וואס פאר א מענטשן עס דרייען זיך אויף איר ארום? אט אדרבא הערט א טשעקאווע זאך.

איר ווייסט דאך, איך בין א רייזנדיקער ביכער־אגענט, און א ביכער־אגענט מיט פרינציפן. ביכער־פארקויף איז טאקע מיין פרנסה, אבער דער עיקר בין איך אויסן ביכער־פארשפרייטונג. איך האב ביי זיך אפגעמאכט, אז עס טאר נישט זיין קיין יידישע שטוב אן א יידישן בוך...

עס רעדט זיך אזוי: „עס טאר נישט זיין"!... דאס הייסט, ווען עס וואלט אפגעהאנגען פון מיר, וואלט איך דורכגעפירט אזא געזעץ. יעדע יידישע היים מוז זיין פארזארגט מיט יידי־שע ביכער, און דווקא מיט גוטע, נישט מיט שונד. אבער אזא געזעץ איז נישטא און וועט נישט זיין, וועגד איך אן איבער־רעדונגס־קונסט. איך זאג מוסר, איך אפעליר צום שטאלץ־געפיל פון „עם־הספר", רוף ארויף דעם גייסט פון דער אלטער יידישער קולטור און לאז אראפ דעם פרייז ביז דער לעצטער טעגלעכקייט... האט רחמנות, יידן, אויף זיך אליין! לייענט די יידישע ליטעראטור! אונטערשטיצט זי און העלפט זיך! קויפט יידישע ביכער!...

אבער ווי וואלט געזאגט דער זיידע פון אלע יידישע בי־

בער־אַגענטן, דער אַלטער מענדעלי מוכר ספרים? „נישט דאָס בין איך אויסן!"

איך זאָג דאָס אַלץ אַנטקעגן דעם, אַז אַט האָבן מיך מיינע פּרינציפּן, נישט חס ושלום מיין פּרנסה, פאַרשלעפּט אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל, וואו עס וואוינען נאָר עטלעכע יידישע פאַמיליעס. איך האָב געוואוסט, אַז איך וועל זיכער נישט אויסשלאָגן די הוצאות, וועל פאַרלירן נאָך געלט און טרחה. אָבער פּרינציפּ איז פּרינציפּ. לאָמיר זיך נישט דאַרפן פאַרוואָרפן, אַז איך האָב געוואוסט פון פאַרוואָגלטע יידן און נישט געפּרוּווט מזכה צו זיין זיי מיט די שאַפונגען פון דער יידישער ליטעראַטור. זאָלן זיי נישט קויפן! אָבער זאָלן זיי כאָטש וויסן, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ זאַך...

ווייסט איר, הייסט עס, אַז איך געפין זיך אין דעם פאַרוואָרפענעם שטעטל. איז איצטער נאָך עפּעס.

איך בין זיך נוהג, אַז טאָג־טעגלעך שיק איך פון וועג אַ בריוול מיין ווייבל. לאָז קיין איין טאָג נישט דורך, עס מעג זיך קערן די וועלט. יעדן טאָג מוז זי קריגן פון מיר אַ בריוו. אפילו זונטיק — דעמאָלט שיק איך איר אַ „ספּעשל". די בריוו זיינען אַ מין טאָג־בוך. איך לאָז איר וויסן, וואָס איך האָב אויפגעטאָן, וועמען איך האָב אָנגעטראָפן. טשעקאָווע פּאַסירונגען, אויסטערלישע ענטפּערס פון יידישע מענטשן וועגן יידישע ביכער... און ווי איך פיל און — ווי פילט זי? און טאָקע אַ ליבע־בריוול. פּשט־פּשוט שיר־השירימדיק, כאָטש איך בין שוין פאַרהייראַט אַ שיינע פּאָר יאָר...

אָבער ווידער אַ מאָל: נישט דאָס בין איך אויסן!

איז ווייסט איר איצטער, אַז איך געפין זיך אין אַ פאַרוואָרפענעם שטעטל און בין זיך נוהג אוועקצושיקן יעדן טאָג אַ בריוו צו זוגתי היקרה אין ניו־יאָרק.

האָב איך דאָ אויך אויפגעשריבן אַ בריוו, אַריינגעלייגט אין קאָנווערט און כאַפּ זיך, אַז איך האָב נישט קיין מאַרקע, קיין סטעמפּ הייסט עס. קיין אחריות נישט. איך וועל זי קויפן אונטן אין האָטעל. לאָז זיך אויס, אַז אונטן אין האָטעל זיי־

נען איך אויסגעגאנגען אלע מארקעס. אבער דער פאסט־אפיס איז נישט ווייט. א פאר מינוטן גאנג.

גיי איך צום פאסט־אפיס. אויפן וועג געבליבן שטיין ביי א פענסטער פון א קליינעם ביכער־געשעפט. געוואלט זען, וואס פאר א ביכער מ'באט דא אן צום פארקויף. שוין א טבע אזא ביי מיר. קום אן אין פאסט־אפיס — שוין שפעט! אלע פענס־טערלעך צוגעמאכט, מ'פארקויפט שוין מער קיין מארקעס נישט.

איז עס פארדראסיק. צום ערשטן מאל קיין בריוו נישט אוועקשיקן! איך קאן נאטירלעך אוועקשיקן דעם בריוו אן א מארקע, און מיין ווייב וועט דארטן באצאלן. אבער זי קאן גראד נישט זיין אין דער היים, ווען דער בריווטרעגער וועט קומען. וועט ער דעם בריוו נישט איבערלאזן, און זי וועט בלייבן אן מיין בריוו. וועט נאטירלעך אומרואיק ווערן.

בין איך ש ו י ן אומרואיק געווארן און גיי ארויס פון פאסט־אפיס מיט פוילע טריט, קוים באוועגנדיק זיך, ווי אדם, ווען ער האט פארלאזן דעם גן־עדן. איך ווייס דאך, אז דארטן הינטער דעם פענסטערל זיינען פאראן סטעמפס לרוב, און די פארקויפער זיינען אויך נאך דארטן — איך הער דאך זייערע שטימען הינטער די דינע ווענטלעך מיט די בלינדע אויגן, די צוגעמאכטע פענסטערלעך. גיי איך, און וויל נישט אוועקגיין. ווארט עפעס אויף א נס. אפשר וועט זיך א פענסטערל אויפ־עפענען, א סטעמפ־פארקויפער וועט ארויסקוקן, מרחם זיין זיך... אין טיר בלייב איך נאך שטיין און קוק זיך אום מיט אזא רחמנות־בעטנדיקן בליק. דאס פענסטערל האט דאכט זיך געדארפט צושמאלצן ווערן... און ווען איך קום־ארויס אין דרויסן, וויל איך נאך אלץ נישט אוועקגיין. בלייב שטיין אויבן אויף די ברייטע טרעפ, און האב א פארקנייטשט, פארדראסיק געזיכט, און האלט דעם בריוו מיט ביידע הענט, מיט רחמנות אויף זיך און אום אים...

אונטן לינקס ביי די טרעפ איז געשטאנען א גרויסער בריוו־קאסטן — ווי צו רייצן זיך. ווען איך וואלט געהאט א מארקע אויפן קאנווערט, וואלט ער מיר געווען א פריינד, אן אייגענער, אבער איצטער איז ער מיר א פרעמדער, א הארצ־

וויטיק. איך וויל נישט קוקן אויף אים. אָבער לעבן אים איז געשטאַנען אַן עלטערע פרוי, אַ הויכע, אַ שלאַנקע, מיט אַ שיינעם, פאַרנעמען געזיכט, און האָט געקוקט אויף מיר מיט דעם פיינעם שמייכל פון אַ דאָקטאָר, וואָס איז ביכולת ארויס־צוגלעטן פון אַ חולה דעם שרעק איבער אַן איינגערעדטער טויטלעכער קרענק. איך האָב אָנגעהויבן לאַנגזאַם אָראָפּצוציִען די טרעפּ, די אויגן אָנגעשטעלט אויף איר, גאַנץ מיסטיפיצירט פון איר שמייכל. ווען איך וועל זיך אויסגלייכן מיט איר, וועל איך בלייבן שטיין, קיין וואָרט נישט זאָגן און אויף עפּעס וואַרטן...

אָבער אַז איך האָב לאַנגזאַם, ווי פאַרכישופט, אַראָפּגע־שטעלט מיין פוס אויף דער צווייטער אונטערשטער טרעפּ, האָט זי אויפגעטאָן איר מויל און ארויסגערעדט די ליכטיקע ווערטער:

„דאַרפט איר אפשר אַ סטעמפּ?"

מיין בלוט האָט תיים אַ בוואַליע געטאָן, די פרייל עכע איבעררֹאַשונג האָט ביי מיר כמעט אָפּגענומען דאָס לשון.

„יאָ־אָ־אָ!" האָב איך ארויסגעשטאַמלט. „זייער נויטיק... איך האָב פאַרשפּעטיקט... שוין פאַרשלאָסן..."

און זי זאָגט:

„איך קאָן אייך געבן. וויפיל דאַרפט איר?"

„איינע בלויז!" האָט ארויסגעקוועלט פון מיר, און איך האָב אריינגעשיקט די האַנט אין מיין הויזן־קעשענע נאָך געלט. מיינע פינגער האָבן אָנגעטאַפּט אַ דיים. איך וועל ביי איר קיין אויסגאָב נישט נעמען. דער סטעמפּ־אָנבאָט איז דאָך ביי איר געווים אַ בעטל־געשעפט, אַ צוגאַנג צו נדבות. און אפשר זאָל איך איר געבן אַ גאַנצן קוואָדער? זי האָט אים ביי מיר כשר פאַרדינט. און אַזויפיל פאַרנעמקייט און פיינקייט אין איר גאַנצער פיגור! געווים איינע, וואָס האָט געזען בעסערע צייטן און איז אַראָפּגעדריקט געוואָרן צו בעטלעריי.

זי האָט אויפגעעפנט איר האַנט־בייטל און ארויסגעזוכט פון דאָרטן אַ סטעמפּ־ביכעלע. איך האָב געקוקט אויף אירע זובנדיקע פינגער און געבענטשט זייער יעדע באַוועגונג.

אין איינער פון די בייטל־קעשענעס האָב איך געזען אַ גרינעם צענע־ל — אַ צענדאָלאַר־אסיגנאַציע. אָבער איך וועל איר געבן אַ קוואָדער. איך וואָלט זי אפילו אָנגעקושט. אַי, אַ לעבן אויף איר!

זי האָט אַרויסגעריסן פון ביכעלע אַ מאַרקע, באַנעצט זי מיט דער צונג און אַרויפגעקלעפּט זי אויפן קאָנווערט אין מיין האַנט.

„אָט, און זייט פריילעך!"

„טויזנטער, טויזנטער דאַנקען!" האָב איך אַרויסגעיובלט. און אונטערגעטראָגן איר די מטבע.

„אָ, ניין! אָ, ניין!" האָט זי געזאָגט און געמאַכט מיט דער האַנט, איך זאָל אַוועקנעמען מיין האַנט מיט דער מטבע.

איך בין פאַרחידושט געוואָרן, נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט. אין אויגנבליק פאַרטייטשט עס, אַז זי דענקט, אַז זי דאַרף מיר געבן אויסגאַב און האָט נישט, אָבער איך האָב קיין מוט נישט געהאַט צו זאָגן איר, אַז דאָס גיב איך איר דעם גאַנצן קוואָדער. עפּעס האָב איך פאַרלאָרן די זיכערקייט, אַז דאָס איז אַ פאַרנעמע בעטלערקע.

„וואָס זאָל עס באַדייטן?" האָב איך זי ענדלעך גע-פרעגט.

„איר דאַרפט מיר נישט באַצאָלן פאַרן סטעמפּ — דאָס איז, וואָס איך מיין," האָט זי געענטפערט מיט אַ חיותדיקן שמייכל, אויפגעעפנט איר בייטל, אַריינצולייגן צוריק דאָס סטעמפּ־ביכל, און דערביי געזאָגט: „אויב איר דאַרפט נאָך סטעמפּס, שעמט זיך נישט."

איך האָב זי נישט געקאָנט באַגרייפן, געפילט, אַז איך קאָן דעם בריוו נישט אַוועקשיקן, געקוקט אויף אים, נישט וויסנדיק, וואָס צו טאָן מיט אים.

„אָבער ווירקלעך..." האָב איך געשטאַמלט.

זי האָט אַרויסגענומען דעם בריוו פון מיינע הענט און אַריינגעוואָרפן אין קאַסטן.

„אָט, אָפּגעטאָן."

און איך האָב ווייטער געשטאַמלט:

„אָבער ווירקלעך... אויב איר האָט נישט קיין אויסגאַב... קאָנט איר..."

זי האָט זיך צולאַכט.

איר זייט דאָ אַ פרעמדער?"

„יאָ, איך בין."

„איז קומט, לאָמיר גיין, און איך וועל אייך דערציילן מיין געשיכטע."

נאָך די ערשטע פאָר שריט האָט זי אָנגעהויבן:

„עס איז געווען אַמאָל אַ צייט, ווען איך בין געווען יונג און בין געווען שיין..."

„אפילו אַ שיינהייט," האָב איך צוגעגעבן.

„פון וואַנען ווייסט איר?"

„און יונגעלייט זיינען געווען אייער כפרה."

„וועט איר דערציילן מיין געשיכטע?"

„ניין. דאָס איז אַלץ, וואָס איך ווייס."

„טאָ הערט מער. איך האָב זיך פון קיינעם פון מיינע כפרות נישט אויסגעמאַכט. איך בין ביי זיך געווען זייער שטאָלץ און האָב געוואַרט אויף דעם פרינץ פון וויילס. שפּעטער איז צוגעקומען איינער, וואָס איז נישט געווען פרינץ פון וויילס, אָבער אַ פרינץ אָרום און אָרום..."

זי איז געגאַנגען פּאַמעלעך, מיט אויגן, וואָס האָבן טרויעריק געקוקט אין איר פאַרגאַנגענהייט, און האָט לאַנגזאַם גערעדט:

„אַ פרינץ... שיין, קרעפטיק, קלוג, געבילדעט, אַ גרויסער פאַרדינער. ער האָט זיך שטאַרק פאַרליבט אין מיר, און איך בין צו אים אויך נישט געווען גלייכגילטיק. אָבער איך האָב זיך נישט געאײַלט אַרויסצובאַווייזן עס אים. איך בין נישט געווען פאַרטיק מיט זיך, האָב נאָך אַלץ אויף עפּעס געוואַרט."

אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן. אים איז געוואָרן ענג אין שטעטל, ער איז געוואָרן אומגעדולדיק, און איין שיינעם טאָג האָט ער זיך אויפגעהויבן און איז אַוועקגעפאָרן. דעמאָלט האָט זי דערפילט, אַז ער פעלט איר. דאָס

שטעטל איז איר פֿלוצלונג פּוסט געוואָרן און אין צוויי־דריי טעג האָט זי געוואוסט, אַז זי ליבט אים, ליבט אים זייער שטאַרק. האָט אָנגעהויבן צו בענקען נאָך אים, צו וויינען, תּפֿילה צו טאָן, ער זאָל קומען צוריק, לאָזן פֿון זיך הערן.

ער האָט געלאָזט פֿון זיך הערן. אין אַ פֿינף־זעקס וואָכן אַרום איז אָנגעקומען פֿון אים אַ בריוו. ער האָט געמיינט, אַז אויב ער וועט אַנטלויפֿן, וועט ער זיך ראַטעווען. אָבער ער איז דערזעלביקער אומגליקלעכער, אומבאַפֿרייטער. ער איז איצטער נאָך מער צוגעבונדן צו איר. ער קאָן אָן איר נישט לעבן מער. אָבער איידער ער גייט וואָס טאָן מיט זיך, וויל ער נאָך פֿון איר הערן. אויב ער וועט אין דריי טעג נישט האָבן פֿון איר קיין ענטפֿער, וועט זיין גורל זיין באַשלאָסן — דריי טעג האָט געדאַרפֿט געדויערן, אַז אַ באַלדיקער ענטפֿער זאָל אים דער־גרייכן.

זי האָט זיך גלייך אָוועקגעזעצט און געענטפֿערט. אויס־געגאָסן פֿאַר אים איר האַרץ, מתוודה געווען זיך אין איר פֿאַרליבטער בענקעניש נאָך אים און באַשוואָרן אים, ער זאָל גלייך קומען צוריק.

אַריינגעלייגט דעם בריוו אין אַ קאָנווערט און געלאָפֿן צום פּאָסט־אָפּיס צו קויפֿן אַ מאַרקע.

„געקומען, אַט אַזוי ווי איר איצטער. פֿאַרשלאָסן. און אין יענע יאָרן, דאַרפֿט איר וויסן, איז אונזער שטעטל געווען אַ סך קלענער און פֿאַרוואָרפֿענער ווי איצטער. אַז דער פּאָסט־אָפּיס איז געווען פֿאַרשלאָסן, איז קיין סטעמפּ נישט געווען צו קריגן פֿאַר קיין געלט נישט. איך בין געלאָפֿן פֿון שטוב צו שטוב, איבערגעוועזן אין די פּאָר קראָמען. נישטאָ. קיינער האָט נישט. מ'האָט אַפֿילו געלאַכט פֿון מיר, וואָס מיר פֿאַלט גאָר איין נאָאַבצופּרעגן. וואָס איז, איך וויים נישט? קיינער פֿאַרזאָרגט זיך נישט מיט סטעמפּס.

„איז וואָס טאָן? דער פּאָסט־צוג נעמט־אָוועק די בריוו גאַנץ אין דער פֿרי, אַט ווי איצטער. איז וועל איך אים טעלע־גראַפֿירן.״

אָבער דעמאָלט גראַד האָט עס זי ווידער אַ רייץ־געטאָן. אַ טעלעגראַם וועט זיין צופֿיל צוגעגעבן פֿון איר זייט. אפֿשר

האָט זי אויך דעם בריוו געדאַרפט שרייבן אַ ביסל קילער, איבערגעלייגטער. איינציקע צו־היציקע אויסדרוקן דאַרפן טאַקע געענדערט ווערן... זי וועט טאַקע איבערשרייבן דעם בריוו... און עס מאַכט טאַקע נישט אויס, אַז ער וועט קריגן דעם בריוו מיט אַ טאָג שפּעטער... עס איז אפשר אַזוי גלייכער...

„בקיצור," האָט זי געזאָגט, „איך האָב צוריק אויפגע־עפנט דעם בריוו, אָבער געפונען, אַז איך קאָן אין אים גאָר נישט ענדערן. איך האָב געוויינט, ווען איך האָב אים געלייענט. עס איז געווען אַלץ אמת. איך האָב אים שטאַרק גע־ליבט. אָבער איך האָב נישט טעלעגראַפירט, נאָר אויף מאָרגן אָפּגעשיקט דעם בריוו..."

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, איז דאַכט זיך קלענער געוואָרן, געוועזן בלייך און אויפגערעגט.

זאָל איך טרעפן, וואָס עס איז געוועזן ווייטער? איך האָב אָן עפּן געטאָן מיין מויל צו זאָגן עפּעס, אָבער זי האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף מיין אָרעם.

„איין מאָמענט, איך בעט אייך."

זי האָט עפּעס אַראָפּגעדריקט אין האַלז און ווייטער גע־רעדט:

„ווען אין דריי טעג אַרום האָט דער בריוו־טרעגער אים נישט געבראַכט דעם דערוואַרטעטן בריוו, איז ער אַריין צו זיך אין צימער און האָט זיך דערשאָסן."

„הם!" האָט זיך ביי מיר אַרויסגעריסן, רחמנות־פול.

„יאָ!" האָט זי אָפּגעזיפצט. „דערשאָסן זיך. אויף טויט. איך בין געבליבן לעבן. זיין אייביקע געטריע אַלמנה..."

„אַ־אָ!"

„נישט חתונה געהאַט... אָבער אויך גענומען אויף זיך, אַז אויב איך קאָן נאָר העלפן זאָל זיך נאָך אַזאַ מעשה מיט אַ סטעמפּ נישט איבער־חזרן. איז ווי איר זעט: אַלע פאַרנאַכט, ווען עס שליסט זיך דער פּאָסט־אָפיס, קום איך אַהער צו מיט פּאַרטיקע סטעמפּס... האָב איך נישט געהאָלפן?"

„אפילו זייער. אַ בריוו צו מיין ווייב, אָבער אַ ליבער בריוו...״

„דאָס פרייט מיך צו הערן.״

„אָבער פאַרוואָס ווילט איר קיין געלט נישט.״

„אָ, ניין, ניין!״ האָט זי אויסגערופן. „דאָס איז מיין אויסקויף־געלט פאַר מיין פאַרברעך.״

1934

וואס איז דער מענטש

צום אנדענק פון יונגן קינסטלער, סקולפ-
טאר און מאלער ל. רזשעוויקינסאן.

1.

דער יונגער מוזיקער יאַקאָבסאָן האָט צו זיין פיר־און־צוואַנציקסטן יאָר שוין געהאַט פאַרפאַסט אַ סך ווערק, וועלכע האָבן אים געמאַכט אַ גרויסן נאָמען. די מוזיקאַלישע וועלט האָט פון אים אַ סך גערעדט. מען האָט געלויבט זיינע געשאַפענע ווערק און געוואַרט פון אים אויף נאָך בעסערע און באַדייטנדערע. דער יונגער מענטש, האָט מען גערעדט און געשריבן, רוקט זיך צום סאַמע אויבן־אָן פון די מוזיקאַלישע געניוסן.

אָבער מער ווי אַלע קריטיקער האָט ער אַליין געוואוסט, וואָס די מוזיק האָט פון אים צו דערוואַרטן. ער האָט געפילט אין זיך ריזיקע כחות, אַ גרויסע שאַפונגס־ענערגיע און דערביי אַן ערלעכן קינסטלערישן ווילן, וועלכער האָט זיך נישט געקאָנט אַריינלאָזן אין קאָמפּראָמיסן.

צו יענער צייט האָט ער זיך געהאַט צוזאַמענגעשטעלט אַ שאַפונגס־פילאָזאָפיע, וועלכע איז אויך געוואָרן זיין רעליגיע. ער האָט זי אַנטוויקלט אַזוי:

אַלע אמתע טאַלאַנטן זיינען אויסגעוויילטע פון גאָט, פון עפּעס אַן אייביקער וועלט־קראַפט, וועלכע זעצט־פאָר איר שאַפן דורך זיי. אַן אמתער טאַלאַנט שאַפט נישט, ווייל ער וויל, נאָר ווייל ער מוז. ווייל ער איז געטריבן דורך דער דאָזיקער אייביקער

קראַפט, וועלכע הייסט אים: „שאַ! טו מיין ארבעט, וועלכע איך וויל זי זאָל געטאָן ווערן!" אַז אמתער טאַלאַנט ווייס דערפאַר נישט, פון וואַנען עס קומען צו אים די אידעען און געדאַנקען און אַלע די זעאונגען. ער זוכט זיי נישט, ער טראַכט זיי נישט אויס. זיי ווערן אים צוגעשיקט פון דער אייביקער קראַפט, וועלכע האָט אים אויסגעוויילט, צו שאַפן דורך אים. זיי ווערן אים פון איר דיקטירט.

פון דער דאָזיקער אָנשויאונג איבער דעם אמתן קינסטלער איז ער געקומען צום שלוס, וועלכער איז געוואָרן זיין פעסט־טעסטע איבערצייגונג, אַז דער אמתער טאַלאַנט האָט נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר אָרעמקייט, וועלכע קאָן דערדריקן דעם פשוטן מענטש, און נישט פאַר פריצייטיקן טויט, וועלכער איז אַזוי געוויינלעך. די אייביקע קראַפט, וועלכע האָט אים אויסגעקליבן איר מעדיום צו זיין, האַלט אויף אים אַן אויג, היט אים אָפּ, טראָגט אים אויף אירע פליגלען.

באַקלאָגט זיך אימיצער, אַז ער האָט געהאַט טאַלאַנט, נאָר אָרעמקייט האָט אים נישט געלאָזן אַנטוויקלען זיך און האָט אים דערדריקט, האָט ער אַ טעות. ער האָט קיין טאַלאַנט נישט געהאַט. נישט דעם קלענסטן ברעקל. דער טאַלאַנט, די אויסגע־וויילטקייט, איז ווי אַ באַרגשטראָם, וועלכער שניידט זיך דורך אַ וועג צווישן בערג און פעלזן און שטיינער. שטייט אים אין וועג באַרג אָדער פעלז, זוכט ער זיך אַן אומוועג, און דרייט און ווענדט זיך, אָבער ער קומט ווייטער, אַלץ ווייטער, גרעסער ווערנדיק, ברייטער ווערנדיק, פונאַנדערוואַקסנדיק זיך. אָרעמ־קייט איז אַזאַ באַרג אָדער פעלז אין דעם וועג פון דעם אמתן טאַלאַנט, פון דעם אויסגעוויילטן פון גאָט. זי קאָן אים נישט פאַרהאַלטן. אויף אַלערליי אומוועגן — ער וועט שוין דער־לאַנגען, וואוהין ער מוז דערגרייכן, געטריבן און געפירט פון דער קראַפט, וועלכע האָט אים אויסגעוויילט.

און שטאַרבט אַ קינסטלער אין זיינע יונגע יאָרן, קאָן מען זיין זיכער, אַז מען האָט נישט געהאַט וואָס צו דערוואַרטן פון אים. ווען ער וואָלט געבליבן לעבן, וואָלט ער גאָרנישט געשאַפן, אָדער גאָרנישט פון באַדייטונג. ווען מען וואָלט געקאָנט אריינ־

קוקן אין דער נשמה פון א יונג־פאַרשטאָרבענעם קינסטלער קורץ פאַר זיין טויט, וואָלט מען דאָרטן געפונען א טרוקנקייט, אַן אויסגעטריקנטקייט. די אייביקע קראַפט האָט אים מער נישט געוואָלט פאַר איר מעדיום, האָט אַוועקגענומען איר שיצנדיקע האַנט פון אים. איצטער האָט דער טויט געקאָנט האָבן אויף אים א שליטה.

די באַווייזן האָט ער נישט געדאַרפט זוכן. ער האָט זיי געהאַט אין זיין אייגענעם לעבן.

זיינע עלטערן זיינען געווען זייער אָרעם. אָפטמאָל איז אין דער היים קיין ברויט נישט געווען און מען איז געגאַנגען שלאָפן מיט ליידיקע מאָגנס. נאָך א גאַנץ קליינער יינגל, א קינד נאָך, האָט ער געמוזט פאַרדינען עפּעס געלט און אויסהעלפן טאַטע־מאַמע. און דאָך איז ער געפירט געוואָרן צו זיין מוזיק ווי פון עפּעס א האַנט. קרומע וועגן, פאַרדרייטע וועגן, א באַרג, א פעלז, א שטיין — אָבער אַלץ פאַרויס צו דער אַנטוויקלונג פון זיין טאַלאַנט און צו דער אַרויסברענגונג פון דער מוזיק, צוליב וועלכער ער איז אויסגעוויילט געוואָרן.

אין שטוב איז קיין ברויט נישט געווען, אָבער א פּיאַנאָ. דער חזן, ביי וועלכן ער האָט געזונגען, ווען ער איז אַלט געווען ניין יאָר, איז אַזוי אַנטציקט געווען פון זיין מוזיקאַלישקייט, אַז ער האָט צונויפגעקליבן געלט און געקויפט אים א פּיאַנאָ.

ווי פון הימל איז אים אַראָפּגעפאַלן א לערערין. ער איז געווען א צייטונגס־פאַרקויפער — שטייט ער איינמאָל אַזוי אין א ווינטער־טאָג, אָפּגעריסן, פאַרפראָרן, מיט א פּעקל צייטונגען אונטערן אָרעם, פאַר א פענסטער פון א מוזיק־געשעפט. אין פענסטער איז געווען אויסגעלייגט א בלאַט נאָטן. פאַרטיפט ער זיך אין דעם בלאַט נאָטן און זינגט די מוזיק און שטעלט אויף דער שויב די פינגער פון דער רעכטער האַנט, ווי ער וואָלט זיי געשטעלט אויף דער פּיאַנאָ, און זעט נישט, אַז לעבן אים שטייט א יונג מיידל און נעמט נישט פון אים די אויגן אַראָפּ. ווען ער האָט זי באַמערקט, איז ער רויט געוואָרן, פאַרשעמט זיך, אויפגעהערט צו זינגען, אַוועקגענומען די פאַרפראָרענע פינגער פון דער שויב און באַהאַלטן זיי אין קעשענע.

אָבער זי האָט געמאַכט מיט אים אַ געשפּרעך, פונאַנדערגע־פרעגט, אויסגעפרעגט, און איז געוואָרן זיין אומזיסטע לערערין.

און אַזוי איז עס געגאַנגען ווייטער. ווי איז ער דען אַריינ־געקומען אין קאָנסערוואַטאָריע?

ער האָט געדינט אין אַ „גראָסערי", האָט ער איינמאָל אָפּגעטראָגן אַ פּעקל אין אַ רייך הויז. שטייענדיק מיט דער דאַמע פון הויז אונטן אין קיך, האָט ער דערהערט, ווי אימיצער שפּילט אויבן שאָפּענס „סקערצאָ" און שפּילט פאַלש. האָט ער זיך נישט איינגעהאַלטן און געמאַכט אַ באַמערקונג. נישט ווייל ער האָט זיך געוואָלט אויספּיינען, נאָר ווייל דאָס פאַלש־שפּילן האָט אים פּשוט פאַרכאַפּט ביים האַרצן און ווי געטאָן. און ווידער אַ געשפּרעך, פונאַנדערפרעגעניש, אויספרעגעניש, און דער סוף — די דאַמע האָט אים געקראָגן מיטלען אויף שטודירן.

צופאַל אויף צופאַל — אָבער ריכטיקער איז דאָס געווען דער ווילן פון דער אייביקער קראַפט, זיין באַשטימונג, זיין אויסגעוויילטקייט. דער אויבערשטער ווילן, וועלכער האָט אַריינ־געגעבן אין אים דעם טאַלאַנט, אויסגעקליבן אים פאַר זיין מו־זיקאַלישן מעדיום, האָט שוין אויך געזאָרגט דערפאַר, ער זאָל אַרויסגעפירט ווערן צו זיין באַשטימונג דורך אַלע שוועריקייטן. ווען נישט די צופאַלן, וואָלטן געווען אַנדערע. ער וואָלט גע־ווען דער שאַפער פון מוזיק, אפילו ווען ער וואָלט קיין פּיאַנאָ נישט געהאַט, קיין לערערין נישט געפונען, קיין קאָנסערוואַ־טאָריע נישט באַזוכט. די מוזיק, וועלכע די אייביקע קראַפט האָט אין אים אַריינגעגעבן, אַריינגעזונגען, וואָלט זיך שוין געמאַכט אַ וועג. זי וואָלט עס געמוזט.

און אַזוי אויך מיט אים און מיטן טויט.

ווען אַמעריקע איז אַריין אין דער מלחמה, איז ער גע־ווען נייַנצן יאָר. אָבער די מלחמה האָט זיך פאַרצויגן. ער האָט זיך געדאַרפט שטעלן. אויפן וועג צום שטעלן זיך פאַלט ער און צוברעכט זיך אַ פוס. דער פוס ווערט אויסגעהיילט, ער דאַרף גיין שטעלן זיך, ווערט ער קראַנק אויף טיפוס. דעם טאָג, ווען ער איז צום ערשטן מאָל אַרוים אין גאַס נאָך זיין

לאַנגער קרענק, האָט אויפגעהערט די מלחמה. נאַטירלעך, ער וואָלט געקאָנט גיין אין דער מלחמה, שטיין אפילו אין סאַמען פראָנט און אויך נישט געהרגעט ווערן. אָבער די אייביקע קראַפט, ווייזט אויס, וויל נישט נעמען קיין צו גרויסע ריזיקעס מיט אירע אויסדערוויילטע.

ווען ער איז געווען אין קאָנסערוואַטאָריע, האָט ער זיך שטערבלעך פאַרליבט אין אַ מיטשילערין. זי איז געווען זיין חלום, זיין וואָר, זיין לעבן, זיין אַלץ. זיין ליבע האָט געפונען איר קעגן־ליבע, און ער איז געווען דער גליקלעכסטער מענטש אונטער דעם הימל. ווי האָט עס דעמאָלט געזונגען אין אים! מיט וועלכער פרייד! מיט וועלכער זוניקייט! און פּלוצלונג — די מיידל האָט אים פאַרלאָזן און אַריינגעוואָרפן זיך אין די אָרעמס פון אַן אַנדער סטודענט. ער האָט באַשלאָסן צו באַגיין זעלבסטמאָרד. נאָר אַ גרעסערע מאַכט אין אים און איבער אים האָט ביי אים אַרויסגענומען דעם טויטלעכן וואָפן פון די הענט: „דו וועסט נישט באַגיין קיין זעלבסטמאָרד. דיין לייד איז דיר געגעבן געוואָרן נישט דו זאָלסט שטאַרבן פון איר, נאָר דו זאָלסט שטאַרקער ווערן." און דעמאָלט האָט ער טאַקע געשאַפן זיין באַרימט־געוואָרענע „סי מיינאָר"־סאָנאַטע, אין וועלכער עס הערט זיך אַ וויינען מיט דעם גערויש פון די ניאַגאַראַ־וואַסערפאַלן און וועלכע ענדיקט זיך מיט אַן אויפיובלען ווי אומצייליקע אָדלער־פליגלען וואָלטן אַרויפגעשטרעבט אין די ווייטע הויכן צו דער אייביקער זון און אייביקער ליכטיקייט.

און דער סוף פון דער מעשה איז נאָך מערקווירדיקער: אין אַן אָנפאַל פון משוגעת האָט די מיידל דערשאָסן איר געליבטן. איז עס נישט, אַז די אייביקע קראַפט האָט אים אָפּגעראַטעוועט פון איר און דעם טויט? איר געליבטער אָבער, כאָטש ער איז געווען אַ סטודענט פון מוזיק, איז גאָרנישט ווערט געווען. אַ קלעזמער און נישט מער, וועלכער האָט נאָר געוואוסט, ווי מען קאָן אַ סך געלט פאַרדינען. אַ טאַלאַנטלאָזיקייט, אום וועלכער די אייביקע קראַפט האָט זיך נישט געקימערט.

אזוי האָט פילאָזאָפירט דער יונגער פיאַניסט און קאָמ־פּאָזיטאָר יאַקאָבסאָן, אָבער זיין מוטער פלעגט דערצו זאָגן:

„עס קען זיין, אַז ער איז גערעכט, אַז אויסגעוויילטער איז ער, און אַלע נסים האָבן זיך אים געטראָפן צוליב דער מוזיק. איך ווייס אָבער, אַז גאָט האָט אים אויסגעהיט פון מיינעטוועגן. ווער ער וואָלט אַוועק אויף מלחמה, וואָלט איך מסתמא פון זינען אַראָפּ אָדער וואָלט עס נישט אויסגעהאַלטן און געשטאָרבן. און ווען חס ושלום די מיידל וואָלט אים דערשאָסן, וואָלט איך זיך אַ טויט געמאַכט. וואָרום וואָס איז מיר מיין לעבן אָן אים?"

.2

איז געווען אַ הייסער זומער־טאָג, אַ הערלעכער טאָג פול זון און געזאַנג. אַ טאָג, וועלכן דער יונגער מוזיקער האָט אויפ־גענומען מיט אַלע זיינע נערוון, און ער איז אויסגעפילט גע־וואָרן מיט מוזיק. און ווען די היץ פון טאָג האָט זיך גע־שטאַרקט, איז יאַקאָבסאָן אַוועק באָדן זיך אין ים, ביים ברעג פון וועלכן ער האָט פאַרבראַכט דעם זומער.

ער איז געגאַנגען און עס האָט געזונגען אין אים. ער איז אויסגעפילט געווען פון די טענער פון אַ נייעם ווערק, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ ליבע־געזאַנג צו דער אומענדלעכער הערלעכקייט פון דער לעבנסלוסטיקייט. איצטער וועט ער זיך אַריינוואַרפן אין אָקעאַן, אויסגיסן די וואונדערלעכע כוואַליעס אויף זיין יונגן זינגענדיקן קערפּער און דערנאָך אַרבעטן, אַרבעטן. ער האָט אַזוי געליבט זיין אַרבעט!

ער איז געווען אַ גוטער שווימער, איז ער אַרויסגע־שוואומען אַ ביסל ווייטער פון דעם זיכערהייטס־שטריק, אָפּגע־רוקט פון דעם געטומל און געפילדער און דער קוויטשעריי פון דעם גרויסן עולם באָדער. ער האָט געוואָלט זיין אַליין מיט די הויכע כוואַליעס און דער זון און זיין מוזיק.

ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן רוקן, דאָס געזיכט צום הויכן בלויען הימל, געלאָזן זיך וויגן און אומוואַרפן פון די

כוואליעס און געזונגען, געזונגען. ער האָט אַ גרויס ווערק גע־טראָגן אין זיך. ערשט איצטער האָט ער באַגריפן, ווי גרויס זיין ווערק וועט זיין. אַ גרויס ווערק פון דער אייביקער קראַפט, וועלכע שאַפט דורך אירע אויסגעווײלטע מענטשן־קינדער. וואָס פאַר אַן איבערפלייצונג פון טענער! וואָס פאַר אַ פולקייט פון מוזיק! עמיצער גיסט זי אין אים אַריין, זאָגט זי אים אונטער, זינגט פון אים אַרויס...

אַ שאַרפער פייף פון גאַנץ ווייט האָט זיך אַריינגעריסן אין זיין מוזיק. ער האָט זיך פון אים נישט אויסגעמאַכט. איז געקומען נאָך איינער און נאָך איינער. זיי האָבן אים אָנגעהויבן צו שטערן. ער האָט זיך אומגעקוקט. אויפן ברעג איז געשטאַנען דער אויפזעער, דער „לעבנסרעטער", און האָט שטאַרק און לאַנג געפייפט און געמאַכט מיט דער האַנט, און לעבן אים זיינען געשטאַנען אַ סך באָדער און אַרויסגעקוקט אין ים.

יאַקאָבסאָן האָט זיך אָנגעהויבן אַרומצוקוקן. פּלוצלונג איז אים געוואָרן קלאָר, אַז ער איז זייער ווייט פון ברעג, און די פייפן מיינען אים. ער האָט זיך געלאָזן שווימען צוריק. איצטער אָבער וועט ער אַרויס, אָנטאָן זיך און אַוועק צו זיין אַרבעט.

וואָס איז עס?... ער שווימט און שווימט... ער ווערט נישט נענטער צום ברעג... אַן אונטערשטרעמונג?... ניין! ער האָט אָנגעהויבן צו לייגן גרויסע קלאַפּטער, געשלאָגן דאָס וואַ־סער מיט גרויסער קראַפט.

דאָס איז אַן אונטערשטרעמונג!... אַן אונטערשטרעמונג!... ער ווערט אַוועקגעטראָגן ווייטער אין ים!... ניין! ניין! ער האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן מיט הענט און פיס מיט אַלע כּחות.

דאָס איז דאָך אוממעגלעך! די מוזיק האָט אים דאָך נישט פאַרנאַרט אַהער. ער וועט דאָך נישט דערטרונקען ווערן. די קראַפט, וועלכע איז אים ביי געשטאַנען ביז איצטער, וועט אים אויך ווייטער ביישטיין. די אייביקע קראַפט, די גוטע אייביקע קראַפט... נאָך עטלעכע באַוועגונגען, נאָך עטלעכע אָנשטרענ־גונגען... ער וועט זיגן איבער דער פאַררעטערישער אונטער־שטרעמונג, וועלכע האָט אים אַרויפגעכאַפּט אויף זיך, ווי אַ בייזער ריז אַ קליין הילפלאָז קינד, און טראָגט אים אַוועק

אלץ ווייטער און ווייטער מיט א בייזן מערדערישן געלעכ־טער... ניין!... ער האָט אויפגעהויבן די האַנט, געגעבן א סיגנאַל. הילף!

א ריזנכוואַליע האָט אים צוגערעקט, פאַרציִיגן פון אים הימל און זון. ער איז אָבער באַלד ארויפגעשוואומען ארויף און אָנגעהויבן זיך צו ראַנגלען. מיט די לעצטע כחות, אויסער אָטעם, מיט א גרויסער אומרו אין אַלע גלידער.

ניין, ניין... דאָס איז אוממעגלעך... ער וועט דאָך דאָ נישט אומקומען. ער האָט דאָך ערשט אָנגעהויבן א גרויס ווערק. דאָס גרעסטע פון אַלע, וועלכע ער האָט ביז אַהער געשאַפן. די אייביקע קראַפט האָט זיך דערין דורך אים אַנט־פּלעקט, ווי זי האָט זיך פריער נאָך קיינמאָל נישט אַנטפּלעקט. זי וועט נישט דערלאָזן זיין טויט. זי וועט אים ראַטעווען. זי וועט אים אָפּנעמען פון דעם מערדערישן ריז. אָט קוקט זי דאָך אויף אים. אין מיטן הימל שטייט זי, גראָד איבער אים. זי ווייס, ווי ער האָט דאָ פריער געזונגען. דאָס האָט זי דאָך פון אים אַזוי וואונדערפול ארויסגעזונגען. זי וועט נישט דערלאָזן... זי וועט נישט דערלאָזן...

א צווייטע כוואַליע האָט אים איבערגעדעקט, אראָפּגע־שטויסן ווי מיט א שטאַרקער פויסט, טיף אונטער דאָס וואַסער. דער ריז האָט זיך מיט א הילכיקן דונער־געלעכטער איינגעביסן אין זיין קאָרק...

ער איז ארויפגעשוואומען ארויף, ראַנגלענדיק נאָך אָטעם, די אויגן ווייט אויסגעגלאָצט צום אויג, וואָס האָט אראָפּגע־קוקט צו אים פון מיטן הימל, מיט א גרויסן שרעק אין אַלע גלידער, מיט די הענט וואַרפנדיק אין טויטלעכער פאַר־צווייפלונג.

מאַמעלע! האָט עס יאָמערדיק ארויסגעשריִען פון אים. מאַמעלע!... פון אירעטוועגן!... פון אירעטוועגן!... נישט שטאַר־בען... זי דאַרף אים אַזוי... מאַמעלע!... זי וועט עס נישט אריבערטראָגן... ניין! ניין! נישט...

ער האָט דערזען אַ שיפל דערנענטערן זיך, עטלעכע צוואַיילנדיקע שווימער... אָ... אָ... גוט, גוט... שנעלער... שנעלער... ער וועט נישט... ער וועט נישט...

אַ דריטע כוואַליע — אַ שטויס אַרונטער ווייט, ווייט אין אַן אומענדלעכקייט... אַן אויפשרייען אין אים... אַלע טענער, וועלכע ער האָט אַרויסגעזונגען און וועלכע ער האָט נאָך געטראָגן אין זיך, האָבן זיך באַפרייט אין אים... אַן אויפרודערן ביז צום הימל. און דאַן שטיל — — —

1922.

דער דועל

א גרויער זאמדיקער דארפוועג ציט זיך צווישן פעלדער און וועלדער פון ערגעץ־וואו נאך ערגעץ־וואוהין. איינזאם אין דער זון צווישן די פעלדער, נאך איינזאמער אין שאטן צווישן די וועלדער; זעלטן ווען א דורכפארער, נאך זעלטענער א דורכגייער. ווען עס רעגנט, איז ער א לאנגער פאס פון קויט, אין וועלכן עס זינקען פיס און רעדער. ווען די זון שיינט, איז ער הייסער זאמד, און א דורכפארער לאזט הינטער זיך א וואלקן פון שטויב, פאר וועלכן דער דורכגייער מוז צומאכן מויל און אויגן. די בוימער און די נידעריקע קוסטעס אויף ביידע זייטן פון וועג זיינען מער גרוי ווי גרין.

און שמאל איז ער. ווען צוויי פורן טרעפן זיך אויף אים פון אנטקעגנדיקע זייטן, באהאלטן די טרייבער טיף אין זיך, וואס זיי ווינטשן איינער דעם אנדערן. וואס האט דיך דווקא אנגעטראגן, ווען איך פאר! זיי מוזן זיך פארנעמען נאך רעכטס אדער לינקס אויף געדיכטע קוסטעס, איבער קנאריגעווארצלען, איבער שטאמען פון אפגעהאקטע בוימער, איבער גרויסע שטיינער, וואס ליגן דא ווי אויף צולהכעיס. די וואגנס גייען דורך, אנגעבויגן אויף א זייט, אט־אט וועלן זיי זיך איבערקערן, ווארפן זיך ארויף אראפ, רעכטס און לינקס, צוטרייסלען אלע ביינער פון די פארער.

ציט זיך דער שמאלער וועג פון ערגעץ־וואו נאך ערגעץ־וואוהין און טרעפט אן אויף א טייכל, וואס שניידט אים דורך אין שנעלן געלויף אזוי חוצפהדיק־שטיפעריש. כאפט זיך דער וועג אריבער איבערן טייכל אויף א זייער שמאלן בריקל, וואס

איז גוט פאַר איין וואָגן בלויז. פאָרט אויף אים אַרויף אַ וואָגן פון איין זייט, מוז דער אַנדערער וואָגן פון דער צווייטער זייט מוחל זיין און אָפּוואַרטן. און דערביי אַזוי גוט זיין און אויסבײַטן זיך אַזוי, אַז דער וואָגן פון בריקל זאָל קאָנען אַראָפּ און פאַרנעמען זיך ווייטער אויפן וועג. איז שטאַרק אומצופרידן דער טרייבער, וואָס דאַרף איבערוואַרטן. ער דאַרף אָפּטרעטן דעם וועג, און דאָס איז שטענדיק כמעט אַ באַליידי־קונג. ער מוז זיך אויסבײַטן אויף דער משופּעדיקער זייט פון דעם וועג און בלייבן שטיין קרום, און דאָס איז גאָרנישט אָנ־גענעם, ווען מ׳טוט עס, ווייל דער אַנדערער איז געווען גליק־לעכער און פריער אַרויף אויפן בריקל. עפּעס אַן אומצופרידנ־קייט כאַפּט אַרום און זעלבסט־אָנקלאָג. פאַרוואָס איז דאָס מיר באַשערט איבערצוואַרטן? האָב איך נישט געקאָנט אַרויס־פאָרן מיט אַ מינוט פריער אָדער אַביסל שנעלער פאָרן?! —

פאָרן אויף דעם דאָזיקן וועג צוויי אויטאָמאָבילן. צוויי פאַרמער. איינער פון ערגעץ־וואו, דער צווייטער פון ערגעץ־וואוהין. דער טאָג איז אַ כמורנער, אַ ברוגזדיקער. עס רעגנט נישט און עס וועט נישט רעגענען, נאָר די זון מוז עפּעס קראַנק זיין, אָדער אָנגעברוגזט. האָט זיך באַהאַלטן, איינגעשלאָסן און וויל נישט אַרויס. פילט די וועלט, אַז מיט דער זון איז עפּעס, און עס ליגט אַן אומעט אויף שטאָט און דאָרף, אויף וואַלד און פעלד, אויף צוויי־פיסיקע ברואים און אויף פירפיסיקע. דער מאַן פון ערגעץ־וואו הויבט מאַטע, גלאָנצלאָזע אויגן צום הימל און טראַכט, אַז עס איז ווי אים אויפן האַרצן.

אַ מאַן אין די פערציקער, אָבער שוין היפּשלעך גרוי. זיין נישט געראַזירט פּנים איז ווי באַדעקט מיט אַש. זיינע גרויע אויגן זיצן טיף ביי ביידע זייטן פון אַ לאַנגן, שמאָלן נאָז איבער איינגעדאַרטע קנאָכיקע באַקן.

ער פאָרט אין שטאָט און וויים, אַז ער פאָרט אומזיסט. ער דאַרף צאָלן דעם מאָרטגיידזש. שוין לאַנג געדאַרפט, אָפּ־געבעטן זיך אַ פּאָר מאָל. פאָרט ער ווידער אָפּבעטן, אָבער ער וויים, אַז היינט וועט עס נישט גיין מער. טרייבט ער זיין פערדל, אַ פאַרשטויבטן, שמוציקן, אָפּגעקראָכענעם, געל און

גרין געוואָרענעם, ערטערווייז צובויגענעם בלעך־קאַסטן, טרייבט ער פויל און אָן חשק, מיט אַ געפיל, אַז הלוואַי זאָל ער נישט דערפאָרן.

אַז אומעט איז צולייגט אין אים, נעמט אים אַרום, נעמט אים דורך. ער טראַכט נישט, האָט קיין געדאַנקען נישט, האָט זיי קיינמאָל נישט געהאַט.

די שולע, אין וועלכער ער האָט געלערנט ביז צו זיין פערצנטן יאָר, האָט אים נישט געלערנט צו דענקען און נישט געוועקט אין אים געדאַנקען. פון איר איז ער אַוועק צו אַ שמיד, געלערנט צו באַשוכן אַ פערד און אַן אָקס, געאַרבעט שווער און געוואַקסט, אַז ער דאַרף אַרבעטן שווער, ווייל אַ באַשעפעניש ווי ער איז געבאָרן געוואָרן צו אַרבעטן שווער. ווען שפּעטער מיט יאָרן האָט ער דערזען אַ מיידל, וועלכע האָט געאַרבעט שווער, האָט ער געוואוסט, אַז ער דאַרף זי נעמען פאַר אַ ווייב, כדי ביידע צוזאַמען זאָלן אַרבעטן שווער. דערפאַר האָט ער געוואָרפן שמידעריי און איז געוואָרן אַ פאַר־מער, כדי זיי זאָלן ביידע צוזאַמען אַרבעטן שווער.

יאָר־איין, יאָר־אויס. שווערע אַרבעט אָן מזל וברכה, אויף וועלכע ער האָט זיך אייגנטלעך קיינמאָל נישט געריכט. ווייל אַלץ, וואָס דאָס לעבן האָט אים פאַרשפּראָכן, איז נאָר שווע־רע אַרבעט. אָבער איצטער שטייט אים פאָר צו פאַרלירן די פאַרם. איז וואָס וועט ער טאָן מיט זיך און מיט זיין ווייב? וואו און ווי וועלן זיי שווער אַרבעטן?

איז גוט אַזוי צו זיצן אין דעם פאָרדל און פאָרן, פאָרן — און ערגעץ נישט דערפאָרן.

אָבער דער פאַרמער פון ערגעץ־וואוהין האָט זיך געאיילט.

אַ גלאַט־געראזירטער, גוט געקליידעטער בעל־גוף, וועל־כער האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון זיך. צו וואָס ער האָט זיך גענומען, האָט אים געגליקט. ער האָט אָנגעהויבן פונקט ווי דער פאַרמער פון ערגעץ־וואו. ביז פערצן יאָר געגאַנגען אין דער שולע, וועלכע האָט אים נישט געלערנט צו דענקען און נישט געוועקט אין אים געדאַנקען. פון איר איז ער אַוועק צו אַ שמיד, ביי וועמען ער האָט געלערנט צו באַשוכן אַ פערד

און אן אָקס. אָבער ער האָט געוואוסט, אז אויסער ארבעט איז פאראן אויך שטארבן. און ער האָט זיך דערשטערבט צו דעם שמידס טאָכטער און דעם שמידס ירושה. שפּעטער איז ער גע־וואָרן א פארמער, ווייל אין דער שמידארניע איז אים געוואָרן צו ענג. ער האָט געוואָלט ברייטקייט, א גרעסערן פארנעם. אָנ־געהויבן קליין און אוועקגעגאנגען גרויס. געהאט איין פארם, צוגעקויפט א צווייטע. איצטער איילט ער זיך צו אן אוקציאָן מיט א זייער גוטער אויסזיכט אָפּצוקויפן ביליק א דריטע פארם.

זינגט עס אין אים, זינגט עס גרויס אין אים אויפן קול, אָבער עס פארדריסט אים אויף דער זון, פארוואָס זי איז קראנק, אָדער אָנגעברוגזט. געדארפט שטעקן אין מיטן הימל, דאָרטן וואו זי געהערט. צוליב איר האָט ער אביסל פארשפּע־טיקט. אז זי איז נישטאָ, ווייס ער נישט די ריכטיקע צייט. ער האָט שוין געדארפט זיין דאָרטן!

און אָט איז דאָס שמאָלע בריקל און פון יענער זייט טראָגט זיך א פערדל. עי, אונטערגעבן גאז, פארכאַפּן שנעל דאָס בריקל!...

אָבער דאָס פערדל וויל זיך נישט אָפּשטעלן. ער מוז פאָרן, פאָרן...

אוןביידע אויטאָמאָבילן זייגען גלייכצייטיק ארויף אויפן בריקל. פאָרן, ביז זיי בארירן זיך און בלייבן שטיין.

„וואָס האָט דיך אָנגעטראָגן דער טייוול!" שרייט דער בעל־גוף.

„האָסט נישט געקאָנט אָפּוואַרטן?" דערווידערט דער דאָ־רער.

„דו צוינגנזון, פארנעם זיך צוריק!" פייערט דער בעל גוף.

„קאָנסטו עס נישט, דו אָף!" רעדט זיך קאַלטבלוטיק דער דאָרער.

„איך בין געווען דער ערשטער אויפן בריקל!"

„אזוי זאָגסטו!"

„יאָ, איך בין געווען דער ערשטער!"

„דערוויז עס מיר."

„איך וועל עס דיר דערוויזן, ווען איך וועל ארויסקומען און צוברעכן דיר רוק־און־לענד!"

„קום ארויס און דו וועסט אויסגעפינען, ווער קאן בויגן אייזן."

און דערביי איז גארנישט קיין פלאץ אויפן בריקל, וואו צו שלאגן זיך. קאנען זיי גאר נישט צוקומען איינער צום אנ־דערן. בלייבן זיי ביידע זיצן.

זיצט דער בעל־גוף און דריקט די ציינער, און עס קאכט אין אים.

דער דארער נעמט ארויס א הויפן קיי־טאבאק, שפארט אריין אין מויל און קייט לאנגזאם, רואיק.

טראכט דער בעל־גוף פון א ביקס און א רעוואלווער, אבער ע' האט זיי נישט ביי זיך.

טראכט ער פון א לאנגן קיכנמעסער, אבער ער האט אים נישט ביי זיך.

טראכט ער פון די אויטאמאביל־געצייג, פון א שווערן האמער, א גרויסער צוואנג, א לאנגער גומירער, אבער די זאכן האט מסתמא דער צויגנזון אויך.

ער טראכט גארנישט פון צוריק. ער טראכט נאר פון פארן ווייטער.

דער דארער קייט זיין טאבאק און טראכט פון גארנישט. יענער וויל שטיין, זאל זיין שטיין. ער קאן שטיין אזוי לאנג, ווי יענער וועט וועלן. א טאג אפילו, און צוויי. אט דאס הייסט פארן און נישט דערפארן...

אהא, יענער גיט נאך! הויבט אן צו צוריקעווען... ווען ער וואלט געווען אנדערש אויפגעלייגט, וואלט ער מיט נצחון אויפגעלאכט. איצטער אבער קייט ער גלייכגילטיק זיין טאבאק און קוקט־צו, וואס דער אנדערער טוט, און איז פויל א באוועג צו טאן זיין פארדל. אויף צו־להכעיס וועט ער דא נאך לענגער שטיין.

אבער יענער האט זיך אפגערוקט נאר אויף עטלעכע פוס, געמאכט פלאץ צווישן ביידע אויטאמאבילן און א פאר געטאן פארויס.

„דו צוויגנזון! דו פאַרדאַמטער טרעמפּ!"

בום! אַ שטויס געטאָן דאָס בלעכקעסטל אויף צוריק. אַ קליין ביסל בלויז.

„זאָל איך אַרויסקומען און באַווייזן דיר, ווי איך בויג אייזן?" זאָגט דער דאַרער. אָבער ער מיינט עס נישט. ער רוקט בעסער אָפּ זיין פֿערדל אויף צוריק, מאַכט פּלאַץ און גיט אַ פֿאָר פֿאָרויס.

בום! אָפּגעשטופּט יענעם. אויף אַ קליין ביסל בלויז.

פּאַלט דער בעל גוף אין אַ העלישן כעס, צושיט זיך מיט ביטערע קללות און זידלעריי, און שטופּט זיין מאַשין אויף צוריק. דער דאַרער, אָן אַ וואָרט, מיט איינגעדריקטע ליפּן, צוריקעוועט אויך.

און ביידע גלייך לאָזן זיך פֿאָרויס. טראַך! די לאָמפּן אין ביידע אויטאָמאָבילן זיינען צובראָכן געוואָרן. ביים בעל גוף אויך אַ פּאָר שויבן — דאָס בלעכקעסטל איז שוין לאַנג געוועזן אָן שויבן.

איצטער זיינען זיי ביידע ווילד פֿאַר כעס. קריכן אויף צוריק וואָס ווייטער, וואָס ווייטער... זיינען אַפֿילו אַראָפּ פֿון בריקל און קריכן נאָך אַלץ אויף צוריק. ווייטער און ווייטער... און ביידע גיבן זיך אַ לאָז פֿאָרויס, טרעפֿן זיך אין מיטן בריקל. טראַך! די ביידע אויטאָמאָבילן הייבן זיך אויף אויף די הינטערשטע רעדער, כאַפּן זיך אַרום, בייסן זיך איין איינער אין דעם אַנדערן.

אָבער עס איז נישטאָ, ווער עס זאָל זיי פֿונאַנדערנעמען...

לויפֿן די וואַסערן אין טייכל, קוקן זיך איין, קוקן זיך אום אויף די ביידע אויטאָמאָבילן, וואָס שטייען אַזוי איינגעביסענערהייט, ווייל עס איז נישטאָ, ווער עס זאָל זיי פֿונאַנדערנעמען. רוישן אויף די וואַסערן און לויפֿן ווייטער, ווייטער און דערציילן די ברעגן און אַלץ, וואָס אויף די ברעגן, וואָס זיי האָבן געזען און וואָס פֿאַר אַ מערקווירדיקע בּרואים מענטשן זיינען. אָבער קיינער פֿאַרשטייט זיי נישט...

1931.

אומרן פון לעבן

א הויכע, דאַרע שאָטלענדערין אין די מיטעלע יאָרן. א לענגלעך שטרענג מאָט געזיכט מיט א האַרטן בליק אין די גרויע אויגן. אירע רויטלעכע האָר, אויסגעמישט מיט א סך גרויע פעדים, ליגן גלאַט, ווי צוגעפּרעסט, ציען אָן די הויט פון איר הויכן שטערן און פאַרפּלאַטשיקן אים. איר נאָז איז דין און שאַרף און בלייך, אירע ליפּן דין און בלוטלאָז, איר קין כמעט רעכטווינקלדיק, ענערגיש און שטרענג.

אָנגעטאָן זייער איינפאַך, פּוריטאַניש. א שוואַרץ קלייד, פאַסאַנלאָז, מיט א ווייסן קראַגן און ווייסע מאַנזשעטן. און קיין ברעקל צירונג נישט. אפילו קיין שנירל נישט אַרום האַלז, און אפילו נישט קיין זייגערל, בלויז דער קידושין־רינג אויף דעם פערטן פינגער פון דער לינקער האַנט.

א קוק אויף איר, און א וויץ, וואָס האָט זיך געבעטן געזאָגט צו ווערן, בלייבט שטעקן אין מויל און קומט נישט מער אַרויס. א זידלוואָרט, א קללה אָדער גאָטס נאָמען ווערן פאַרגליווערט אויף די ליפּן, דערוועגן זיך נישט אַרויסגערעדט צו ווערן. אַזויפיל שטרענגקייט ליגט אויף איר געזיכט, אַזויפיל פרומקייט און קנאות.

א גלחס א טאָכטער און א גלחס אַלמנה — ווי זאָל זי נישט איינגעטונקט זיין אין פרומקייט, ווי זאָל זי נישט זיין קיין געטרייע קעמפערין פאַר גאָט!

אָבער דערמאָנט מען איר גאָט און זיין גוטסקייט און זיין גענאַד, צינדט זי זיך אָן.

„רעדט צו מיר נישט וועגן גאָט און זיין גוטסקייט און זיין גענאַד!"

ווערט מען איבערראַשט. גלויבט מען די אויערן נישט.

„ווי הייסט?"

„איך גלויב נישט אין אים! נישטאָ אַזאַ „זאַך"!"

לייקענען די ווערטער איר געזיכט — דאָס געזיכט פון א גלחס א טאָכטער און א גלחס אַלמנה.

„ווי קומט איר עס צו זאָגן?"

דערציילט זי.

א גלחס א טאָכטער, אמת. אויפדערצויגן אין פרומקייט און גאָטספאָרכטיקייט. נישט ווייל אַזוי דאַרף אויפדערצויגן ווערן א גלחס א טאָכטער, נאָר ווייל דער טאַטע איז געווען אמתדיק פרום און גאָטספאָרכטיק. ער האָט געטאָן, ווי ער האָט געפּרעדיקט, געלעבט זיין גלויבן. געטריי צו גאָט און גוט צו מענטשן, געפּרעדיקט ליבע און געטראָגן זי אין זיין האַרץ, געווען רייך מיט איר. געטראָגן זי צו אַלע מענטשן גלייך. זייענדיק מיט אים, האָט מען געמוזט זיין פרום און גוט. זיינע ליכטיקע, גוטע בלויע אויגן זיינען געווען באַרואיקונג, זיכערקייט, גאָט געגעבן. דער גוטער שמייכל, מיט וועלכן ער האָט געטרייסט צובראָכענע הערצער, איז קיינמאָל נישט אַראָפּ פון זיינע ליפּן. אויך דעמאָלט נישט, ווען אויף אים אַליין האָט זיך אַראָפּגעלאָזן איין אומגליק שווערער פאַרן אַנדערן.

צוערשט איז ביי אים דער זון געשטאָרבן, דער בן יחיד. א געראָטענער בחור געווען. געקאָנט פון אים א סך דערוואַרטן. געווען א גוטער סטודענט, געלערנט זיך מיט אויסצייכענונגען. האָט אויסגעבראָכן אינפאַנטיל פּאַראַליזיס, און ער — א געזונטער, אַטלעטישער צוואַנציקיעריקער יונג — ווערט איינגעבראָכן אין איינע צוויי טעג.

א יאָר שפּעטער שטאַרבט זיין פרוי, און ער האָט זי שטאַרק געליבט. אויך פּלוצלונג, גאָר אומגעריכט, ווייל איר גאַנץ לעבן איז זי געווען א געזונטע פרוי. פאַרשניטן זיך א נאָגל, געקראָגן בלוטפאַרגיפטונג, און די גאַנצע חכמה פון די גרעסטע דאָקטוירים האָט נישט געקאָנט העלפן. פאַרברענט געוואָרן אין די גרעסטע יסורים.

זי, די טאָכטער, איז דעמאָלט אַלט געווען אכצן יאָר און

האָט ערשט געענדיקט קאָלעדזש, און דיביידע אומגליקן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף איר ווי שווערע משאות, אונטער וועלכע זי האָט זיך נישט געקאָנט אויסגלייכן. אַ טרויער האָט אַרומ־גענומען איר נשמה, ווי דאָס שוואַרצע טרויערקלייד איר קער־פּער, און פאַר די אויגן האָבן זיך איר שטענדיק אַרומבאַוועגט די שאָטנס פון די צוויי מתים. זי האָט געקוקט דורך זיי אויף דעם פאָטערס גוטן שמייכל, וואָס האָט אים נישט פאַרלאָזן, און געקרימט זיך פאַר ווייטיק. פאַרוואָס רוקט ער נישט אָן זיין שטערן? פאַרוואָס באַווייזט זיך נישט קיין פאָרוואורף אויף זיינע ליפּן? ווי קאָן ער אָננעמען פאַר גוט אַזעלכע צוויי קאַ־טאַסטראָפעס?

זי האָט דאָס ביים טאַטן נישט געפרעגט. זי האָט נישט געוואָלט זיינע דערקלערונגען. וואָס זיי זאָלן נישט זיין, וועלן זיי זיין אַ באַליידיקונג פאַר די טייערע טויטע. זיי ווילן באַ־טרויערט זיין. זיי ווילן פּראָטעסט. פאַרוואָס זיינען זיי אַזוי פרי און אַזוי אומנויטיק אַוועקגענומען געוואָרן! זיי ווילן נישט זען אין זייער אומפאַרדינטן, אומצייטיקן טויט גאָטס גערעכ־טיקייט און גענאָד, גאָטס נישט־דורכצודרינגענדיקע כוונות און פירונגען.

אָבער באַלד האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף איר טאַטן אַ דריטער אומגליק. פיליכט דער גרעסטער, דער שווערסטער, ווייל דער באַליידיקנדיקסטער, גרויזאַמסטער, אַכזריותדיקסטער.

זיין מוטער איז משוגע געוואָרן. אָבער איר משוגעת איז געווען אַזוי העסלעך און אומווירדיק. זי האָט אָפּגעלעבט אירע זיבעציק יאָר פרום און באַשיידן, אין שטילער גוטסקייט, אַן אמתע צנועה, און פּלוצלונג האָט זי אָנגעהויבן צו רייסן פון זיך די קליידער, אויסגעטאָן זיך מוטערנאַקעט, באַוועגט איר קערפּער אויף דעם אומאָנשטענדיקסטן אופן און געברויכט דער־ביי אַ שפּראַך, ווי די ערגסטע גאַסנפרוי אין אַ צושטאַנד פון שיכרות. וואָס פאַר אַ חרפּה! וואָס פאַר אַ בזיון! עס איז גע־ווען אַ שאַנד פאַר די דאָקטוירים, וועלכע מ׳האָט צו איר גע־רופן. זיי זיינען נישט געווען פאַר איר דאָקטוירים, נאָר מע־נער, וועלכע זי האָט זיך אָנגעבאָטן. איר זון איז פאַר איר

מער קיין זון נישט געווען, נאָר זכר. פּאַר בושה האָט מען זי געמוזט פאַרשליסן אין דעם אויבערשטיבל און באַהאַלטן פון מענטשן.

אָבער דער גוטער שמייכל איז נישט פאַרשוואונדן פון דעם טאַטנס ליפּן.

זי האָט דאָס נישט געקאָנט מער אַריבערטראָגן.

„ווי קאָנסטו נאָך שמייכלען?!"

„פאַרוואָס נישט?"

פּראָטעסטירן זאָלסטו! געוואַלטיק פּראָטעסטירן!"

„קעגן וועמען?"

„מוז איך עס דיר זאָגן?"

„ווען דו ווילסט עס נישט אַרויסזאָגן, באַווייזט עס, אַז אין האַרצן ווייסטו גוט, אַז איך טאָר נישט פּראָטעסטירן."

„ניין!" האָט זי אַרויסגעשריען מיט האַס. „איך קאָן עס אַרויסזאָגן!... איך וועל עס אַרויסזאָגן!... דו זאָלסט פּראָטעסטירן קעגן דיין גאָט! קעגן דעם גערעכטן, פריינטלעכן..."

„אָ, ניין, ניין, ניין," האָט דער טאַטע זי אָפּגעשטעלט מיט אַ צאַרטער האַנטבאַוועגונג. „זאָל איך דאָס גוטע אָננעמען פון אים און דאָס שלעכטע נישט? איז ער מחויב מיר נאָר גוטס צו טאָן? ער האָט מיר געגעבן גליקלעכע דרייסיק־צוואַנציק יאָר מיט דיין מאַמען, צוואַנציק פריידיקע יאָר מיט דיין ברודער און אַ לעבנלאַנג מיט מיין גוטער געטרייער מוטער... מער האָט ער נישט געוואָלט, אפשר נישט געדאַרפט... מער האָב איך געווים נישט פאַרדינט... דאַנק איך אים פאַר דאָס גוטע... זאָל איך אים נ י ש ט דאַנקען? וועל איך דאָך אומדאַנקבאַר ווערן... דאָס הייסט שווער פאַרזינדיקן זיך..."

זי האָט נישט געוואוסט, וואָס צו דערווידערן, אָבער זי האָט נישט געקאָנט איינשטימען. ניין, גוטסקייט און גנאָד קאָנען אַזוי נישט האַנדלען. זיכער נישט קעגן איר טאַטן. ווי קאָן אַ גוטער גאָט אַזוי פּייניקן איינעם פון זיינע געטרייסטע און איבערגעגעבנסטע? נאָך אַזוי באַליידיקן און דערנידריקן אים מיט דער העסלעכער משוגעת פון זיין מוטער! אָ, וואָלט די אַלטע בעסער געשטאָרבן! אויב גאָט האָט אין זיך כאָטש

א ביסל גוטסקייט און גנאָד, באַטש וויפל עס איז גערעכטיקייט, מוז ער זי אָוועקנעמען, מוז ער באַפרייען דעם איידעלן מענטש, זיין געטרייען דינער פון די טעגלעכע אומדערטרעגלעכע מאַראַלישע יסורים!

מיט צובראָכענעם האַרץ, פול מיט תשובה און חרטה, האָט זי זיך, נאָך דעם געשפּרעך מיטן טאַטן, געוואַלגערט אויף די סני פאַר דעם אַלמעכטיקן, אומעטום זייענדיקן, און געבעטן ביי אים רחמים, ער זאָל צונעמען צו זיך די ווילדע אַלטע, וועמעס רייד זיינען געפאַלן איבערן שטילן פרומען הויז, ווי דער אויסגוס פון אַן אומריינעם אַרט.

אָבער א יאָר איז אַוועק און א צווייטער, און די אַלטע איז נישט געשטאָרבן. זי איז גאָר געוואָרן קרעפּטיקער, איר קערפּער באַוועגלעכער, און די ווערטער אין איר מויל זיינען געוועזן א שמוציקער קוואַל, וואָס נעמט זיך נישט אויס.

די תפילות און תחנונים האָבן נישט געהאָלפן. עס וואָלט נישט געהאָלפן דער פּראָטעסט. פיליישט זיינען אירע תפילות נישט דערהערט געוואָרן, ווייל זיי זיינען געקומען פון א כעסדיקן רעוואָלטירנדיקן האַרץ. זי האָט עס געטראַכט מיט שרעק. פאָרט א פרומען גלחס פרומע טאָכטער. אָבער זי האָט דאָך נישט געקאָנט געפינען איר פולן שלום מיט גאָט, ביז זי איז געוואָרן א כלה פאַר דעם יונגן גלח, אין וועלכן זי איז געוועזן שטאַרק פאַרליבט. אין דעם אָוונט פון דער פאַרקנסונג האָט זי מיט פריידטרערן געדאַנקט דעם פּאַטער אין הימל פאַר זיין אומענדלעכער גוטסקייט, געבעטן ביי אים מחילה פאַר איר כעס און ספקות, און אין גרויסער גערירטקייט געפּרוּאווט נאָך צוגעבן. אז אויב ער איז שוין אַזוי גוט צו איר, זאָל ער זיי באַפרייען פון דער שרעקלעכער משוגעת, וואָס דויערט איבער זייער הויז ווי א פעסט־טראַגנדיקע זינד... „אָ, גוטער, גוטער גאָט, מאַך זי געזונט אָדער נעם זי אַוועק!"

ווען זי האָט געענדיקט די תפילה, איז איר געוועזן, ווי גאָט האָט זי דערהערט. עפּעס אַזאַ פרייד האָט זיך צוגאָסן איבער איר, און אַזאַ לייכטקייט... זי האָט זיך צוגעהערט מיט

פארכאפּטן אָטעם. אָ, אויבן אין אויבערשטיבל איז עפּעס געשען!... עפּעס גוטס... עפּעס זייער גוטס...

האַלוציניאַציע, נישט מער!... גאָרנישט איז נישט געשען...

דאָך איז איר דאַנקבאַרקייט צו גאָט פאַר דעם חתן, וואָס ער האָט איר באַשערט, נישט קלענער געוואָרן. איז אַפילו גע־וואַקסן מיט יעדן טאָג, אין וועלכן זי האָט זיך נישט געקאָנט זאַט אָנקוקן אין איר געליבטן, און איז דערגאַנגען ביז צו עקסטאַז אין איר חתונה־טאָג.

דאָס איז געווען אין דעם זוניקן חודש יוני, און פול מיט ליבע און דאַנק צו גאָט איז זי אַוועקגעפאָרן מיט איר געליבטן מאַן איבער דער ליכטיקער בליענדיקער וועלט צו געניסן אַ גליקלעכן פריידיקן האָניק־חודש.

יאָ, אַ גליקלעכן, פריידיקן האָניק־חודש!...

אויפן פינפטן טאָג פון זייער רייזע איז עס געשען, און אין באָסטאָן. ער איז אַריין אין אַ דראַגסטאָר קויפן סיגאַרעטס, זי איז געבליבן דרויסן. מ׳דאַרף דאָך נישט אַריינגיין זאַל־באַנאַנד נאָך אַ פּעקל סיגאַרעטס. איז זי געשטאַנען און האָט געקוקט מיט פריילעכע אויגן און זינגענדיקן האַרץ אויף דער געדיכטער באַוועגלעכער מענטשהייט אין דער רוישיקער גאַס. פּלוצלונג אַן אויפרייס ווי פון אַ קאַנאָנאַדע און בריאַזג פון צובראָכענע שויבן. אין דער ערשטער מינוט פון איבערגע־שראָקנקייט האָט זי אַפילו נישט געקאָנט זיך כאַפּן, וואָס און וואו. אָבער אַז מענטשן האָבן אַ שפּאַר געטאָן אין דער אַפּטייק, האָט זי משונה אויפגעשריען און אַ לאָז געטאָן זיך אַהין, שטופּנדיק, שטויסנדיק, אומוואַרפנדיק, מיט דעם כוח פון פאַר־צווייפלונג. אָ־אָ־אָאָאָ!... אין דער אַפּטייק האָט געפּלאַצט אַ גרויסער אייזערנער סיפאָן און דערהרגעט דעם אַפּטייקער, זיין געהילף און אים, איר מאַן, דעם יונגן פרומען גלח, וואָס איז נישט ווייניקער פרום און גוט געווען, ווי איר טאַטע...

זי לאָזט אויס די ווייטערדיקע איינצלהייטן. זאָלן די צו־הערער אַליין זיך פאָרשטעלן. אין אירע פאַרגרעסערטע אויגן, וועלכע זי שטעלט אָן אויף אירע צוהערער, ליגן נאָך איצטער

שרעק און פאַרצווייפלונג. דער „אוי!”, וואָס רייסט זיך ביי זיי אַרויס, איז אַ גוטער עדות, אַז זיי האָבן גוט באַגריפן, אַז זיי שטעלן זיך שוין ריכטיק פאַר.

ניין, זי דאַרף נישט דערציילן, וואָס זי האָט געפילט, וואָס זי האָט איבערגעלעבט, ווי זי האָט גאָר געקאָנט ווייטער לעבן. עס שווינדלט די צוהערער, העדצער קלאַפן, טרערן פילן אָן די אויגן. אָ, יאָ, זיי זעען. זעען גוט. זעען אַלץ. און זי זיפצט אויף.

„ווי איך האָב דאָס איבערגעלעבט, ווי איך האָב געקאָנט בלייבן לעבן, איז אומבאַגרייפלעך. ווי בין איך נישט משוגע געוואָרן!... בין אַפילו נישט ערנסט קראַנק געוואָרן!...”

נאָר זי געדענקט נישט, ווי זי איז געקומען צו טעלע־גראַפירן דעם טאַטן. האָט זי עס אַליין געטאָן אָדער עמיצער אַנדערש פאַר איר? זי האָט גאָרנישט געקאָנט רעדן. זי האָט נאָר געזען אים פאַר זיך, אַ טויטן אַ צובלוטיקטן. נישט געקאָנט באַגרייפן, אַז דאָס איז געשען, אַז דאָס האָט ווירקלעך גע־טראָפן... און געוויינט, געוויינט, געוויינט, נישט וויסנדיק, אַז זי וויינט.

ווען דער טאַטע איז אָנגעקומען, האָט זי אויסגעשריען פול שמערץ און פאַרצווייפלונג און בעס נאָר איין וואָרט:

„פאַרוואָס?!”

ער האָט נישט געענטפערט, נאָר אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר רוקן און באַרואיקנדיק, טרייסטנדיק געפּעטשלט. אָבער זיינע שמייכלענדיקע ליפן האָבן געציטערט, און אין זיינע אויגן זיינען געשטאַנען שטומע טרערן.

דעמאָלט האָט זי אויפגעהערט צו וויינען. זי האָט גע־וואוסט, אַז דער טאַטע האָט איר נישט וואָס צו ענטפערן, און אַ האַרטקייט, האַרטער ווי קרעמען, האַרטער ווי אייזן, האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין איר נשמה. אָבער דעמאָלט האָט זי נאָך נישט געזאָגט דעם טאַטן, אַז זי וויל פון זיין גאָט מער נישט וויסן. אַז די גרעסטע גנאָד, וואָס זי קאָן זיין גאָט טאָן, איז לייי־קענען אים אין גאַנצן, זאָגן, אַז ער איז נישטאָ און נישט גע־ווען... דאָס האָט זי געטאָן ערשט נאָך דער לויה.

א ריזיק גרויסע לויה געווען. די גאנצע שטאט, קינד און קייט, איז געגאנגען צום בית עולם. און נאטירלעך אלע שטו־ביקע. אז זיי זיינען געקומען אהיים צוריק פון דער באערדי־קונג, זיינען זיי געבליבן געפלעפט פון דעם, וואס זייערע אויגן האבן דערזען.

אויף דער לאנקע פארן הויז האט די באבע געטאנצט א באלערינע־טאנץ, מוטערנאקעט, מיט א בלומענקראנץ אויפן קאפ און א גירליאנדע איבער דער פלייצע. אין איר זכרון איז מסתמא וואך געווארן א בילד פון א טאנצנדיקער וואלדגעטין, און זי האט איר נאכגעטאנצט. זי האט ריטמיש באוועגט די הענט הויך איבערן קאפ אין האלבקרייז, שטייענדיק אויף די פינגערשפיצן פון דעם אויפגעשטעלטן לינקן פוס, דעם רעכטן פוס אויסגעשטרעקט פארויס מיט די פוספינגער אראפגע־בויגט אראפ, דעם אויבערקערפער אנגעבויגט אויף הינטן. אויף איר געזיכט איז געווען צוגאסן א צופרידענער שמייכל פון גרויסן גענוס, אין אירע אויגן איז געלעגן געזאנג. זי האט זיך זיכער געפילט עלאסטיש און בויגיק, געזען זיך אזוי שיין ווי די וואלדגעטין. אבער עס איז געווען עקלהאפט אנצוקוקן א צוקנייטשטן, צוקארטשעטן בויך, א דיקן ברייטן אונטערטייל און צוויי אראפהענגענדיקע בריסט, וואס האבן זיך אומגעווארפן ווי צוויי לעדערנע געלט־בייטלעך.

אין דער יונגער אלמנה האט אויפגעשטורעמט. די אלטע משוגענע באבע, וועמען זי האט געהאט פארגעסן אין דעם נעקראך פון איר קאטאסטראפע, לעבט נאך, און ע ר איז טויט! קאן דאס טאן א גאט פון רחמנות, פון ליבע, פון גערעכטי־קייט?! קאן עס זיין אפגעפלאנעוועט, אפגעטראכט, פארבא־שטימט? קאן אין דעם זיין עמעצנס ווילן, עמעצנס האנט?

ניין! ניין! ניין!

אבער אויך דעם טאטנס געזיכט איז דעמאלט געווען הארט...

ההההא !

1934.

די חיה רעה

פאַר זייטיקע מענטשן איז עס געווען בלויז אַ געלעכ־טער, אַ ריינע קאָמעדיע.

געהייסן האָט עס: דער חיה רעה האָט זיך פאַרוואָלט פּראַווען דעם סדר — ווי זאָל מען דאָ נישט לאַכן!

פאַר די אייגענע אָבער איז עס געווען אַ קוואַל פון טרערן און יסורים, און דערנאָך פון חרטה, אָבער אויך פון גרויסער דערלייכטערונג. —

די חיה רעה איז געווען אַ בחור פון אַ יאָר צוואַנציק. אויף איין אויג, אַ הינקעדיקער, אַ זאַאיקע און אַן עפּילעפּ־טיקער. געגנוג אָנשיקעניש אויף איין מענטש. און ער האָט דאָס אויך אַזוי געפילט. ער האָט אפילו געפילט, אַז ער האָט שוין איבערגענוג, אַז ער האָט שוין צופיל, אַז גאָט האָט אויף אים אַרויפגעוואָרפן פון זיינע פּלאָגן מער ווי אויף אַלע מענטשן.

שוין אַלס קינד האָט ער דערפילט דעם אונטערשייד צווישן זיך און די אַנדערע, און זיין געמיט איז פאַרסמט געוואָרן, זיין קליין הערצל איז אָנגעפילט געוואָרן מיט קנאה און שנאה.

ער האָט מקנא געווען צוויי אויגן, גלייכע פיס, אַ גע־לויפיקע צונג. די גלאַטע צינגער פון זיינע חדר־חברים פלעגן אים רייצן ביז צו טרערן. ער פלעגט זיי קוקן אין מויל אריין און וואונדערן זיך, פאַרוואָס גייען זייערע צינגער אַזוי גלאַטיק. און טראַכטן דערביי, וואָס צו טאָן, זיי זאָלן אויך זאַאיקען. און האָבן זיך קינדער פאַרזאַמלט צו שפּילן אין לויפעניש און כאַ־פּעניש, האָט ער נאָר געטראַכט, ווי שטערט מען זיי, און גע־פּלאַנעוועט אַ שרעקלעכן פּלאַן, זיי אַלעמען הינקעדיק צו מאַכן.

איין מאָל האָט מען אים געכאַפּט מיט אַ גרויסן טשוואָק איבער דעם לאַכנדיקן אויג פון אַ ווייגקינד.

און מוטערס פלעגן צוכאַפּן פון אים זייער קליינוואַרג, און אַלע קינדער האָבן געוואוסט, אַז מיט דער „חיה רעה״ טאָרן זיי זיך נישט שפּילן. זיינע באַלעבאַטישע עלטערן האָבן געמוזט צאָלן פאַר אים גרויסן שכר לימוד, אַבי מען זאָל אים האַלטן אין חדר. די מלמדים פלעגן זאָגן: ער האָט אַ שאַרפן קאָפּ אויף זיך, אָבער דאָס איז דאָך עפּעס אַ חיה רעה!

און דאָס איז געווען דער גרעסטער האַרצווייטיק פון זיינע עלטערן. ער האָט געהאַט גוטע פעאיקייטן און וואָלט ווייט געבראַכט, אָבער זיין ווילדקייט איז געווען זיין ערגסטער שונא, און זיי פלעגן אים שלאָגן און הרגענען, אום אַרויסצו־טרייבן פון אים זיין ערגסטן שונא. אָבער זייער מי איז גע־ווען אומזיסט.

ווען ער איז געווען פערצן יאָר אַלט, האָט ער אונטער־געהערט אַ געשפּרעך, פון וועלכן ער האָט זיך דערוואוסט, אַז זיינע מומים און קראַנקהייטן נעמען זיך דערפון, וואָס זיין טאַטע־מאַמע זיינען לייבלעכע שוועסטערקינדער. אַ וואונדער, וואָס די אַנדערע זעקס קינדער האָבן גלאַט אָפּגעשניטן. עס איז פּשוט: וואָס עס האָט געזאָלט אויסגיין צו אַלע קינדער, איז אויסגעגאַנגען צו אים אַליין.

זיין ערשטער געדאַנק איז געווען אונטערצוצינדן ביי דער נאַכט דאָס הויז און פאַרברענען טאַטע־מאַמע מיט די דריי ברידער און די דריי שוועסטער. אָבער ווייל ער האָט דאָס דורך פאַרשיידענע סיבות נישט געקאָנט אויספירן, איז ער אוועק און האָט זיך אויפגעהאַנגען. דער צופאַל האָט אָנגעטראָגן די דינסט. זי האָט געמאַכט אַ געשריי, און מען האָט אים אַראָפּ־גענומען פון שטריק. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט נאָך געהאַט אין זיך אַ פונק לעבן, און דעם דאָקטאָר איז גע־לונגען פונאַנדערצובלאָזן דעם פונק.

דער אומקער צוריק צום לעבן האָט אים גאָר אינגאַנצן ווילד געמאַכט. ער האָט נישט געמאַכט קיין אַנדער פאַרזוך צו שטאַרבן, אָבער מער ווי פריער האָט ער זיך איצט פאַרגענומען

אַלעמען צו פאַרביטערן און צו פאַרגאַלן און צו פאַרעקלען דאָס לעבן, ווי אים איז עס פאַרביטערט און פאַרגאַלט און פאַרעקלט געוואָרן. די דינסט האָט געמוזט אַנטלויפן פון שטוב, און ביים ראַקטאָר האָט ער אויסגעבראָכן אַלע שויבן.

די עלטערן זיינען זיך אַ צייט נאָך זיין זעלבסטמאָרד־פאַרזוך באַגאַנגען מיט אים מיט אַ סך רחמנות און אַפילו מיט ליבע. זיי האָבן פּלוצלונג אַנטדעקט אין זייער חיה רעה עפּעס מענטשלעכס. עס איז זיי קלאָר געוואָרן דער גרויסער שמערץ, וועלכן ער טראָגט אין זיך. די מוטער האָט אויפגעוואַרימט אין זיך איר גאַנצע לאַסקע, דער פאָטער האָט אָנגעשלאָגן דעם טאָן פון אַ גוטן און רואיקן וועגווייזער. זיי האָבן זייערע געזונטע קינדער נישט געשיקט אין גימנאַזיע, ווייל זיי זיינען געווען פרומע יידן און האָבן נישט געוואָלט וויסן פון אַ גויאישער שקאָלע, אָבער אויב ער וויל, וועלן זיי אים אַריינברענגען אין גימנאַזיע. און זיי האָבן אָנגעזאָגט אַלעמען אין שטוב, מען זאָל זיך באַגיין מיט אים ליבלעך און פריינטלעך.

אָבער אַלץ איז געווען אומזיסט. עס איז געווען, ווי ער וואָלט נישט געהערט, וואָס מען רעדט צו אים, און זיין איינציק אויג האָט געקוקט אָן אַ זייט, פאַרביי דעם, וואָס האָט גערעדט צו אים, מיט אַ גלאַנציקן טויטן בליק.

דער סוף איז געווען, אַז די עלטערן האָבן זיך צוריק אומגעקערט צו זייער אַלטער מעטאָדע פון שלאָגן. און נאָך מער און שטאַרקער שלאָגן ווי פריער, ווי זיי וואָלטן געוואָלט נקמה נעמען פאַר זייער פאַרלאָרענער גוטסקייט. אָבער די קלעפּ האָבן נאָך ווייניקער געהאָלפן ווי פריער. אים, וועלכער האָט שוין פאַרזוכט דעם טעם פון טויט, האָבן די קלעפּ און שלעג נישט אויסגעמאַכט. ער פלעגט זיי אָננעמען, ווי נישט אים מיינט מען עס. ער האָט אויך מער קיינמאָל נישט געוויינט, ווי ער וואָלט מיט ווילדפלייש באַוואַקסן געוואָרן. און ער איז דאָך טאַקע אַרומגעגאַנגען אין אַ דיקער הויט, וועלכע דער טויט האָט אויף אים אָנגעטאָן. ער האָט געהאַט נאָר איין ציל פאַר זיך: אַלעמען צו פאַרביטערן דאָס לעבן.

די עלטערן האָבן עס ענדלעך נישט אויסגעהאַלטן, פאַר־

ביסן זייער שטאָלץ און יחוס און אַרייננעגעבן אים אין הקדש אַלס נישט־קורירבאַרן קראַנקן. אָבער ער האָט דאָרטן אָנגעטאָן די איבעריקע חולאים אַזעלכע צרות, אַז מען האָט אים אַרויס־געטריבן. די עלטערן האָבן אים אַוועקגעפירט אין אַ ווייטער שטאָט און דאָרטן אַרייננעגעבן אין אַ הקדש. אָבער אויך פון דאָרטן האָט מען אים אַרויסגעטריבן, און פּאָליציע האָט אים געבראַכט „פּאָ־עטאַפּו" אהיים, אָפּהאַלטנדיק אים אין די פאַרשיידענע אַסטראָגן איבער אַ יאָר צייט.

איצטער — און ער איז שוין געווען אַכצן יאָר — האָט די מוטער געפּרואווט וויינען איבער אים, בעטן זיך ביי אים רחמים, ער זאָל זיך בעסערן. זי האָט גערעדט צו אים ווי אַ מאַמע קאָן רעדן, און געבעטן זיך ביי אים, ווי נאָר אַ מאַמעס צובראָכן האַרץ קאָן בעטן. און דער טאַטע האָט אים מוסר געזאָגט און פאַרשפּראָכן אים, אַז ווען ער וועט זיך בעסערן און מער מענטש ווערן, וועט ער נאָך געפינען פאַר אים אַ כלה — אַ שיין און לייטיש מיידל. אָבער אַלע רייד זיינען געווען אַרויסגעוואָרפן. אויך די שיינע און לייטישע מיידל פאַר אַ כלה איז פאַרביי פאַר זיין אויער אָן אַ ווירקונג. ער האָט גאָרנישט געוואָלט פון לעבן, ווי נאָר קאָנען עם שווער מאַכן די אַנדערע. און אין דעמזעלביקן טאָג האָבן שוין גע־וויינט פון אים די מאַמע און די דריי שוועסטער און דער קלייניקער ברודער. און דער עלטערער ברודער האָט זיך גע־וואָרפן צו אים מיט אויפגעהויבענע פויסטן און געשריען, אַז ער וועט אים דעם קאָפּ צושפּאַלטן. און דער טאַטע האָט געקרעכצט און וואָלט געשוואָרן, אַז אים זיינען צוגעקומען נאָך גרויע האָר אין באָרד.

און אָט די חיה רעה האָט זיך דערפילט פאַר דעם עלטסטן מאַנסביל אין שטוב. דאָס איז געווען, ווען דער טאַטע איז גע־שטאָרבן, דער עלטסטער ברודער האָט חתונה געהאַט און באַזעצט זיך אין אַ דערבייאיקן שטעטל, דער צווייטער ברודער איז אַוועק אין סאָלדאַטן, און די מאַמע, אָנגרייטנדיק אויף פּסח און רעדנדיק מיט איר עלטערער טאָכטער וועגן די סדרים,

האָט פּלוצלונג אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, אין דעם באַוואוסט־זיין פון איר אַלמנהשאַפט און פאַרלאָזנקייט.

אין דער חיה האָט פּלוצלונג עטוואָס אויפגעקלאָרט. ער האָט זיך מיטאַמאָל געכאַפּט, אַז ער איז דער עלטסטער מאַנסביל אין הויז. איצטער וועט ער האָבן די געלעגנהייט צו פאַר־לאַנגען פון די שטוביקע דרך ארץ און כבוד און פּייניקן זיי מיט אַ נייער פּיין. זיין אויג האָט זיך אָנגעצונדן, און מיט בייזער אַנטשלאָסנקייט האָט ער שאַרף אַרויסגעשטאַמלט:

„אי־אי־איך ווּ־וועל פראַווען דעם סדר!"

די פרויען האָבן אויפגעשוידערט.

און די חיה רעה האָט נאָך געוואָלט זיין ווייציק און ווידער געשטאַמלט:

„אי־אי־איך ווּ־וועל זיין דער מ־מ־מלך!"

די שוועסטער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט מיט חוזק.

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט זיין בייזעסטן בליק און אַרויס־געריידט מיט פאַרביסענע ציינער:

„איך וועל פּפּפראַווען דעם סססדר!"

אויף די פרויען איז אָנגעפאַלן אַ שרעק. זיי האָבן זיך נישט דערוועגט צו ענטפערן אים, אָבער האָבן זיך דערנאָך לאַנג גע־סודעט צווישן זיך פול פאַרצווייפלונג און שרעק. עס איז ביי זיי געווען זיכער, אַז אויב ער וועט פראַווען דעם סדר, וועלן זיי האָבן דעם פאַרשטערטסטן סדר. שוין בעסער גאָר קיין סדר נישט אָפּריכטן. שוין בעסער אָפּריכטן חצות, שוין בעסער פאַסטן.

אין שטוב האָט זיך באַזעצט אַ גרויסע אויפרעגונג. די עלטערע שוועסטער, וועלכע האָט אויף אים געהאַט אַ גאַנץ באַזונדערן כעס, ווייל ער האָט פאַרטריבן אַ יונגנמאַן, וועלכער האָט אָנגעהויבן צו שדכנען זיך צו איר, האָט פעסט דערקלערט, אַז זי וועט נישט זיצן ביי אַ פּסח־טיש, וואו ער וועט פראַווען דעם סדר, און וועט בעסער אַוועק פון שטוב. דער קלענער ברודער האָט געשוואָרן, ווי ער איז אַ ייד, אַז ער וועט ביי אים נישט פרעגן די פיר קשיות. די ביידע קלענערע שוועסטער

האָבן גלאַט געוויינט און אָנגעקוקט אים מיט האַס און געשאָלטן אים מיט ביטערע קללות.

אין איר פאַרצווייפלונג האָט די מוטער געשריבן צו איר עלטערן זון, אַז אויב ער וויל, זי זאָל נישט האָבן קיין פאַרשטערטן פּסח, זאָל ער רחמנות האָבן און קומען מיט זיין ווייב צו איר אויף יום טוב. דער גוטער זון האָט אָנגענומען די איינלאַדונג. מען האָט עס אָבער געהאַלטן בסוד פון דער חיה רעה. מען האָט מורא געהאַט, ער זאָל עפּעס נישט אָנטאָן א חורבן אין שטוב. אָבער מען איז אַרומגעגאַנגען מיט א שלעכט באַהאַלטענער פרייד און א נצחון־געפיל. ער האָט געשפּירט, אַז עפּעס גייט פאָר קעגן אים, נאָר ערשט ווען דער ברודער מיט זיין ווייב זיינען געקומען ערב פּסח, האָט ער באַגריפן די המצאה. אין שטוב האָט אויסגעבראָכן א שמחה, א טאַנצעניש, א שפּרינגעניש, אָבער אין מיטן טומל האָט ער אַרויסגעשיפּעט מיט א פון בייזקייט פאַרקרימטן געזיכט:

„איך וו־וו־ווועל דהדאָך פּפּפּראָווען דהדעם סססדר!"

די אָפּאָזיציע האָט זיך מיט גרויסן חוזק צולאַכט און אַרויסגעשטעקט אים די צינגער, באַהאַלטנדיק זיך דערביי הינטער דער שיינער שווענערין.

היסטעריש, מיט ווילדער בייזקייט האָט ער דערקלערט, אַז דער עלטערער ברודער איז דאָ בלויז א גאַסט, און אַז ער איז דאָ איצטער באַלעבאָס, און ער וועט פון זיין רעכט נישט אָפּטרעטן.

די שיינע שווענערין, א הייסע ברונעטקע מיט ברענענדיקע אויגן, האָט זיך גענומען אַריינלייגן אין דעם עסק. צוערשט האָט זי געפּרואווט איבעררעדן די אַנדערע, זיי זאָלן אים נאָכגעבן. וואָס אַרט עס זיי, אַז ער וועט פּראַווען דעם סדר?

דער ענטפער איז געווען איינשטימיק און פעסט: ניין. אָט שוין דערפאַר אַליין, וואָס ער וויל אַזוי, איז דווקא נישט. און די עלטערע שוועסטער האָט דערקלערט, אַז זי וועט בעסער אַוועקגיין פון שטוב. און דיביידע ייִנגערע האָבן זיך צעוויינט און געשאָלטן אים. און דאָס ברודערל האָט געשוואָרן, אַז ער וועט נישט פרעגן די פיר קשיות.

דאָס יונגע ווייבל האָט זיך איצטער געווענדעט צו אים. זי האָט אַרויפגעלייגט אירע הענט אויף זיינע פּלייצעס, צוגע־רוקט איר געזיכט נאָנט צו זיינעם און אַריינגעקוקט מיט אירע ברענענדיקע אויגן אין זיין מוטנעם, שמוציק־גרויען אויג און אָנגעהויבן אַריינצורעדן אין אים מיט אַ סאַמעטענעם, לאַש־טשענדן, פאַרשיכורנדיקן טאָן.

אַ מערקווירדיקער, נאָך קיינמאָל נישט געשפּירטער ציטער איז אים דורכגעגאַנגען דורך דעם גאַנצן קערפּער, און ער האָט אָנגעהויבן שווער צו אָטעמען. און פּלוצלונג האָט ער גראָב אַראָפּגעוואָרפן אירע הענט פון זיינע פּלייצעס, שיר נישט אומ־וואַרפנדיק זי, און איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

אין הויף האָט ער געקראָגן אַן אָנפאַל פון עפּילעפּסיע. אַז ער איז געקומען צו זיך איז ער אויפגעשטאַנען און אַרויס פון הויף און נישט געקומען מער צוריק. מען האָט אים אַרומ־געזוכט טעג און נישט געפונען.

דאָס איז דערפאַר, וואָס די טיפע, גרין איבערצויגענע, פאַרשימלטע אָזערע האָט נאָך קיינמאָל נישט אוועקגעגעבן צו־ריק, וואָס זי האָט איינמאָל צוגענומען.

1915.

ווי די ציגײנערין האט געטראפן

דאָס פאַרשפּיל

א יונג ווייבל איז געזעסן פאַר דער טיר פון איר הויז און געזויגט איר קינד — א יינגל פון ארום א יאָר אַלט. אירע אויגן האָט זי געהאַלטן אָנגעשטעלט אין דער זייט גאַס, וואו אירע צוויי עלטערע קינדער — צוויי מיידלעך — האָבן זיך געשפּילט און געהאַלטן ביים צושלאָגן זיך. זי האָט שוין געוואָלט אויף זיי אָנשרייען, אָבער פון דער אַנדער זייט גאַס איז צוגעגאַנגען צו איר א ציגיינערין און עפּעס א זאָג געטאָן.

דאָס ווייבל, וואָס האָט נישט געהערט די ציגיינערין צוגיין, האָט זיך דערשראָקן און אַזאַ ציטער געטאָן מיטן גאַנצן קערפּער, אַז דאָס קינד ביי איר ברוסט איז פאַרצאַפּלט געוואָרן און האָט זיך צעוויינט. דאָס ווייבל האָט אויסגעשפּיגן מיט האַרץ פאַר דער ציגיינערינס פּנים: „טפוי צו איר קאָפּ!" זי האָט אַריינגעשפּאַרט דעם קינד די ברוסט און אָנגעהויבן טרייבן פון זיך די זון־פאַרברענטע פרוי.

די ציגיינערין האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. זאָל זי איר געבן די האַנט, זי וויל איר וואָראַזשען.

אָבער דאָס ווייבל איז געווען בייז און אויפגעבראַכט. זי דאַרף נישט קיין וואָר־זאָגעכטס און זי וועט נישט געבן די האַנט. „גיי!"

די ציגיינערין האָט זיך אַלץ נישט גערירט פון אָרט. זי האָט אָנגעהויבן צו רעדן צו דעם אַלץ נאָך וויינענדיקן קינד, טשמאָקען צו אים מיט די ליפּן, באַרואיקן עס. באַלד האָט זי באַמערקט, אַז זיין קעפּל איז נישט אַזוי ריין, און

אין א זייער גוטמוטיקן פריינדלעכן טאָן פון א פרוי, וועלבע ליבט קליינע קינדער, האָט זי געזאָגט דער מוטער, וואָס איז גוט צו טאָן פאַר דעם קעפּל. און איידער דאָס ווייבל, וואָס איז נאָך אַלץ געווען אָנגעדרוקט און בייז, האָט זיך אַרומגע־קוקט, האָט די ציגיינערין שוין געהאַלטן דעם קינדס הענטל אין איר גרויסער ברוינער האַנט.

„אָ,” האָט זי געזאָגט „לייענענדיק” די האַנט, „דיין קינד וועט זיין גרויסער מאַן, זייער גרויסער מאַן, זייער באַ־רימט, אָ, זייער בארימט. א סך געלט האָבן, אָ, אָ! זייער גרויסער הער, אָ!”

דאָס קינד האָט ווידער אַרויסגעלאָזן די ברוסט פון מויל, אומגעקוקט זיך אויף דער ציגיינערין, אָנגעקוקט עס אַ ווײַלע מיט אַ פאַרשנדיקן בליק, פאַרצויגן דאָס מיילעכל און אויס־געבראָכן אין נאָך אַ גרעסערער יללה. דאָס ווייבל האָט שנעל אַרויסגענומען זיין הענטל פון דער „מכשפהס לאַפּע”, אַריינ־געדרוקט אים די ברוסט, צוגעדריקט אים צו זיך און האַסטיק אַריינגעלאָפן מיט אים אין שטוב, מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ צו־מאַכנדיק הינטער זיך די טיר.

די ציגיינערין איז געשטאַנען אַ ווײַלע הינטער דער צו־געמאַכטער טיר, איבערגעטראָטן פון פוס אויף פוס, אַריינ־געקוקט אין דעם פענסטער, וואָס איז געווען נישט ווייט פון דער טיר און איז אַוועק, בורטשענדיק עפּעס. זי איז געווען פאַרוואונדערט און שטאַרק באַליידיקט. פאַר אַזאַ וואָרזאָגונג האָט מען דאַכט זיך געמעגט איר גוט באַצאָלן. זי האָט אָבער אויך פאַראַכטלעך אָפּגעשמייכלט. הו, ווען זי וואָלט אַלץ אויס־געזאָגט, וואָס זי האָט אַרויסגעלייענט!

און שפּעטער אַ ווײַלע, ווען דאָס קינד איז איינגעשלאָפן, איז דאָס ווייבל אַוועק צו די שכנות, צו דערציילן זיי אויף טשעקאַווע, וואָס די ציגיינערין האָט וואָרגעזאָגט איר בערע־לען. פאַרגינערינס האָבן דערהביי געזאָגט „הלוואי!” און דעם יונגלס געזיכט האָט געלויכטן. אָבער נישט־פאַרגינערינס האָבן געזאָגט: „אַז אַ ציגיינערקע רעדט, איז ווי אַ הונט האָט גע־בולן...” און דאָס ווייבל האָט געענטפערט מיט אַ ביסל רוגזה

און אַ באַהאַלטענער קללה: „און איך, מיינט איר, גלויב עס שוין?"

אויך דער מאַן האָט עס אויפֿגענומען סקעפּטיש, מעשה מאַנסביל: „פּשאַ! אַ ציגיינערטע! הבל הבלים! און דו, דער נאַר, ווילסט שוין מסתמא גלויבן?!"

און דאָס ווייבל האָט פֿאַרשלאָסן די וואָרזאָגונג טיף ביי זיך אין האַרצן.

דאָס צווישנשפּיל

לייט האָבן געזאָגט, אַז דאָס וואַקסט עפּעס אַ פּרא אדם, און דער רבי אין חדר האָט געזאָגט, אַז אַזאַ גראָבן פֿאַר־שטאָפּטן קאָפּ האָט ער נאָך נישט אָנגעטראָפֿן פֿאַר זיין גאַנ־צער דרייסיק־יאָריקער קנעלונג. אָבער די מוטער איז ביי זיך נישט אָראָפּגעפֿאַלן. נישקשה, אַבי זיין מזל וועט זיין קלוג. און עס איז איר געווען, גלייך מען פֿאַרגינט אים איר נישט.

ווען בערעלע איז געוואָרן אַכט יאָר, איז די גאַנצע פֿאַ־מיליע אַרויסגעפֿאָרן קיין ניו־יאָרק. ער איז אָנגעקומען אין דער פֿאָלקס־שול, אָבער ער האָט זיך זייער שלעכט געלערנט און שטאַרק ליב געהאַט די גאַס. שלאָגן און מוסרן אים האָט נישט געהאָלפֿן. ער פֿלעגט מאַכן אַזן אידיאָטיש־פֿאַרשלאָפֿן גע־זיכט, און מען האָט געהאַט דאָס געפֿיל, אַז מען רעדט צו דער וואַנט און מען שלאָגט אַ שטיק האָלץ. אָבער די מאַמע האָט געטראַכט: מילא, וועט ער קיין פּראָפֿעסאָר נישט זיין. אין אַמעריקע איז עס אויך גאָרנישט אַזאַ גרויסע זאַך.

צו זיין צענטן יאָר איז זיין פֿאָטער געשטאָרבן. און דע־מאָלט האָט די מאַמע אויפֿגעשלאָסן איר האַרץ און אַרויסגע־געבן אים דער ציגיינערינס וואָרזאָגונג. זי האָט געוויינט אי־בער אים. ווי קאָן פֿון אים עפּעס ווערן, ווען ער איז אַזוי פֿויל און שלעכט?

ער האָט פֿויל געקוקט אין דער ווייטקייט און לאַנגזאַם אַריינגענומען אין זיך דער מאַמעס ווערטער.

האָט ווירקלעך אַ ציגיינערטע אים אַזוינס וואָרגעזאָגט?

גאַנץ געווים. זי וועט דאָך דאָס נישט אויסטראַכטן.
זי האָט זיך נאָך געשוואָרן.

ער האָט אויסגעפּייפט צופרידן און גליקלעך.

האָט זי אויך געזאָגט, אַז ער וועט זיין געזונט און שטאַרק?

ניין, דאָס האָט די ציגיינערטע נישט געזאָגט. אפשר וואָלט זי עס נאָך געזאָגט, אָבער ער האָט זיך גראָד צואוויינט, און זי איז מיט אים אַריינגעלאָפן אין שטוב.

עס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס ער וויים דאָס נישט. ער וואָלט אויך געוואָלט זייער שטאַרק זיין, אָבער וואָס מאַכט עס אוים, אַבי ער וועט זיין רייך. האָ, ווי גוט, וואָס ער וויים, וואָס מיט אים וועט זיין! איצט קאָן ער טאָן וואָס ער וויל.

דער קלימאַקס

בערל האָט אַנטדעקט זיין טאַלאַנט און געפונען זיין באַ־שעפטיקונג. צו איין־און־צוואַנציק יאָר איז „דזשיפּסי בערל" געוואָרן אין געוויסע קרייזן אַ שם דבר אַלס איינער פון די דערפאָלגרייכסטע קאָרטנשפּילער. „דזשיפּסי" האָט ער געהייסן, ווייל ער פלעגט שטענדיק רעדן פון אַ ציגיינערין, **וועלכע האָט** אַרויסגעלייענט פון זיין האַנט, אַז ער וועט זיין זייער רייך און באַרימט. און אַז די ציגיינערין האָט אמת געזאָגט, איז געווען צו זען דערפון, וואָס צו פינף־און־צוואַנציק יאָר איז ער שוין געוועזן אַ בעל־הבית פון אַן אייגענעם גוט־גייענדיקן שפּיל־הויז.

און באַלד איז ער אויך געוואָרן זייער באַרימט. אַלע צייטונגען זיינען פול געוואָרן מיט זיין נאָמען און זיינע בילדער, און „דזשיפּסי בערל" איז געוואָרן אויף אַלע צינגער אין גאַנצן לאַנד.

עס האָט זיך געהאַנדלט אום אַ שרעקלעכן מאָרד, אין וועלכן ער איז פאַרוויקלט געוואָרן. פאַר זיין אַלטער מוטער איז די גרויסע באַרימטהייט פון איר זון געווען אַ טויט־קלאַפּ: זי איז געשטאָרבן פון האַרץ־שלאַג, ווען מען האָט אים אַרעס־טירט. אָבער זי האָט זיך צוגעאיילט אַ ביסל. וואָרום בערל איז אַרוים פריי, אויסקויפנדיק זיין לעבן מיט אַרויסגעבן די

אַנדערע שולדיקע, און איצט ערשט איז ער געוואָרן אַן אמת גרויסער מאַן.

אין דעם פּראָצעס איז אויפגעדעקט געוואָרן, ווי שטיין־רייך ער איז, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צו זיינע פּאַרערער און באַוואונדערער איז נישטאָ קיין צאָל און קיין ערך. זיין באַפרייאונג איז געפייערט געוואָרן אין אומצייליקע הייזער, מען האָט נישט אויפגעהערט צו מאַכן פּאַר אים איין באַנקעט נאָך דעם אַנדערן. זיין גאַנג דורך די גאַסן איז געווען ווי דער גאַנג פון אַ הערשער — אַזויפיל באַגלייטער האָט ער געהאַט, און עס איז געווען, אַז וואו „דזשיפּסי בערל" איז אַריינגעקומען אין אַ הויז, האָט מען נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט אים, וואו אים אוועקזעצן, מיט וואָס אים מכבד זיין. און דער גאַסטגעבער פלעגט מיט גאווה לאָזן וויסן: „היינט וועט ביי מיר זיין „דזשיפּסי בערל"!" און אַלע פריינד און באַקאַנטע פון דעם הויז האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין זייערע בעסטע יום־טוב־קליידער און געלאָפן באַקאַנט צו ווערן מיט דעם גרויסן גאַסט, צו דריקן אים די האַנט, אָנצוקוקן אים, צו הערן אים רעדן.

און איינער האָט ביי אַזאַ געלעגנהייט איינגעלאַדן צו זיך דעם פּרעזידענט פון זיין שול.

און נאָך איינער האָט אַרויסגערופן צו זיך זיין דאָקטאָר — בלומרשט, ער איז קראַנק. און אַז דער דאָקטאָר איז געקומען, האָט ער אים מיט גדלות געזאָגט: „איך ווייס וואָס, נישטאָ קיין קרענק! אָבער ווייסט איר, ווער עס זיצט איצט ביי מיר? „דזשיפּסי בערל"!"

יידישע קינדער האָבן זיך איינפאַך געגרויסט מיט אים.

און „דזשיפּסי בערל" האָט עס אָנגענומען ווי עטוואָס גאַנץ נאַטירלעכעס, ווי עטוואָס, וואָס קאָן אים נישט איבער־ראַשן, ווייל זינט די מאַמע האָט אים אויפגעדעקט דער ציי־גיינערינס נבואה, האָט ער געוואוסט באַשטימט, אַז ער וועט קומען צו אַ סך געלט און גרויסן כבוד.

ער האָט זיך אפילו פאַרזאָרגט מיט כבוד אויף נאָך זיין טויט. ווען ער איז געפאַלן פון דער האַנט פון אַ „גענגסטער",

וועלכער האָט אים אריינגעשטאָכן א מעסער אין הארצן, האָט ער נאָך געלעבט גענוג אויף אָנצוזאָגן, ווי זיין לוויה זאָל זיין, און זי איז געווען, ווי די לוויה פון א גדול בישראל און א קדוש דאַרף זיין. וואָגנס מיט קרענץ און בוקעטן זיינען גע־פאָרן פאָרויס, און תלמוד־תורה־קינדער זיינען געגאַנגען פאַר זיין ארון און קלאָנגפול און רירנד געזונגען פסוקים פון תהלים, און הינטער דעם ארון האָט זיך געצויגן אַן אומענדלעכע שורה פון אויטאָמאָבילן און קאַרעטן און אומצייליק פוסגייער־פאָלק. און אויפן קבר האָט אַן אונטערגעהייצטער ראַבינער געמאַכט אים א זייער וואַרעמען הספד. — —

זיין נשמה אָבער איז דערוויילע געשטאַנען פאַרן בית־דין של מעלה, ווי ער איז אַמאָל געשטאַנען פאַרן בית־דין של מטה, און געפּרואווט זיך ארויסדרייען פון גיהנום־שטראָף מיט ארויס־געבן די מיטשולדיקע: זי האָט אָנגעוויזן אויפן גאַנצן לוויה־עולם מיט די אַלע כלי־קודש.

פעלער-אויסבעסערונג

זייט 37,	שורה 5 אויבן :	לעוואוינט	דארף זיין :	געוואוינט.
״ 81,	״ 2 אונטן :	געבלענד	״ ״	געבלענדט.
״ 82,	״ 5 אויבן :	צוגעהערט זיך גאָרנישט.	״ ״	צוגעהערט זיך. גאָרנישט.
״ 172,	״ 12 אונטן :	אין טעלעפאָן עם האָט.	״ ״	אין טעלעפאָן. עם האָט.

אינהאלט:

I.

ברוריה 9
יוחנן כהן גדול 69
די נסיונות פון רבי עקיבא 91
זרובבל 103

II.

אזוי האט עס געמוזט זיין 135
זי איז געווען העסלעך 145
די שווארצע קאץ 155
געקרויצטע דראָטן 171
די רעטעניש 201

III.

איר אויסקויף 213
וואס איז דער מענטש 225
דער דועל 237
אומזין פון לעבן 245
די חית רעה 255
ווי די ציגיינערין האט געטראָפן 265